STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06246

# DI RAYZE FUN DEM VANDERER TSUM BARG TSIYEN

John Bunyan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די רייזע.

# דיא רייזע

פֿון

# דעם וואנדערער צום בארג ציון.

איין זעהר וואונדערבארע ערציילונג וועלכע איז
איבערזעצט אין פֿיעל שפראכען און זעהר
גערידהמט פֿון מיליאנען לעזער.

פֿערפֿאסט אין ענגליש

פֿון

JOHN BUNYAN.

ערשטער טהייל.

איבערזעצט דורך

חמ"ד.

# אַ וואָרט צום יודישען לעזער.

דער מחַבֵר פֿון דיעזען סֵפֶר איז געוועזען איין זעהר געטליכער מאַן וועלכער האט געלעבט אין אונזער וועלט פֿאר אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק. ער איז אין דער קריסטליכער וועלט זעהר בעקאַנט דורך זיינע בעריהמטע ספרים וועלכע זיינען איבערגעזעצט געוואָרין אין פֿיעל שפּראַכען, און וועלכע זיינען זעהר נוצליך פֿאר יֶעדין מענשין וועלכער זוכט גאָט ב"ה צו דיענען דורך דעם חסד וועלכער איז אונז געגעבין אין גואל צדק ישוע המשיח יתברך שמו. דער מחבר זעלבסט האט אַן זיך ערפֿאַהרען דיא קראַפֿט פֿון דער בשורה הקדושה „דאס גאָט ב"ה האט זיין איינגעבאָרענען זוהן אין דער וועלט געשיקט דיא מענשין צו ערלייזין פֿון זייערע זינד און זייא אייביגעס לעבין צו געבין;" דער מחבר איז אליין דער מאַן וועלכער איז געוועזען אין דיא הענד פֿון שטן, און וועלכער איז נאָר גערעטטעט געוואָרין דורך דיא אמונה אין ישוע המשיח; דער מחבר איז זעלבסט דער מאַן אויף וועלכין עס

זיינען פיעל נסיונות געקומען וועלכע האבין איהם געקענט צום אייביגען פערדארבען ברייננגען, אבער ער האט אימער נייע קרעפטין בעקומען פון משיח מלחמה צו האלטין, און ענדליך אויך מנצח צו זיין. אין דיעזען ספר שילדערט דער מחבר—אין איין בילד פון א רייזע וויא: א מאן אנטלויפט פון „עולם השקר" צום „עולם האמת" און אללעס וואס מיט איהם אויף דער גאנצער רייזע פארגייט—אללע נסיונות וועלכע קומען אויף א בשר ודם, וועלכע מאכין אפט שוואך זיין אמונה, זיין מוטה און געדולד, און וועלכע פארביטערן אפט דיא זעלע דורך זינדיגע תאות, מחשבות, פחדים, ספקות און פאראירונגען, שלעכטע חברים און פיהרער—אזוי שטארק, דאס דער מענש איז באלד נאהענט אין תהום פון פינסטערנים אויף אייביג צו פארזינקען, אבער וויא ישוע המשיח ציהט דאך דעם מענשין ארויס פון אללע צרות, ווען דער מענש האט איהם נאר פאר זיינע אויגין, און ווען דער מענש פיהלט אינגערליך, דאס נאר דער משיח קען איהם רעטטען. גרויסארטיג, דראמאטיש איז דיא גאנצע רייזע געשילדערט: וויא משיחי דערפיהלט—דורך דאס לעזין אין גאט'ס ווארט—דאס ער איז אין איין פארלארינעם צושטאנד, ער וואהנט אין איין ארט וועלכעם מוז אונטערגיין (וויא סדום) איבער דיא זינד; ער מוז אנטלויפין, ער מוז פליעהען, ער מוז זיך רעטטען, ער מוז אויך זוכין צו רעטטען זיינע מיטמענשען, זיין ווייב און קינדער, שכנים און פריינד

א. ז. וו.—ער פיהלט וויא שרעקליך דיא זינד ליעגט אויף איהם און עס דריקט איהם צו וויא אַ שווערע מַשא, וועלכע איז איהם אונמעגליך לענגער צו טראגין אויף זיך. „אוי, וויא ווערט מען פון דער שווערע משא לויז?״ (איז זייז הויפט פראַגע). ער לויפט ער וויים נאך ניט ריכטיג וואוהין, אבער ער האט שוין געהערט דאס זיינע רעטטונג איז נאָר מעגליך, ווען ער זאל אריינקומען אין יענעם טהויעריל און גיין אויף יענעם שמאלין וועג, ד.ה., צו ישוע המשיח דעם געקרייציגטען צו קומען, וועלכער איז טאַקי זעלבסט „דער טהויעריל, דער וועג, דאס לעבין און דיא וואהרהייט,״ ער גייט צום ליכט, צום שיין וועלכעס איז איהם געוויעזען געווארין דורך אַ שליח פון גאט, דורך אַ מבשר, מען זוכט איהם צוריק צוהאַלטען פון זיין רייזע; ער פאַלט אריין אין פערצווייפלונג. ער ווערט פאראירט דורך איין „וועלט-קלוגען״ וועלכער וויל איהם איינריידין, דאס ער קען אָהנע צו פאָלגין מבשר'ס ווערטער דאָך פון זיין משא בעפרייט ווערין. ער אירט עפּטערס אויף דער רייזע, ער זעהט אבער דאָך ענדליך ארויס וויא נאַריש און סכנה'דיג עס איז אויף פאַלשע וועגין צו גיין רעטטונג צו זוכין. ער ווערט צוריק געפיהרט צום וועג וועלכער בריינגט איהם צום טהויעריל, צום געקרייציגטען ערלייזער וואו ער ווערט פון זיינע משא בעפרייט, און אויף דעם וועג וועלכער בריינגט איהם ענדליך צום אייביגען לעבין. ער האט גענוג אויף דער שווערע רייזע אויסצושטיין—וויא דוא וועסט זעהן

ליעבער לעזער — אבער דער גרויסער גאט וועלכער קוקט אריין אין זיין האַרץ און זעהט וויא זיין ארימע זעעלע רייסט זיך צו איהם, רעטעט דעם ארימען משיחי פֿון אללע צרות און ציעהט איהם צו זיך. איך האָף, ליעבער לעזער, דאס דוא וועסט דיעזען גרויסין מָשָׁל גוט פֿאַרשטיין און איך ווינש דיר דוא זאלסט אויך אַזאַ רייזענדער ווערין, און גאט זאל דיר העלפֿין צום ציעל צו קומען. אָמֵן.

דער איבערזעצער.

# ערשטעס קאפיטעל.

וואַנדערינדיג דורך דעם מִדְבָּר פֿון דער גרויסען וועלט בין איך צוגעקומען צו איין אָרט וואו עס איז געוועזן אַ הייל (אַ מְעָרָה). דאָרט אין דער הייל האב איך מיר שלאָפֿין געלייגט, און אין שלאף האט זיך מיר אַזוי געחלום׳ט: זעה, דאָרט אויף אַ פּלאַץ שטייט אַ מאַן, אנגעטהון מיט שמוציגע און צוריססענע קליידער. זיין פנים איז אָבגעקעהרט פֿון זיין אייגענעם הויז. אין דיא האנד האלט ער אַ ספר, און אויף דיא פלייצעס טראגט ער אַ גרויסע און שווערע משא. איך האב זיך צו איהם גוט צוגעקוקט און איך האב געזעהן וויא ער האט דעם ספר געעפֿענט און דאַרין געלעזין; און אַזוי לעזענדיג אין ספר, האט ער נעביך זעהער ביטטער געוויינט און געציטטערט. און ווען ער האט זיך שוין מעהר ניט געקענט שטילל האלטין, האט ער אויסגעבראכין אין ביטטערעם קלאגען און האט געשריען: „וואס זאל איך טהון?"

און אַזוי פֿארוויינט און פֿאַריאָמערט איז ער געגאנגען צו זיך אהיים. און וויא לאנג עס איז איהם נאר מעגליך געוועזן האט ער זיך שטילל געהאלטין, און האט זיין טרויער אין זיך פֿארבאָרגין כְּדֵי ווייב און קינדער זאלין עס ניט מערקין. אבער ער האט זיך לאנג ניט געקענט שטילל האלטין. זיינע איננערליכע נויט האט איהם געצוואונגען פֿאר ווייב און קינדער זיין האַרץ אויסצוגיעססען. „אך ליעבע פֿרוי און טייערע ליעבע קינדערלאך"—האט דער מאַן אנגעהויבען צו זאגין—„עס איז אויס מיט מיר! דען דיא משא אויף מיינע פלייצעס דריקט מיך שרעקליך. און עס

איז מיר נאך צו־וויססען געטהון געווארין אויף געוויסס, דאס א פייער פון הימעל וועט אונזער שטאדט פארברענען; און אין דעם שרעקליכען סוף פון אונזער שטאדט — (ווען מיר וועלין ניט זוכין זיך צו רעטטען אויף דעם איינציגען וועג וועלכען איך זעה נאך) — וועלין מיר אללע, איך, אויך דוא מיינע ליעבע פרוי, אויך איהר מיינע ליעבע קינדער, שרעקליך אומקומען."

הערינדיג דיעזע זיינע ווערטער, זיינען זיין ווייב און קינדער זעהער דערשראקין געווארין; ניט ווייל זייא האבין געגלויבט אַז עס איז אמת אָט דאס וואס ער זאגט, נייערט, ווייל זייא האבין געמיינט דאס ער איז אַראפּ פון זינען און האט אין קאָפּ פאַררוקטע געדאנקען. און ווייל עס איז דאמאלסט גְראד נאכט געווארין און זייא האבין געדאכט אַז ווען ער וועט זיך נאר אויסשלאפען וועט ער רוהיגער ווערין — האבין זייא איהם גיך שלאפען געלייגט. אבער אין דער נאכט איז דער מאן אַזוי אונרוהיג געוועזען וויא בייא טאג; און אנשטאט צו שלאפין האט ער געוויינט און געזיפצט.

וויא עס איז נאר טאג געווארין זיינען זייא צו איהם צוגעקומען און געפרעגט וויא עס גייט איהם? זיין אנטווארט איז אבער געוועזען: „אוי, ביטטער און ביטטערער!"

ער האט נאכאמאל אנגעהויבען זייא צו זאגין זיינע רייד וויא נעכטין, זייא אבער האבין איהם אנגעקוקט מיט בייזע פנים'ער און האבין איהם גאר ניט געוואלט אויסהערין וואס ער האט געזאגט. זייא האבען באלד געדאכט, אַז עס וועט אָם־בעסטין זיין, ווען זייא וועלין זיך געגין איהם בֵייז און שטרענג בענעהמען. זייא האבין פון איהם געשפאָט און געלאַכט, זייא האבין איהם געזידעלט; און ענדליך האבין זייא איהם גאר אַליין געלאזין, און זיך מעהר גאר ניט וועגען איהם בעקימ־מערט. ער האט זיך דארום מתבודד געוועזען (זיך צוריקגעצויגען)

אין זיין ציממער אום פאר זייא מיט אַ צובראכענע הארץ תְּפִלָּה צו טהון, און זיין אומגליק און עלענד צו בעקלאגין. דערנאך איז ער זיך אַזוי איינזאַם און אַליין ארום אויף דיא פעלדער. דאָרט האט ער אין זיין ספר געלעזען און תְּפִלָּה געטהון; און אַזוי איינזאם האט ער פערבראכט איינינע טעג.

איך האב איהם אמאהל געזעהן אין דיא פעלדער אַרום גייענדיג, לעזענדיג נאך זיין שטייגער־נאך אין זיין ספר מיט איין זייער פארקלעמטע און פארביטטערטע הארץ; און אַזוי לעזענדיג האט ער אויסגעשרִיעֶן וויא צופאָר „וואס זאל איך טהון דאס מיין נשמה זאל נצול ווערין"? — איך האב דערנאך געזעהן וויא ער האט זיך ארום געקוקט אויף אללע זייטין, וויא איינער וואס זוכט צו אנטלויפין. דאָך איז ער שטיין געבליעבען, נאכדענקענדיג. וויא עס האט געשיינט האט ער זיך אַ ווייל שטילל געהאלטין אום צו בעקלעהרין און צו בארעכענען אין וואס פאר אַ וועג ער זאל זיך נעהמען. און טאַקי דאמאלסט האב איך געזעהן וויא איין מאַן, וואס הייסט „מְבַשֵׂר," איז צו איהם צוגעקומען און האט איהם אַ פרעג געטהון: „ווארום וויינסטו"?

„איך, מיין העדר" — האט ער צו מבשר'ן געזאגט — „איך זעה ארוים אָט פון דיעזען ספר וועלכין איך האלט אין דער האנד, דאס איך בין פאר'משפט צום שטארבין, און דערנאך דין וחשבון אבצוגעבין, און מיר ווילט זיך זייער ניט שטארבין, אויך בין איך ניט אַמאל צוגערייט, כְּדֵי פאר דעם געריכט באשטיין צו קענען."

אויף דיא ווערטער האט זיך מבשר אפגערופען: „ווארום אייגענטליך ווילט זיך דיר ניט שטארבין? דאס לעבין איז דאך מיט אַזוי פיעל אומגליקען און שמערצין פארבונדין"?

„ווייל איך האב מורא" — האט דער מאַן געענטפערט — „דאס דיא משא וועלכע ליעגט אויף מיינע פלייצעס וועט

מיך אַראָפּדְריקען זעהער טיעף, פיעל טיעפער און ווייטער פון'ם קבר. יאָ, איך האב מורא דאס מיין משא וועט מיך אראפּשלעפּין אין גיהנם אריין! און, הערר, ווען אַ תְּפִיסָה (אַ סטראָג) איז שוין אַזוי שרעקליך פאר מיר, וויא שרעקליכער וועט עס נאך פאר מיר זיין ביים יום הדין פאר'ן געריכט צו שטיין און דיא שטראף צו ליידין! — אָט דאס זיינען עס דיא געדאנקען וואס ברייגגען מיך אַזוי ביטטער צו קלאגין און צו וויינען."

„ווען עס שטייט מיט דיר אַזוי" — האט מבשר געזאגט — „היינט ווארום בלייבסטו עפּעס אַזוי רוהיג שטיין? — און גלייך האט מבשר דעם מאן אַ געשריעבענעס בלאַט דערלאנגט וואס דאַרין זיינען געשטאנען געשריעבען אָט דיא ווערטער: „אנטלויף פון דעם צאָרין וואס קומט."

וויא דער מאן האט דיא שריפט איבערגעלעזין האט ער מבשר'ן אנגעקוקט מיט פארוויינטע אויגין און האט זיך צו איהם אפגערופען: ליעבער הערר, וואוהין דען זאל איך אנטלויפין? — אויף דיזע פראגע האט מבשר איהם געענטפערט, ווייזענדיג מיט'ן פינגער איבער איין ווייטעס פעלד, „זעהסטו יענעם קליינעם און שמאלין טהויעריל?"

„ניין" — האט דער מאן געענטפערט.

„זעהסטו ניט" — האט מבשר ווייטער געזאגט — „יענעם שיינענדע ליכט?"

„מיר שיינט יאָ" — האט דער מאן געענטפערט.

„נוא־יִשְׁע" — האט מבשר געזאגט — „האַלט דיינע אויגין אויף דאס ליכט, און גייא גראד נאך דעם ליכט־נאך, אַזוי וועסטו באלד אויך דערזעהן דעם קליינעם שמאָלין טהויעריל, וואס דארט, ווען דוא וועסט אנקלאפּען וועט מען דיר זאגין וואס דוא האסט צו טהון."

און אַזוי האב איך געזעהן אין חלום ווייטער, דאס דער מאן האט אנגעהויבין צו לויפֿין; און ווען ער איז נאך גאר ניט ווייט געווען פֿון זיין הויז, האבין זיין ווייב און קינדער אנגעהויבען איהם נאך־צו־שרייען ער זאל זיך צוריק אומקעהרין. אבער דער מאן האט זיינע אויערין מיט דיא פֿינגער פֿערשטאָפּט און האט געהאלטין אין איין לויפֿין ווייטער, שרייענדיג: „לעבין, לעבין, אייביגעם לעבין!"—ער האט זיך אויך ניט אַ מאָל אַ דרַיי געטהון הינטער זיך צובליקען; ער איז נאָר פֿאָרוועֶרטס געלאָפֿען אַהין, אויף'ן גְרַאדין פֿעלד. אויך זיינע שכנים זיינען ארויסגעקומען איהם צו זעהן, און וויא ער איז אַזוי געלאָפֿען האבין איהם אַ טהֵייל פֿון זייא פֿאר־שפּאָטטעט, אַ טהֵייל פֿון זייא האבין איהם געזוכט צו סְטְרַאַ־שען, איהם אַ מורא אנצומאַכען, און אַ טהֵייל פֿון זייא האבין איהם נאכגעשרִיעֶן ער זאל זיך צוריק אומקעהרין. צוויי פֿון זייא—איינער מיט'ן נאמען „האַרט־נאקען," דער צווייטער מיט'ן נאמען „שוואַך־גייסט"—האבין זיך בעשלאססין איהם מיט געוואלד אומצוקעהרין. ער איז שוין אפילו געווען אַ רעכטין מַהְלָךְ ווייט אַוועק פֿון זייא, דאָך האבין זייא זיך פֿעסט דערצו בעשלאססין, איהם נאָכצויאָגין, און זייא האבין איהם טאַקי אין אַ קורצע ווייַלע אויך דעריאָגט.

„שכנים"—האט דער מאן צו זייא געזאגט—וואס ווילט איהר פֿון מיר? פֿאר וואס יאָגט איהר מיר נאך?"

„דיך צו איבעררעידין"—האבין זייא געענפֿערט—„מיט אונז זיך צוריק אומצוקעהרין."

„דאס קען בשום אופן ניט זיין"—האט דער מאן געענפֿערט—„איהר וואָהנט אין דער שטאדט „פֿאַרדאָרבין" וועלכע איז טאַקי אויך מיין געבורטס־שטאדט (דאס וויים איך גאַנץ גוט), אבער, פֿריהער אדער שפּעטער, ווען איהר וועט אין דער שטאדט שטאַרבין, וועט איהר אראָפּניעדערין פֿיעל

טיעפֿער אלס אין קבר; איהר וועט קומען אין איין אָרט וואו עס ברענט פֿון פֿייער און שוועבעל! — בעדענקט אייך גוט, ליעבע שכנים, און קומט בעססער מיט מיר מיט!"

„וואס?" — האט זיך האַרט־נאקין אבגערופֿען — „מיר זאלען אללע אונזערע פֿריינד און אללעס וואס איז אונז ליעב פֿארלאָזין?"

„יאָ, יאָ!" — האט אויסגעשריעֶען דער מאן, משיחי, (דאס איז געוועזן זיין נאמען*) — „דען אללעס וואס איהר וועט פֿארלאָזין איז ניט ווערטה פֿארגליכען צו ווערין מיט דעם וואס איך זוך צו דערגרייכין. און ווען איהר ווילט מיט מיר מיט גיין, וועט איהר דאס זעלבע עררייכין וואס איך, דען דאָרט וואוהין איך גייא איז דא מעהר אלס גענוג. שכנים,

---

* דער מחבר J. Bunyan. זאגט אונז ערשט דא דעם נאמען פֿון דעם מאן „משיחי" (ד.ה. אַ מאמין במשיח, אַ קריסט), אָט פונקט ווען דער מאן שרייט אויס דאס מען מוז אללעס פֿארלאזין אום פֿון „פֿארדארבין" צו אנטלויפֿין, ווייל דאס איז טאַקי דער ריכטיגער קאראקטער פֿון איין מאן וועלכען מען מעג רופֿען מיט׳ן נאמען „משיחי" (קריסט). איך מיין, אַ קריסטליכען קאראקטער דערקענט מען אין דעם יעניגען, וועלכער רייסט זיך בכל הכחות צו אנטלויפֿין פֿון אייביגען אונטערגאנג און פֿאַרלאָרינהייט; אַ הארץ וועלכעס גלוסט פֿון „פֿארדארבין" לויז צו ווערין און צו גאט ב"ה צו אנטלויפֿין; אַ נשמה וועלכע האט איהר רוה נאר אין גאט, און עס איז בייא איהר רעכט אללעס צו פֿארלאָזין, אום אייביגעס לעבין ניט צו פֿארליערען. אַ מענש וועלכער פֿיהלט וויא ביטטער אָון וויא שלעכט עס איז אין „פֿארדארבין" צו לעבין און צו שטארבין, און איז דארום בערייט אללעס צו ענטזאגין, אללעס צו דולדין, אללעס ליידין צו קענען, אללעס אין זיך צו קרייציגען (ד.ה. אויך דאס ליעבסטע און בעסטע צו פֿארלאזין) אַביא ניט אין פֿארדארבין צו בלייבין — אזאַ מענש וועט געוויסס פֿון זינד און אונטערגאַנג, דורך׳ן גואל צדק, גערעטעט ווערין; אזאַ מענש וועט געוויסס איממער שטרעבין פֿון דאס זינדיגע לעבין לויז צו זיין און איין קינד גאטטעס צו ווערין, און ער וועט לויפֿין צום משיח, צום גואל צדק, דורך איהם גערעטטעט צו ווערין. די לגבון דער איבערזעטצער.

קומט מיט, און איבערצייגט אייך אַז עס איז אַזוי וויא איך זאג."

האַרט־נאַקין: וואס זיינען דען פאַר אַ זאכין וועלכע דוא זוכסט, דאס בייא דיר איז רעכט דיא גאנצע וועלט צו פערלאזין נאָר אום זייא צו בעקומען?

משיחי: איך זוך איין אייביגע נַחֲלָה, אַ ירושה וועלכע זאל קיינמאל ניט פאַרדארבין ווערין און וואס זאל פון מיר ניט צוגענומען ווערין; אַ נַחֲלָה וועלכע איז אין הימעל און וועט געגעבין ווערין צו דיא, וועלכע האבין געזארגט און געזוכט איהר צו בעקומען. אָט האט איהר, ווען איהר ווילט, לעזט עס אָט דא אין מיין ספר.

האַרט־נאַקין: פְּשְׁשְׁ...אַוועק מיט דיין בוך!—זאג נאָר ווילסטו זיך צוריק אומקעהרין, אדער ניין?

משיחי: ניין, בשום אופן ניט. איך האב שוין מיין האנד אויף דעם אקקער־אייזין געלעגט (לוקס ט' ס"ב).

האַרט־נאַקין—(צו שוואַך־גייסט): נוא קום, ליעבער שכן שוואַך־גייסט. קום, וועלין מיר זיך צוריקקעהרין און אהיים גיין אָהן איהם. עס זיינען דא משוגע'נע קעפ אין דער וועלט וועלכע, ווען זייא האַפין אַמאל אַ גְרִיל האלטין זייא זיך דאמיט פיעל קליגער צו זיין פון זיעבען חֲכָמִים.

שוואַך־גייסט: נאָר ניט גלייך מיט זידלעריי! ווען דאס וואס דער גוטער משיחי זאגט איז ווירקליך אמת, זיינען דאך דיא זאכין וועלכע ער זוכט פיעל בעססער פון אללעס וואס מיר האבין. איך וואלט דאך חשק געהאט מיט מיין שכן מיטצוגיין.

האַרט־נאַקין: וויא? אָט נאך אַ משוגע'נער!—לאז דיך נאָר ראַטהען און קום בעססער צוריק, דען ווער וויים וואוהין דער פערריקטער וועט דיך פאַרפיהרען. קעהר צוריק און זַיי דאך קלוג.

משיחי (צו האַרט־נאַקין): אָ ניין, קום דאך מיט מיר, טאקי דוא, צוזאמען מיט שכן שוואַך־גייסט. דיא זאכין וועלכע איך זוך און פֿון וועלכע איך רייד מיט אייך זיינען זיכער צו בעקומען. יָא נאך פֿיעל מעהר גרויסאַרטיגעס. ווען איהר גלויבט עס מיר ניט, אָט לעזט עס אין דיעזען ספר, און מערקט אייך דאס דיא אללע וואהרהייטין וועלכע שטייען דא געשריעבען זיינען בֶּעשטעטיגט מיט דאס בלוט פֿון דעם, וועלכער האט דיא וואהרהייטין געזאגט.

שוואַך־גייסט: שכן הארט־נאקין, איך בעשליסס מיך צו גיין מיט דיעזען גוטען מאן, און וואס עס וועט מיט איהם זיין דאס זאל אויך מיט מיר געשעהן. אבער — האט ער געזאגט ווענדינדיג זיך צו משיחי׳ן — ליעבער פֿריינד ווייסט איהר אויך דעם וועג צו יענעם אָרט וואוהין איהר ווילט גיין?

משיחי: פֿון אַ מאַן מיט׳ן נאמען מבשר בין איך אנגע־וויזען געווארין צו צוגיין צו אַ קליינעם טהויעריל וועלכער איז דא ניט ווייט, וואס דארט וועט מען אונז שוין אללעס זאגען וועגין דעם וועג וואס מיר דארפֿין גיין.

שוואך־גייסט: קומט ליעבער שכן לָאמ׳מיר גיין. — און אזוי ריידענדיג זיינען זייא צוזאמען געגאנגען.

„און איך" — האט זיך הארט־נאקין אבגערופֿען — איך גייא מיר צוריק אַהיים. אַ חבר צו אזעליכע פֿארריקטע פֿאַנטאַזיאָטען וויל איך ניט זיין.

און אַזוי האב איך געזעהן אין חלום ווייטער — נאך הארט־נאקינ׳ס אוועק גיין — וויא משיחי און שוואך־גייסט זיינען זיך צוזאמען געגאנגען איבער דאס גלייכע פֿעלד און האבין צווישען זיך אנגעהויבין אַ געשפרעך:

משיחי: נון ליעבער ברודער, וויא שטייט עס מיט דיר? — עס פֿרייט מיך זייער דאס דוא האסט זיך בעשלאססין מיט מיר צוגיין. וואלט נאָר הארט־נאקין דאס געפֿיהלט וואס איך

האב דערפֿיהלט פֿון יענע קראַפֿט און שרעקליכקייט, וועלכע איז נאך איצט פֿארבארגין, וואלט עס בייא איהם ניט אַזוי לייכט געגאנגען אונז דעם ריקען צו צוקעהרין.

שוואַך־גייסט: הערט נאר פֿריינד; איצט איז דאך קיינער ניט דא אויסער מיר ביידע, זאגט־זשֶׁע מיר וויטער וועלכע זאכין זיינען עס אייגענטליך צו דיא מיר גיין איצט? און וויא אזוי וועלין מיר צוקומען זייא צו געניעססען?

משיחי: איך קען זייא בעססער אין הארצין פֿיהלען איידער מיט דער צונג פֿון זייא צו ריידין. אבער אַט וייל דיר ווילט זיך עס גערין וויססען, וויל איך דיר וועגען זייא פֿון מיין ספר עטוואס פֿאַרלעזען.

שוואך־גייסט: דענקט איהר זיכער דאס דיא ווערטער וועלכע שטייען געשריעבען אין אייער ספר, זיינען געוויס אמת?

משיחי: יָא, געוויס אמת! ווייל זייא קומען פֿון דעם וועלכער קען קיין ליגען ניט זאגין.

שוואך־גייסט: אַזוי טאקי, דאס איז גוט! — וואס זיינען עס פֿאר אַ זאכין?

משיחי: איין אייביגע מלוכה צו יַרְשֶׁנ׳ען, און איין אייביגעס לעבין וואס וועט אונז געגעבין ווערין מיר זאלין זייא קענען האבין אימּמער און אייביג.

שוואך־גייסט: טאקי אַ חִיוּת! — און וואס נאך?

משיחי: קרוינען פֿון כבוד, פֿאר אונז בעשטימט, און קליידער וואס אין זייא וועלין מיר שיינען וויא דיא זון אין מיטען הימּמעל.

שוואך־גייסט: אָ, אַ פֿארגעניגען! — און וואס נאך?

משיחי: דאָרט וועט מעהר ניט זיין, ניט קיין ליידין, ניט קיין שמערצין, ניט קיין קרעכצין, ניט קיין טרויער און ניט קיין יָאמער; דען דער הערר פֿון יענעם אָרט וועט אָבווישען דיא טרערין פֿון אללע פנים׳ער (ישעיה כ״ה ח׳).

שוואך־גייסט: און וואס פֿאר א געזעללשאפֿט, ד.ה. וואס פֿאר אַ חברים, וועלין מיר דארט האבען?

משיחי: מלאכים, כרובים און שרפים; ברואים וועלכע וועלין שיינען וויא דיא ליכטיגע זון; טויזענדער און טויזענדער וועלכע זיינען שוין פֿון פֿריהער פֿאר אונז אין יענעם אָרט אנגעקומען; וועלכע קיינער פֿון זייא טהוט דעם אנדערין ח"ו צער אָן, וויל זייא זיינען אללע אַנגעפֿיהלט מיט ליעבע און הייליגקייט און וואנדלען בעפֿאר דעם מלך המלכים און שטייען פֿאר איהם מיט גרויס חֵן—אייביג. קורץ, דארט וועלין מיר זעהן דיא קַדמונים דיא אבות און נביאים און זקנים מיט זייערע גאלדענע קרוינען; דאָרט וועלין מיר זעהן דיא ריינע און הייליגע וויא דיא בתולות מיט זייערע גאלדענע כלי־זֶמֶר; דארט וועלין מיר זעהן דיא צדיקים וועלכע זיינען אין דער וועלט צוהאקט געווארין אויף שטיקער, פֿארברענט געווארין צו אַש, צופֿרעסין געווארין פֿון ווילדע חַיות און געווארפֿין געווארין אין וואַסער נאָר דערפֿאר וויל זייא האבין געליעבט דעם מלך פֿון יענעם אָרט. מיר וועלין זעהן וויא זייא זיינען אללע גליקליך, אָנגֶעקלֵיידעט מיט אייביגעם לעבין ווי א מיט אַ מַאנטעל.

שוואך־גייסט: נאָר הערינדיג דאס אללעס דערקוויקט זיך שוין דאס הארץ! — אבער קען מען דאס אללעס ווירקליך בעקומען? — וויא אַזוי, פֿריינד, בעקומט מען עס?

משיחי: דער הערר, דער מלך פֿון יענער מדינה האט דאס געלאזין שרייבען אָט אין דיעזען ספר. דיא הויפטזאכע איז, דאס ווען מיר וועלין ווירקליך פֿון גאנצין הארצין האבין אַ פֿערלאנג צו דיעזען אייביגען גליק, וויל ער אונז דאס אללעס געבין, שענקען גאנץ אומזיסט.

שוואך־גייסט: גוט, ליעבער פֿריינד, עס פֿרייט מיך זייער דאס אללעס צו הערין; קום לָאמ'מיר גיין וואס גיכער.

משיחי: איך קען ניט גיין אַזוי געשווינד וויא מיר וואָלט זיך געוואָלט, איבער דיא שווערע משא וועלכע ליעגט אויף מיינע פלייצעס.

דערנאך האב איך געזעהן אין חלום, וויא זייא האבין אויפגעהערט צורייזען, און אזוי גייענדיג זיינען זייא צוגעקומען צו אַ זומפף, וועלכער איז געווען אין מיטען פעלד. און וויל זייא האבין ניט גוט אכטונג געגעבין וויא זייא זיינען געגאנגען, זיינען זייא ביידע אויף אַ מאל אין זומפף אריין געפאללען. יענעם זומפף, רופט מען „פערצווייפלונג."* נאכדעם וויא זייא האבין זיך אַ היבשע ווייל׳ע אין זומפף ארום געווארפין, האט משיחי, איבער דיא שווערע משא אויף זיינע פלייצעס, אנגעהויבין צו פארזינקען אין דיא טיעפע בלאָטע.

„אך" — האט שוואך־גייסט אנגעהויבען צו מורמלען — „וואו זייט איהר איצט, שכן משיחי?"

„טאקי איך וויס אליין ניט." — האט משיחי געענטפערט.

שוואך־גייסט איז געווארין אונמוטהיג, און האט זיך צארינדיג צו משיחי׳ן אבגערופען: „זיינען דאס דיא גרויסע גליקען פון וועלכע איהר האט מיר דערציילט? — ווען דער אנהויב איז שוין אַזוי שלעכט בייא אונז היינט, וואס האבין מיר נאך צו ערווארטין פון איצט אָן און וויטער, ביז דיא ענדע פון דער רייזע? — אָ, זאל איך נאָר פון דאנען מיט׳ן לעבין ארויסקומען, נוא קענט איהר שוין פון מיינעט־וועגין יענעם גליקליכע לאנד אליין האבין." און וויא שוואך־גייסט האט געענדיגט דיעזע ווערטער, האט ער זיך אַיין, אדער צוויי מאל, מיט אללע זיינע קרעפטין אנגעשטריינגט, און איז ארויסגעקומען אויס דעם זומפף אויף יענעם ברעג וועלכער איז

---

* פערצווייפעלן הייסט אין ספק זיין, פערדאגה׳ט, אהן האפנונג זיין, פערטרויערט, א.ז.וו.

געוועז אַם נאָהענסטין צו זיין היים און „פֿארדארבין." אזוי איז ער זיך גיך אוועק פֿון דארט, און איז פֿון משיחי'ס אויגין גלייך פֿארשוואונדין. איצט איז משיחי געבליבען גאנץ אליין און האט זיך אין זומפף „פֿערצווייפֿלונג" ארום געווארפֿין הין און הער; ער האט זיך אבער בעמיהט בכל הכחות זיך צו צושלעפען צו יענעם ברעג פֿון זומפף, אויף דער זייט, וועלכע איז אליין ווייטער פֿון זיין היים „פֿארדארבין" און נאָהענטער צום קליינעם שמאלען טהויעריל; און דאס האט ער ענדליך עררייכט. אבער זיך גענצליך אוים דעם זומפף ארוים צוהייבין האט ער ניט געקענט איבער דיא שווערע משא וועלכע ער האט געהאט אויף זיינע פלייצעס. — דאָך ענדליך, האב איך געזעהן, וויא איין מאן מיט'ן נאמען „העלפֿער" איז אַהין צוגעקומען און האט דעם משיחי אַ פֿרעג געטהון, „וואס ער מאכט דאָרט?"

„הערר" — האט משיחי געזאגט — „איין מאן, מבשר! האט מיר געהייסין גיין דיעזען וועג, און האט מיר געוויזען דעם קליינעם טהויעריל, אום צו אנטלויפֿין פֿון דעם צאָרין וואס קומט. און אויף'ן וועג, גייענדיג אָט אַהין, בין איך דא אריינגעפֿאללען."

העלפֿער: אבער ווארום האסטו זיך ניט גוט צוגעקוקט צו דיא צייכין פֿון דיא טריט?

משיחי: דיא מורא האט מיך אזוי געיאָגט און געטריבען דאס איך בין מיר פֿארלאָפֿין אויף דעם אנדערין וועג, און בין דא אריינגעפֿאללען.

העלפֿער: נוא דערלאנג מיר נאר דיין האנד.

משיחי האט איהם דיא האנד דערלאנגט, און העלפֿער האט איהם ארויסגעצויגין, און האט איהם געשטעללט אויף פֿעסטין באָדען, און האט איהם געהייסין גיין זיין וועג ווייטער.

איך אליין בין צוגעגאנגען צו דעם הערר, וועלכער האט משיחי'ן פֿון זומפף ארויסגעצויגין און איך האב איהם געפֿרעגט:

הערר, ווארום איז טאקי ניט אויסגעפּיללט אָט דיעזער זומפּף, וועלכער ליעגט דא פּונקט אויף׳ן וועג צווישען „פאַרדארבין״ און דעם קליינעם טהויעריל, כְּדֵי דיא ארימע רייזענדעד זאלין קענען מיט גרעססערע זיכערהייט אהין אנקומען?

„דיעזער זומפּיגער גרוב קען קיינמאל ניט צום גלייכין וועג געמאכט ווערין״ — האט דער מאן געענטפערט — „דען דאס איז דער גרוב אין וועלכען עס פליעססען אריין דער שוים (אונציכט) און שמוץ וועלכע זיינען דא בייא דער איבערצייגונג דאס מען איז אַ זינדיגער מענש; טאקי, דארום רופט מען דיעזען זומפּף „פערצווייפלונג,״ וויל וויא באלד דער זינדיגער מענש קומט צום בעוואוסטזיין פון זיין שרעקליכען פארלארינעם צושטאנד, ווערט זיין הארץ פול מיט פחד, מורא, פערצווייפלונג און גרויסע זארגען. ער ווערט פול מיט ספקות און ער שטייט וויא אַ פערצווייפעלטער, פארלארין אין זיך זעלבסט . . . . . דאס אללעס קומט זיך אָט דא צוזאמען, און טאקי דערפין נעהמט זיך דיא שלעכטיגקייט פון דיעזען אָרט.״

„דעם מלך׳ס וויללען איז ניט דאס דער אָרט זאל אזוי שרעקליך בלייבין; און טאקי ארבייטער, אונטער דיא השגחה פון קעניגליכע אינזשעניערען, בעמיהען זיך שוין אַ צייט לאנג (כמעט 2000 יאהר) אום צו זעהן מיט אללע מעגליכקייטין דיעזעס שטיק לאנד צו פאררייכטען. יאָ, איך וויים אַז דא זיינען שוין פערשלונגען געווארין טויזינדער בעלעהרונגען, וועלכע זיינען אין אללע צייטין צוזאמען געבראכט געווארין פון אללע פראָווינצען פון קעניג׳ס רייך; און פּאכמענער זאגין, דאס עס זיינען געוועזען דיא בעסטע מיטלען דעם פלאץ צו פאררייכטען. נוא פארשטייסטו, וואלט עס נאר מעגליך געוועזן צו מאכין, וואלט שוין דאָ לאנג קיין זומפּף ניט געוועזן, אבער דיעזער פלאץ איז נאך אלץ דער זומפּף „פערצווייפלונג,״ נאך דעם אללעס וואס מען האט אלץ פּרובירט צו טהון!״

„אמת, אונטער דיא פיהרונג · פון דעם געזעץ־געבער זיינען זאַגאַר אין מיטען דעם זומפף געמאכט געווארין גוטע און זיבערע טריט־צייכין; אבער ווען דיא בלאָטע ווערט דא פאר־מעהרט — וואס דאס קומט דא זייער אָפט פאָר, דורך דיא שלעכטע וועטערין וועלכע הערין דא כמעט גאר ניט אויף — איז עס זייער לייכט דיא צייכין ניט צו דערזעהן. אויך ווען מען זעהט זייא, טרעטין דאך דיא מענשין אוועק פון זייא, ווייל דאָ גייענדיג שווינדעלט זייא פאר דיא אויגין, און אזוי ווערין זייא מיט דער בלאָטע אויסגעשמירט, חאָטש עס איז דא טריט־צייכין. — יאָ, דאס פעלד איז זייער גלייך פון׳ם טהויערל אָן און ווייטער.״

דערנאך האב איך געזעהן אין חלום, אַז שוואך־גייסט איז באלד צוריק אין זיין היים געקומען, און זיינע שכנים זיינען בייא איהם גלייך געווען. אַ טהייל פון זייא האבין געזאגט דאס ער איז אַ חכם מיט דעם וואס ער האט זיך צוריק געקעהרט; אַ טהייל האבין אבער געזאגט דאס ער איז אַ נאַר דער מיט וואס ער האט זיך גאר לכַתְחִילה געלאזין אין סַכָּנות מיט משיחי׳ן צו גיין, און אַ טהייל האבין גאר פון איהם חוזק געמאכט וועגען זיינע שוואכהייט. זייא האבין געזאגט: יאָ, ווען מיר וואלטין זיך שוין וויא דוא איינמאל בעשלאססין צו גיין, וואלטין מיר ניט אַזוי שוואך־גייסטיג געווען דיא רייזע אפצוברעכין איבער עטליכע שוועריגקייטין. — אַזוי איז שוואך־גייסט געזעססין צווישען זייא עפעס וויא איין אפגעשמיססענער. אבער ענדליך איז ער אביססעל מוגטער געווארין; דיא לייט האבין איהם אויך באלד צופריעדען געלאזין, און האבין אנגעהויבין פון דעם ארימען משיחי צו ריידין, און זיך איבער איהם לוסטיג צו מאכין.

אזוי פיעל .וועט גענוג זיין צו דערציילין פון שוואך־גייסט.

# צווייטעס קאפיטעל.

דיא משיחי איז זיך אַזוי איינער אליין געגאנגען האט ער פֿון וויטענס בעמערקט אַ מאן, גייענדיג קְוֶוער איבער'ן פֿעלד, וועלכער איז אלץ נאהענטער צו איהם צוגעקומען. זייא האבין זיךביידע צוזאמענגעטראָפֿען פונקט אין דעם אויגֶענבליק ווען יעדער איינער פֿון זייא האט געהאלטען בייא דורכשניידין דעם צווייטין'ס וועג. דיעזער מאן, וועלכען משיחי האט בעגעגענט, איז געוועזען הערר „וועלט־קלוג" פֿון דער שטאדט „פֿלייש־זינען"; דאס איז אַ גרויסע שטאדט ניט וויט פֿון יענע שטאדט פֿון וועלכער משיחי איז אנטלאָפֿין. דיעזער הערר, וועלכער האט שוין געהערט פֿון משיחי'ן—דען משיחי'ס אוועקלויפֿין פֿון דיא שטאדט „פֿארדארבין" האט איבעראל געמאכט אַ גרויסען רַעַש; און משיחי איז ניט נאָר געוועזין אין אללע מַיילער פֿון זיינע שטאדט'ס לייט, נייערט אויך אין אנדערע געגענדין איז ער אויך געלעגין בייא יעדין איינעם אין מויל און יעדער האט נאָר פֿון איהם געשפראכין—דיעזער, וויא ער האט נאָר באמערקט משיחי'ס זיפֿצען און שטוינען, האט ער זיך צו משיחי'ן געווענדעט מיט אַזא שמועֶס; וואוהין דען אַזוי שווער בעלאדין, ליעבער פֿריינד?

משיחי: ווירקליך בעלאדין וויא איין געפלאגטע בריאה!—איהר פֿרעגט מיך וואוהין דען? אַזוי וויל איך אייך זאגין, מיין הערר, איך גייא צו יענעם קליינעם טהויעריל וועלכער איז אָט דאָרט פֿאר מיר; דען דארט, וויא מ'האט מיר געזאגט, וועל איך געבראכט ווערין אויף אַ וועג, וואס אויף יענעם וועג, וועל איך בעפֿרייט ווערין פֿון מיין שווערע משא.

וועלט־קלוג: האסטו ניט ווייב און קינדער?

משיחי: יאָ, אבער איך ווער אַזוי שרעקליך געמאטטערט פֿון דיא משא וועלכע דריקט מיך, דאס איך געפֿין ניט מעהר וויא צופֿאר מיין גאנצעס גליק אין זייא. מיט מיר איז עס איצט גלייך וויא איך וואלט גאר קיין ווייב און קינדער ניט געהאט.

וועלט־קלוג: ווילסטו מיך הערין ווען איך זאל דיר איין עצה געבין?

משיחי: אָה, יאָ, ווען דיין עצה איז נאָר אַ גוטע; דען אַ גוטע עצה בעניייטיג איך זייער.

וועלט־קלוג: איך וואלט דיך געראטהען דאס דוא זעלבסט זאלסט דיך וויא גיכער בעפֿרייען פֿון דער שווערע משא; דען כל זמן דוא וועסט דיא משא ניט פּטור ווערין, וועסטו ניט האבין קיין מנוחה, אויך וועסטו זיך ניט קענען פֿרַייען מיט דיא בְּרָכות, וועלכע גאט האט דיר געגעבין צום טהייל, ביז דוא וועסט איהר, ניט האבין לויז געווארין.

משיחי: אָה, דאס איז דאך טאקי אָט דאס וואס איך זוך: איך זוך וויא אַזוי לויז צו ווערין פֿון דער משא. אבער איך אליין בין ניט אים שטאנד זיך זעלבסט פֿון איהר צו בעפֿרייען, אויך איז קיין איינציגער דא אין מיין לאנד וועלכער זאל זיא קענען אַראָפּהֱייבין פֿון מיינע פּלייצעס. דארום טאקי גייא איך דאך אָט דיעזען וועג אום פֿון מיין שווערע משא בעפֿרייט צו ווערין.

וועלט־קלוג: ווער האט דיר עס געהייסען גיין אָט דיעזען וועג, אום דוא זאלסט פֿון דיין משא בעפֿרייט ווערין?

משיחי: איין מאן וועלכער האט מיר געשיינט צו זיין אַ גרויסער און אַ בְּכָבוד'יגער מענש. וויא עס ליעגט מיר אין זכרון איז זיין נאמען „מבַשֵּׂר."

וועלט־קלוג: האלט זיך נאָר ניט אָן איהם און אָן זיין עצה. עס איז גאר ניט דא קיין געפֿעהרליכערער און קיין

שווערערער וועג, פֿאר דעם וועג, וועלכען ער האט דיר געוויעזען צו גיין. דוא וועסט עס ערפֿאהרין וועז דוא וועסט איהם פֿאלגין. וויא איך מערק מיר, ביסט דוא שוין אויף דעם וועג אין צרות געוועזען. איך זעה דוא ביסט אויסגעשמירט מיט בלאָטע פֿון דעם זומפּף „פֿערצווייפֿלונג." יענער זומפּף אבער איז ערשט דער אנהויב פֿון דיא ליידין וועלכע טרעפֿען אָט יענע אללע, וועלכע גייען אויף דיעזען וועג.—הער מיך צו, איך בין עלטער פֿאר דיר: אויף דעם וועג, אין וועלכען דוא גייסט, וועסטו געוויסס האבין צו ליידין פֿיעל .מאטטערניש, פּיין, הונגער, סַכָנות, שווערד, לֵייבין, שלאַנגען און פֿינסטערניס; קורץ, דעם טויט! און ווער וויים נאך וואס אַלץ דוא וועסט האבין אויסצושטיין!—אַז עס איז אַזוי ריכטיג וויא איך זאג דיר, האסטו גאר ניט מסופק צו זיין, ווייל דאס האבין פֿיעלע עדות געזאגט, פֿון דיא, וועלכע זיינען דיעזען וועג געגאנגען. היינט וויא אַזוי ווילסטו זיך אליין ארייננגעבין איז סַכָנות אויף דעם וואס אַ פֿרעמדער האט דיך געראטהען?

משיחי: אבער, אוי מיין הערר, דיא שווערע משא אויף מיינע פלייצעס איז בייא מיר פֿיעל שרעקליכער פֿון אללעם אָט דאס וואס איהר האט דא אויסגערעכינט! עס שיינט מיר דאס עס דארף מיר גאר ניט הארין אָט אללעם וואס קען מיר אויף מיין וועג בעגעגנען, ווען איך זאל נאָר דאס איינע ערדייכין, בעפֿרייט צו ווערין פֿון דיא שווערע משא.

וועלט־קלוג: וויא אַזוי אייגענטליך האסטו בעקומען אויף דיר דיא משא?

משיחי: דורך לעזען אין דיעזען ספר, וואס איך האלט אין האנד.

וועלט־קלוג: איך האב עס מיר אבער געדאכט!—נון מיט דיר איז עס געגאנגען וויא מיט פֿיעלע שוואכע מוחות וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט זאכין, וועלכע זיינען צו הויך

פאר זייא, און זייא פאללען אריין פלוצלונג אין אַזא מרה שחורה. אין אַזעליכע ספקות און פארדרייאונגען ווערין דיא לייט ניט נאָר אונמענשליך, וויא דיינע מחשבות האבין פון דיר געמאכט, נייערט, זייא ווערין גאר וויא גאנץ פערריקט נאך־צו־יאָגען אַזעלכעס, וואס זייא ווייסין אליין ניט וואס.

משיחי: אָך, איך וויים גאנץ גוט וואס איך וויל עררייכין, ערלייזט צו ווערין פון מיין שווערע משא!

וועלט־קלונ: אבער וואס עפעס גייסטו זוכין בעפרייט צו ווערין אָט אויף דעם וועג וועלכער איז פולל מיט אַזוי פיעל סכנות?—ווען דוא זאלסט נאר מיר וועלין צו הערין—דען איך וויל דיר טאקי אנווייזין וויא אַזוי דוא קענסט עררייכין דאס, וואס דוא זוכסט, און טאקי ניט זיך איינצושטעללען אין דיא סכנות אין וועלכע דוא ווילסט זיך זעלבסט אריינוואַרפין—יאָ, הילפע איז נאהענט!—דוא ווייסט נאך וואס איך וועל דיר זאגיז? דאס אנשטאט סכנות וועסטו גאר האבין גרויסע זיכערהייט, פריינדשאפט און צופריעדענהייט.

משיחי: ביטטע, הערר, זאגט דאך מיר דאס געהיימנים!

וועלט־קלוג: אֵיי יאָ: דאָרט אין יענער שטאדט, זיא הייסט „מאָראַל," וואהנט איין הערר מיט'ן נאמען יושר, טאקי אַ בעליושערדיגער מענש מיט אַ גוטען נאמען בייא יעדין; טאקי ער פארשטייט דיא קונסט וויא אזוי בייא לייטין פון דיא פלייצעס אַזעליכע משאות אראפ צו נעהמען. איך קען דיר פארזיכערין דאס ער האט שוין, אָט אויף אַזא שטייגער, אַסאך גוטעס אין דער וועלט געטהון. דערצו־נאך האט ער אין זיך דיא פעהיגקייט (יכולת) אויך צו היילין דיא אללע לייט, וועלכע האבין דורך דיא משא אביססעל דעם קאפ פארלארין . . . . . צו איהם, וויא געזאגט, מוזטו גיין און עס וועט דיר גלייך געהאלפען ווערין. זיין הויז איז קוים אַ שפאַן־וועג'ס פון היער. און ווען ער זעלבסט איז ניט צו הויז,

איז דאך דארט זיין זון, אויף זיין פלאץ, אַ פֿיינער יונגער מַאנ'ציג מיט'ן נאמען „אַנשטענדיגקייט.“ ער איז בִּיכוֹלֶת דאס זעלבע צו טהון וויא דער אַלטער הערר אליין. דארט, זאג איך דיר, קענסטו פֿון דיין משא תְּיכֶף וּמִיַד בעפֿרייט ווערין; און ווען דוא האסט, איינמאל-פֿאר-אללע-מאל, בדעה זיך ניט אומצוקעהרין צוריק צו דיין אַלטע היימאטה (וואס איך וואלט דיר אויך אַזוי געראטהען), קענסטו דיין ווייב און קינדער בעציהען צו דיר אין יענע שטאדט. טאקי גראד איצט שטייען דארט איינינגע הייזער ליידיג, פֿון וועלכע דוא קענסט איינס האבין. אויך דיא לעבענס-מיטעלין, זיינען דארט גוט און בילליג. יאָ, נאכמעהר, וואס קען דיין לעבען נאך גליקיכער מאכין, איז דאס, דוא קענסט פֿערזיכערט זיין, דאס דוא וועסט דארט בייא דיא עהרליכע איינוואהנער שטיין אין גוטעז קרעדיט און כבוד.

משיחי: איז בייא דיא ווערטער עפעס אביססעל פֿארקלעהרט געשטאנען, מסופק; אבער גלייך איז ער געקומען צום בעשלוסס: „ווען עס איז אמת אָט דאס וואס דיעזער הערר זאגט, אַזוי וועל איך דאך אַם בעסטין טהון ווען איך וועל פֿאלגין זיין עצה“—דארום האט ער זיך גלייך אפגערופֿען צו וועלט-קלוג „הערר, וועלכען וועג מוז איך גיין אום צו קומען צו דעם הויז פֿון הערר יוֹשֶר?“

וועלט-קלוג: זעהסטו יענעם בארג דאָרט?

משיחי: יאָ, יאָ, גאנץ גוט.

וועלט-קלוג: אָט צו דעם בארג-צו מוזטו גיין, און דאס ערשטע הויז צו וועלכעם דוא וועסט צו קומען, דאס איז זיין הויז.

משיחי האט זיך אַזוי אבגעקעהרט פֿון זיין וועג, אום צו גיין זוכען הילפֿע אין הויז פֿון הערר יושר. אבער זעה, וויא משיחי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צום בארג האט איהם

דער בארג אויסגעוויעזען אַזוי הויך, און דיא זייט פֿון בארג וועלכע איז געווען צום וועג־צו, איז אַזוי געהאנגען איבער׳ן וועג, דאס משיחי האט זיך שוין גאר ניט געטרויעט ווייטער צו גיין; דען ער האט מורא בעקומען וויא ער וועט נאָר אַ שפּאַן ווייטער טהון, וועט איהם דער בארג אויף׳ן קאפּ פֿאללען. און דארום איז ער דארט וויא אַ פֿערצווייפֿעלטער שטיין געבליבען און האט איינפֿאך ניט געוואוסט וואס ער זאל טהון. אויך האט ער עפּעס וויא געפֿיהלט דאס דיא משא אויף זיינע פּלייצעס ווערט אסאך שווערער. יאָ, פֿיעל שווערער אלס פֿריהער ווען ער איז געגאנגען אויף זיין וועג. אויך האט עס פֿון בארג געשאססין מיט פֿייעריגע בליצען, און דאס האט דעם ארימען משיחי געשראקען דאס ער וועט דאָרט פֿארברענט ווערין.

יאָ, ער איז דארט פֿאר דעם בארג געשטאנען וויא אַ דער־שלאגענער, און אַזוי האט ער טאַקי געשוויצט און געציטערט פֿאר פַּחַד. געדאנקען פֿון חֲרָטָה האבין זיין מוח געפּלאגט אויף דעם וואס ער האט געפֿאלגט דיא עצה פֿון הערר „וועלט־קלוג.״ דערצו־נאך האט ער דערזעהן „מבשר׳ן,״ וועלכער איז גראד דאמאלסט אהין צוגעקומען; און ביים ערבליקען „מבשר׳ן״ האט משיחי איינפֿאך ניט געוואוסט פֿאר בושה וואו ער זאל זיין פּנים פֿארשטעקין. „מבשר״ איז אלץ נאהענטער צוגעקומען, און וויא ער איז צו משיחי׳ן צוגעגאנגען האט ער איהם שטרענג און סֶעריאָזנע אנגעקוקט און האט מיט איהם אנגעהויבין צו ריידין וויא אַ ריכטער: „וואס טהוסט דוא דא, משיחי?״

אויף דיא ווערטער האט משיחי ניט געוואוסט וואס ער זאל ענטפֿערין, און דארום איז ער פֿאר „מבשר׳ן״ געשטאנען וויא שטום.

„ביסטו ניט דער מאן״ — האט מבשר ווייטער געזאגט —

„וועלכען איך האב געפֿונען קלאגענדיג דרויסין פֿון דיא מויערין פֿון דער שטאדט „פֿארדארבין“?

משיחי: יאָ, גוטער הערר, איך בין׳ס.

מבשר: האב איך דיר ניט אַנגעוויעזען דעם וועג צום קליינעם טהויעריל?

משיחי: יאָ, גוטער הערר.

מבשר: היינט וויא־זָשֶׁע קומט עס דאס דוא ביסט אַזוי גיך אַוועק פֿון וועג? דוא ביסט דאך איצט אַראָפּ פֿון וועג!

משיחי: אַזוי וויא איך בין פֿון זומפּף „פֿערצווייפֿלונג“ אַוועק, האב איך מיר צוזאממען געטראָפֿין מיט איין הערר וועלכער האט מיר איינגערעדט דאס איך וועל דאָרט, אָט אין דער שטאדט וועלכע ליגט דא פֿאר מיר, געפֿינען אַ מאן וועלכער וועט קענען אַראָפּנעהמען דיא משא פֿון מיר.

מבשר: ווער איז דאס דער הערר געווען?

משיחי: ער האט אויסגעזעהן וויא אַ בְּכָבוֹדיגער מאַן, ער האט זייער אַסאך מיט מיר געשפּראכען און מיר ענדליך איבערגערעדט; און אַזוי בין איך אַהער געקומען. וויא איך האב אבער ערבליקט דיעזען באַרג, און געזעהן וויא ער היינגט אַזוי איבער׳ן וועג, בין איך גלייך שטיין געבליעבען דאס דער באַרג זאל מיר ניט אויף׳ן קאָפּ פֿאַללען.

מבשר: וואס האט דען יענער הערר דיר געזאגט?

משיחי: ער האט מיר געפֿרעגט וואוהין איך גייא? האב איך עס איהם געזאגט.

מבשר: נוא וואס־זָשֶׁע האט ער דערנאך געזאגט?

משיחי: ער האט מיר געפֿרעגט צו איך האב ווייב און קינדער; איך האב דארויף געענטפֿערט: יאָ, אבער איך בין בעלאָדין מיט אַזוי אַ שווערע משא אויף מיינע פּלייצעס, דאס איך קען ניט מעהר געפֿינען מיין גאנצין גליק אין דער פֿאמיליע וויא אַמאָל.

מבשר: נוא וואס־זשע האט ער דאַצו געזאגט?

משיחי: ער האט מיר געשאַפּט צו זעהן וויא גיך עס איז נאָר מעגליך פון מיין משא לויז צו ווערין. אויף דעם האב איך געזאגט: יאָ, טאַקי דאס זוך איך דאך; און טאַקי איבער דעם בין איך דאך געקומען אויף דעם וועג צום קליינעם טהויעריל, אום צו בעקומען ראַטה וויא אַזוי איך זאל ערלייזט ווערין. דאַרויף האט ער זיך אבגערופען: דאס ער וויל מיר ווייזין אַ בעססערין, קורצערין און ניט אַזא מסוכן'דיגען וועג, וויא דער וועג וואס איהר הערר, האט מיך אויף איהם געבראכט. זיין וועג, האט ער געזאגט, וועט מיך פיהרען צום הויז פון איין הערר וועלכער פאַרשטייט דיא קונסט וויא אַזוי אַראָפּצונעהמען אַזעליכע משאות. איך האב איהם דאס געגלויבט, און בין איבערגעגאנגען פון יענעם וועג, אויף דיעזען וועג, מיט דיא האָפפנונג דאס באלד וועט מיר ערלייכטערט ווערין פון מיין משא. אבער וויא איך בין אַהער צוגעקומען, און האב ערקענט דיא זאכין ווירקליך וויא זייא זיינען, בין איך שטיין געבליעבען פול מיט מורא, פאַר דיא סכנה. נאך איצט, וויים איך ניט וואס איך זאל אַנפאַנגען צו טהון.

מבשר: שטייא איין אויגענבליק! איך זאל דיר נאָר ווייזין גאט'ס וואָרט. — מיט ציטטערנעש איז משיחי רוהיג שטיין געבליעבען, און מבשר האט וויטער געשפראָכען: „זעהט־צו, איהר זאלט זיך ניט אַוועק קעהרען פון אויסצוהערין דעם, וועלכער רעדט צו אייך; דען וועו יענע, וועלכע האבען איהם ניט געוואָלט הערין וועו ער האט צו זייא גערעדט אויף דער ערד, זיינען ניט אונבעשטראפט געבליבען, בפרט מיר, ווען מיר וועלין ניט הערין זיין קול וואס רעדט צו אונז פון היממעל"; און נאָך וואס — „דער צדיק וועט דורך זיין גלויבען לעבין, ווער אבער עס וועט זיך אַוועק־קעהרין, איהם, וועט מיין

זעעלע ניט דולדען.״ אָט דיא ווערטער וועלכע שטייען גע־שריעבען אין דיא הייליגע שריפט האט מבשר גלייך אַנ־געווענדעט משיחי׳ן צו שטראפען: „דוא ביסט דער מאן (האט מבשר צו משיחי׳ן געזאגט), וועלכער וואַרפט זיך אַריין אין אַזאַ אומגליק; דוא האסט שוין אַנגעהויבען צו פארווארפין דיא עצה פון דעם העכסטען, אום דיין פוס צוריק צוציהען פון דעם גוטען וועג, און ווירקליך מיט סכנה דאס דוא קענסט זעלבסט אונטערגיין.

משיחי האט זיך אַניעדערגעוואָרפין צו מבשר׳ס פים וויא אַדערשלאָגענער פון דונער, און האט אַנגעהויבין צו קלאָגין און צו שרייען: „ווַיי—מיר! איך זעלבסט בין אין דעם שולדיג!״—אבער מבשר, וויא ער האט דאס געזעהען, האט איהם אַנגעהאַפט בייא דער רעכטער האנד און האט צו איהם געזאגט „אללע זינדען און לעסטערונגען זאלען דעם מענשין פאַרגעבין ווערין; זַיי ניט אונגלויביג.״

דיעזע ווערטער האבין משיחי׳ן אַביססעל דערקוויקט. מיט ציטטערנעש האט ער זיך אויפגעהויבין און איז פאר מבשר׳ן געשטאַנען וויא פריהערט. מבשר האט נאכמאהל אַנגעהויבען צו ריידען און געזאגט: מערק אויף מיט גרויס ערינסט אויף דאס וואס איך וויל מיט דיר אָט איצט ריידין. איך וויל דיר וַוייזין ווער איז יענער, וועלכער האט דיך פאַרפיהרט און ווער איז דער, צו וועלכען ער האט דיר געשיקט. „דער, וועלכער האט דיר בעגעגענט, הייסט „וועלט־קלוג״; און דער נאמען פאַסט איהם ווירקליך. ערשטינס וויל זיינע ליפפען ריידין נאָר פון דער וועלט־לעהרע, און דארום האַלט ער זיך בלומר׳ש נאהענט צו דער קהלה פון דער שטאדט מאָראַל. צווייטענס וויל ער ליעבט טאַקי אַם מייסטען נאָר אַט דאס, וואס בייא דער וועלט שַיינט גוט און קלוג. אָט נאָר דערפאר וויל דיא וועלט־לעהרע בעפרייט איהם (אדער זיכערט איהם) פון

קרייץ * און וויל ער איז מיט איין וועלט זינען, דארום טאַקי זוכט ער מיינע וועגין, וועלכע זיינען דיא רעכטע, צו פֿארקעהרין. ווייטער, וועגין זיין עצה, וויל איך דיר זאגען, דאס זיא האט אין זיך דרייא געפֿעהרליכע זאכען, און זייא דארפֿסטו פֿאר־ווארפֿין: (1) דאס זיין עצה פֿיהרט דיך אראָפּ פֿון גוטען וועג. (2) דאָס דורך זיין עצה זוכט ער בייא דיר דאס קרייץ צו פֿערמיאוס׳ן. (3) דיינע פֿים ווערין געבראכט אויף אַ וועג וועלכער פֿיהרט צום טויט"!

דערנאך האט איהם מבשר זיינע ווערטער נאך דייטליכער ערקלעהרט און געזאגט: ערשטינס, מוזטו פֿאַרווארפֿין אָט דאס וואס פֿיהרט דיך אַראָפּ פֿון וועג; און ניט נאָר דאס, נייערט אויך דעם געדאַנק, דעם חשק אין דיעזע עצה איינצו־וויליגען; ווייל דאס הייסט גאט׳ס עצה פֿארווארפֿין איבער דיא עצה פֿון אַ וועלט־קלוגען: דען גאט׳ס וואָרט זאגט אונז „זעהט, איהר זאלט אריינקומען אין קליינעם טהויעריל"—דאס איז דער טהויעריל צו וועלכען איך שיק דיר. „דען דיא טהיר וועלכע פֿיהרט צום לעבין איז ענג און שמאָל, און ווענינ זיינען, דיא וואס זוכען איהר." אָט פֿון יענעם קליינעם טהווי־

---

* „דיא וועלט־לעהרע זיכערט פֿון קרייץ" אדער וויא דער מחבר זאגט ווייטער „דאס קרייץ מוז טהייערער זיין פֿון דיא אוצרות דער וועלט," דאס ווארט „קרייץ" אין אזעליכע זאַצען מוז פֿון אונזער יודישען ברודער נאָר ריכטיג פֿערשטאנדען ווערין. עס ענטהאלט אין זיך צווייא כונות: (1) דיא גנאדע גאטעס, סליחת החטאים און מתנת רוח־הקדש וועלכע מיר בע־קומען דורך דעם גואל צדק וועלכער האט פֿאר אונז זיין לעבען געגעבין און איז אום אונזערע שולדין צודעקין אויף׳ן קרייץ געשטארבען. (2) אללעס אויפֿצוגעבען, אללעס צו פֿארלאזין, אלע זעלבסטגערעכטיגקייט, שטאָלץ, זעלבסט גרויסקייט, יאָ, דעם זינדיגען „איך" צו קרייציגען אין זיך. אלזאָ מבשר וויל זאגען, וועלט־קלוג מיינט מיט אייגינע חכמות, ישרנות אדער צדקות פֿאר גאט באשטיין צו קענען, און דאס בילדעט איהם איין דאס ער ברויך ניט גערעטטעט צו ווערין דורך דעם געקרייציגטען און ברויך אויך ניט זיין זעלבסט שטאָלץ צו פֿערווארפֿין. די לנבון.

עריל און פֿון יענעם וועג האט דיך יענער גאָטלויזער מענש אוועקגעפֿיהרט; און אַזוי האט ער דיך נאכאמאל געבראכט גאַנץ נאהענט צו פֿאַרדאַרבען. דאַרום מעג עס דיר ערגערין און פֿאַרדריססען דאס ער האט דיך געמאכט אַראָפּגיין פֿון רעכטין וועג; און דוא דאַרפֿסט זיך אליין פֿערדאַממען דאס דוא האסט זיך איבערגעגעבין איהם צו פֿאָלגין.

צווייטינס, מוזטו פֿאראונווירדיגען זיינע בעמיהונג בייא דיר דעם קרייץ צו פֿאַרמיאוס'ן; דען דער קרייץ דאַרף בייא דיר טייערער זיין אַלס דיא אוצרות דער וועלט. דאַרום האט דאך דער מלך הכבוד געזאגט „ווער זיין לעבין אויפֿהאלטין וויל, דער וועט עס פֿארליערען; און ווער מיר נאכגיין וויל און האָססט ניט פֿאטער און מוטער, ווייב און קינדער, ברידער און שוועסטער, יאָ, זאָגאַר זיין אייגינעם לעבין, דער קען ניט זיין מיין תלמיד.” און דאַרום זאג איך דיר ווען אימיצער זוכט דיר צו איבעררייידען זוכט ער דיין טויט. אללע לְמוּדים וועלכע שטיממען ניט איין מיט דיא צייגענים דער וואַהרהייט, און וואס דורך זייא קענסטו ניט האבין דאס אייביגע לעבין, אַזעלכעס זאלסטו פֿאַרוואַרפֿין!

דריטטענס, מוזטו פֿאַרוואַרפֿין זיין עצה וועלכע ברייננגט דיך אויף אַ וועג וואס פֿיהרט צום טויט! דען דוא מוזט ענדליך זיך בעדענקען צו וועמען! ער האט דיר געשיקט, און וויא אונמעכטיג יענער איז דיך פֿון דיין משא צו בעפֿרייען. דער מאַן צו וועלכין ער האט דיר געשיקט אום ערלייכטערונג צו עררייכען, וואס זיין נאמען איז „ יושר,” איז דער זוהן פֿון דער דיענסט־מויד,* וועלכע איז פֿערסקלאַווט מיט איהרע קינדער; און זיא איז עַל־פִּי־רֶמֶז דער „באַרג סיני,” פֿאר וועלכען דוא האסט זיך אַזוי געשראָקען דאס ער וועט דיר אויף'ן קאָפּ פֿאַללען. היינט ווען זיא איז מיט איהרע

---

* אל הגלטיים ד׳ כ״א—ל״א.

קינדער פֿערסקלאַווט וויא אַזוי קענסטו גאָר האָפֿפֿען דורך איהר פֿריי צו ווערין? אוי נײַן! יענער יושר איז ניט אים שטאַנד דיך פֿון דיין שווערע משא צו בעפֿרייען. ביז היינטיגען טאג איז נאָך קיין מענש דורך איהם בעפֿרייט געוואָרין, און עס וועט געוויס אויך קיינמאל ניט געשעהען; דען דורך יושר־מעשים קען קייז לעבענדיגער מענש פֿון זיין משא לויז ווערין. אַלזאָ, הערר „וועלט־קלוג," איז טאַקי אַ ליגנער, און הערר „יושר," אַ בעטריגער. זיין זוהן „אַנשטענדיגקייט" איז דאָך חאָטש זיינע עהרליכע אויגען אַ חונף, און אויך ער, קען דיר גאר ניט העלפֿען. גלויב מיר דאס אין אללע פלוידעריי פֿון יענע נאַרישע לייט, שטעקט ניט מעהר וויא אַ פלאַן וויא אַזוי דיך אַוועק צופֿיהרען פֿוז דיין ישועה, דורך דעם וואס זייא פֿיהרען דיך אַראָפּ פֿון וועג אויף וועלכען איך האב דיך געבראַכט.

אויף דיעזע זיינע ווערטער האט מבשר גערופֿען הימעל און ערד פֿאַר עדות, און אַזוי זיינען אַרויס ווערטער און פֿייער פֿון דעם באַרג, בייא וועלכע דער אָרימער משיחי איז אַזוי דערשראָקין געשטאַנען, דאס זיינע האָר פֿון קאָפּ האבין זיך אויפֿגעשטעלט. דיא ווערטער האבין אַזוי געלויטעט: „דיא, וועלכע זיינען אונטער געזעצעס מעשים דיא זיינען אונטער דיא קללה; דען עס שטייט געשריעבען: פֿאַרפֿלוכט איז דער, וועלכער וועט ניט מְקַיֵם זיין אללעס וואס שטייט געשריעבען אין דער תורה מען זאל טהון."

משיחי האט ניט אנדערעס ערווארטעט נאָר דעם טויט. ער האט אַנגעהויבען צו קלאָגען און דיא שעה צו פֿאַרשעלטין אין וועלכער ער האט זיך מיט וועלט־קלוג צוזאמען געטראָפֿען. און ער האט זיך אליין טויזנד מאהל נאַר, גערופֿען וויל ער האט אויף וועלט־קלוג'ס ווערטער, ווערטה געלייגט. משיחי האט זיך אויך זייער געשעמט ווען ער האט זיך דערמאָנט אָן דיא פֿאָרשטעלונגען פֿון הערר וועלט־קלוג, וועלכע שטאַמען

דאך אללע אַרויס נאָר פֿון מענשין־זינען, אוים אַ האַרץ וועלכע איז פֿולל מיט אייגינע איינגעבילדעטע צדקות און ליעבע צו דער וועלט. ער האט זיך געשעמט זעהענדיג דאס דיא פֿארשטעללונגען האבין אויף איהם מאַכט געהאט איהם פֿון רעכטין וועג אַראָפּ צו פֿיהרען. ענדליך האט ער זיך וויעדער צו מבשר'ן געווענדעט מיט דיא ווערטער: הערר, וויא מיינט איהר, איז נאך דא האפֿפֿנונג פֿאר מיר? קען איך נאך אומקעהרין און אַרויף גיין צום קליינעם טהויעריל? וועל איך נים איבער מיין זינד פֿון דאָרט מיט שאַנדע צוריק געוויעזען ווערין? אוי, עס איז מיר אַ האַרץ־וויימיג דאס איך האב געהערט דיא עצה פֿון יענעם מאַן; קען מיר נאך דיא זינד פֿאַרגעבען ווערין?

מבשר: אמת, דיין זינד איז זייער גרויס דען דוא האסט דאָפּעלט געפֿעהלט: דעם גוטען וועג פֿארלאָזין און אין דעם פֿערבאָטענעם וועג האט זיך דיר געוואָלט גיין. דאָך אבער וועט דיר דער ווערטער ביים קליינעם טהויעריל אויפֿנעהמען; דען ער האט אַ האַרץ פֿאר מענשין. נאָר זעה, גיב גוט אַכט דוא זאלסט נאכאַמאל נים אראפּ פֿון וועג, כדי דוא זאלסט נים אומקומען אויף דער רייזע; דען זיין צאָרין וועט באלד ערברענען!

איצט האט זיך משיחי אויפֿגעמונטערט אומצוקעהרין. און מבשר, נאכדעם דאס ער האט איהם געקישט און האט אויף איהם אַ פֿריינדליכען בליק געוואָרפֿען, האט ער איהם אין גאַטטעס נאמען געוואונשען אַ גליקליכע רייזע. משיחי האט שנעלל אנגעהויבין צו גיין, און גייענדיג האט ער מיט קיינעם קיין וואָרט נים גערעדט, אויך קיינעם נים געוואָלט אַ וואָרט ענפֿערין, ווען מען האט איהם אויך עפעס געפֿרעגט. ער איז געגאנגען דיא גאנצע צייט וויא אויף איין פֿער־באָטענעם שטיק לאַנד, און האט זיך בשום אופן נים געקענט זיכער פֿיהלען ביז ער איז צוריקגעקומען אויף יענעם וועג, וועלכען ער האט פֿארלאזין איבער דיא עצה פֿון וועלט־קלוג.

# דריטטעס קאפיטעל.

מיט דער צייט איז משיחי צוגעקומען צום קליינעם טהויעריל וואס איבער איהם זיינען געשטאנען געשריעבען דיא ווערטער: „קלאפט אָן וועט אייך געעפֿענט ווערין.” ער האט דאָרט דארום איינינע מאהל אנגעקלאפט: און שטייענדיג פֿאר דעם טהויעריל האט זיך איהם אין הארצין געזונגען:

קען איך אַריין אין דיא טהיר צום אייב׳גען גליק—
איך זינדער, פֿאַרברעכער, איך אונווירדיגקייט?
דאַן וועל איך דיינע ליעבע, דייז גנאַדען־בליק
לויבין בייא דיר, אָ הערר, דאָרט אין אייביגקייט!

ענדליך איז ארויסגעקומען איין זעהר בכבוד׳יגער מאַן מיט׳ן נאמען „גוט־וויל,” און האט איהם געפֿרעגט: ווער ער איז, פֿון וואנעט ער קומט און וואס ער באגעהרט?

משיחי: היער איז איין ארימער בעלאָדענער זינדער, איך קום אויס דער שטאדט „פֿארדארבין,” איך גייא אבער צום בארג ציון, אום איך זאל גערעטטעט ווערין פֿון דעם צאָרין וואס קומט, און אַזוי וויא איך האב בעקומען צו וויססען גייט דער וועג אהין, דורך דיעזען קליינעם טהויעריל, דארום וואָלט איך געוואָלט הערין פֿון אייך אויב איהר זייט וויליג, מיך אריינצולאזין.

גוט־וויללי: איך וויל עס גערין פֿון גאנצין הארצין—און בייא דיא ווערטער האט איהם גוט־וויללי דעם טהויעריל געעפֿענט.—און אין יענעם אויגענבליק וויא משיחי איז גרייט געוועזן זיין פֿוס אין טהויעריל אַריין צושטעללען, האט איהם גוט־וויללי שנעלל אַ שטאַרקין ציה געטהון, צו זיך אריין, און

טהויעריל. „וואס בעדייטעט דאס?" — האט משיחי געפֿרעגט. — אויף דעם האט איהם גוט־וויללל דערציילט: אָט ניט ווייט פֿון דיעזען טהויעריל איז דאָ אַ פֿעסטער שלאָסס, וועלכער ווערט רעגירט פֿון אַשְׁמְדַאי, וואס פֿון דאָרט ווארפֿט ער און זיינע לייט, פֿיילין אויף אללע, וועלכע קומען ארויף צו דיעזען קליינעם טהויעריל, אום וויא מעגליך, זייא צו טייטין, איידער זייא קומען דאָ אריין.

„אַך!" — האט משיחי געזאגט — „איך פֿרייא מיך, און ציטטער!" — וויא משיחי איז שוין אריינגעקומען האט איהם דער מאַן ווייטער געפֿרעגט: ווער האט עס איהם צום טהויעריל אנגעוויעזען?

משיחי: מבשר, האט מיך געראטהען אַהער צו גיין, דאָ אנצוקלאפין, אַזוי וויא איך האב טאַקי געטהון; און ער האט מיר געזאגט דאס איהר, העדר, וועט מיר ווייזען וואס איך מוז ווייטער טהון.

גוט־וויללל: איין אפֿענע טהיר איז פֿאַר דיר און קיינער קען זיא ניט פֿאַר דיר צושליעססען.

משיחי: איצט האב איך שוין אין פֿריידין פֿרוכט פֿון דיא געוואַגטע אונטערנעהמונג.

גוט־וויללל: אבער וויא קומט עס, דאס דוא ביסט גאנץ אליין?

משיחי: ווייל קיינער פֿון מיינע שכנים האט אַזוי דערקענט זיין סכנה, וויא איך האב מיין סכנה דערקענט.

גוט־וויללל: האט אימיצער פֿון זייא געוואוסט פֿון דיין רייזע אַהער?

משיחי: יאָ, מיין ווייב אונד קינדער האבין מיך צוערשט אוועק רייזין געזעהן; און זייא האבין מיר נאכגעשריגען איך זאל מיר צוריקקעהרין. אויך איינינע פֿון מיינע שכנים זיינען דאָרט געשטאנען שרייענדיג, איך זאל מיר צוריקקעהרין צו

„פארדארבין“; אבער איך האב מיר דיא אויערין מיט דיא פינגער פערשטאפּט און בין מיר מיין וועגס ווייטער געגאנגען.

גוט־וויללי: נוא־זשע איז דיר גאר קיינער ניט נאכגעקומען אום דיך צו איבעררייִדין צוריק זיך צו קעהרין?

משיחי: יאָ, „הארט־נאקין“ אויך „שוואך־גייסט“; אבער וויא זייא האבין געזעהן דאס זייא האבין איבער מיר קיין שליטא ניט האט זיך הארט־נאקין גלייך, מיט צאָרין און שפּאָט, אומגעקעהרט, און שוואך־גייסט איז נאך מיט מיר מיטגעגאנגען אָט אַ קליינע שטרעקקע.

גוט־וויללי: ווארום איז ער אבער טאַקי ניט מיטגעקומען מיט דיר?

משיחי: מיר זיינען געקומען ביז צום זומפּף „פערצווייפלונג“ וואו מיר זיינען ביידע פלוצלונג אריינגעפאללען. דאָרט האט מיין שכן שוואך־גייסט געגצליך דעם מוטה פארלאָרין, און האט זיך ניט געוואלט וואגען ווייטער צו גיין; דארום, אָט ווען ער האט זיך ארויסגעדראפּעט פון זומפּף, ארויס־קומענדיג אויף יענער זייט, וועלכע איז נאהענט צו זיין היים, האט ער זיך צו מיר אפּגערופען: פון זיינעט וועגין, מעג איך שוין דיא טייערע נחלה אליין ירשה'נען. און אַזוי איז ער זיך אוועק־געגאנגען, ער זיין וועג, און איך מיין וועג; ער נאָך הארט־נאקין נאָך, און איך אַהער צו דיעזען טהויעריל.

„אַך“ — האט גוט־וויללי געזיפצט — „ארעמער שוואך־גייסט! האט בייא איהם דיא הימלישע פּראכט אַזאַ קליינעם ווערטה, דאס אום איהר צו בעקומען, איז בייא איהם ניט אַמאָל ווערטה געוועזן ליידין צו דארפין איינינע שוועריגקייטין?“

משיחי: אוי! יאָ, איך האב איבער שוואך־גייסט'ן דעם אמת דערציילט, ווען איך זאל אבער פון מיר אליין דעם אמת דערציילין, אַזוי וועט זיך עס ארויסשטעללען דאס

צווישען מיר און איהם איז גאר קיין אונטערשיעד. אמת, ער האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין היים, איך אבער האב זיך דערנאך אוועק געקעהרט אויף דעם וועג, וועלכער פֿיהרט צום טויט, געטריעבען דורך דיא זינדיגע איבערריידונג פֿון איין הערר, וועלט־קלוג.

גוט־וויללי: אַך, האט זיך דיעזער צו דיר צוגעזעללט אויף דיין וועג? אָט דער טאַקי, האט דיר מן־הסתם געוואלט בריינגען דוא זאלסט גיין זוכען הילפֿע ביים הערר יושר. אָה, זייא זיינעןביידע בעטריגערס! — האסטו אבער אנגענומען זיין עצה?

משיחי: אוי, ווייא: יאָ, וויא ווייט איך האב געקענט! איך האב הערר יושר'ן געזוכט ביז איך האב געזעהן דאס דער בארג, וועלכער איז דאָרט פֿאר זיין הויז, וועט באלד מיר אויף'ן קאָפּ פֿאללען; און אַזוי בין איך געצוואונגען געוועזן דאָרט, אויף'ן אָרט, שטיין צו בלייבען.

גוט־וויללי: יאָ דער בארג איז, און ער וועט נאך זיין, דער טויט פֿאר פֿיעלע! וואָהל איז דיר דאס דוא ביסט נִצול געווארין, ניט פֿון איהם צושמעטערט צו ווערין.

משיחי: יאָ, ווירקליך וואהר! דען איך וויים ניט וואס עס וואלט פֿון מיר געווארין ווען מבשר וואלט מיך ניט נאכאַמאל בעגעגענט, אָט גראד אין דער שעה, ווען איך האב אַזוי געבלאָנזשֶעט און האב ניט געוואוסט וואס אנ־צופֿאנגען. דאס איז געוועזן דער גרויסער חסד פֿון גאט ב"ה, וועלכער האט מבשר'ן נאכאַמאל צו מיר צוגעפֿיהרט; דען ווען ניט דיעזער חסד הבורא ית"ש, וואלט איך קיינמאל ניט זוכה געוועזן אַהער צו קומען. נוא, דא בין איך, וויא איך בין, איינער וועלכער האט גיכער דעם טויט פֿארדיענט אונטער יענעם באַרג איידער דא צו שטיין און מיט אייך צו ריידין, הערר. אָ און וואס פֿאר אַ חסד איז עס נאָך

פֿאר מיר, נאָך דעם אללעס, היער נאָך איינגעלאדען צו ווערין!

גוט־ווילל: מיר ווארפֿין קיינעם ניט פֿאָר; מיר קוקין גאר ניט אויף אללעס וואס מיט איהם פֿארגעגאנגען וואָר איידער ער איז אַהער געקומען; קיינער ווערט דא ארויסגעשטויססין! — געה, קום מיט מיר, ליעבער משיחי, נור אקורצע שטרעקקע איך וויל דיר ווייזין דעם וועג וועלכין דוא דארפֿסט גיין. קוק ארויף אַהין, דאָרט זעהסטו יענעם שמאָלען וועג? דאס איז ער אין וועלכען דוא דארפֿסט גיין. דיא אבות און דיא נביאים, משיח צדקנו און זיינע תלמידים, האבין איהם אויס־געטראָטין, און ער איז גראַד וויא אַ שנורר. אָט דאס איז דער וועג און אויף איהם זאלסטו וואַנדערין.

משיחי: גיעבט'ס אבער קיינע קרימונגען און קיינע זייטין־וועגין וואו איין פֿרעמדער קען זיך פֿארגיין און דעם ריכטיגען וועג פֿארליערען?

גוט־ווילל: יאַ, עס זיינען נאָך דאָ אַסאַך זייטין־וועגין אבער זייא זיינען אללע קרום און ברייט; און טאַקי דערבייא קענסטו וויססען צו אונטערשיידין צווישען דעם רעכטין וועג און דיא פֿאלשע וועגין, דא דער רעכטער וועג גייט נאָר גלייך און ער איז שמאָל.

איך האב דערנאך געזעהן אין חלום דאס משיחי האט מיט איהם ווייטער גערעדט, און האט איהם געפֿרעגט אויב ער קען איהם ניט בעפֿרייען פֿון דער משא — דען ביז איצט איז ער נאך אלץ ניט לויז געווען פֿון איהר, און אָהן הילפֿע האט ער ניט געקענט פֿון איהר בעפֿרייט ווערין בשום אופן. — דארויף האט איהם גוט־ווילל געענפֿערט: וואס דיינע משא בעטרעפֿט, קען איך דיר נאָר זאגין, האלט זיך געדולדיג ביז דוא וועסט צו קומען צום אָרט דער בעפֿרייאונג, דאָרט וועט זיא אליין פֿון דיינע פּלייצעס אראָפּפֿאללען.

משיחי האט זיך איצט זיינע לענדין אונטערגעגארטילט און האט זיך פֿארטיג געמאכט צו דער רייזע ווייטער. „נוא" — האט גוט־ווילל צו איהם געזאגט — „ווען דוא ווערסט האבין אפגעגאנגען איין גרויסע שטרעקקע פֿון דיעזען טהויעריל ווערסטו צו קומען צום הויז וואו דער „ערקלעהרער" (אדער „אויסלעגער") וואָהנט. אין טהויער פֿון זיין הויז זאלסטו אנקלאפּ־פּען, און ער וועט דיר גרויסארטיגע זאכין וויזין." משיחי האט דער נאך אבשיעד גענומען פֿון זיין פֿריינד און ער (גוט־ווילל) האט איהם מיטגעגעבין גאט׳ס ברכה.

## פיערטעס קאפיטעל.

משיחי איז אויף זיין רייזע אַלץ ווייטער און ווייטער געווען ביז ער איז צוגעקומען צום ערקלעהרער'ס הויז. דאָרט האט ער אַזוי לאנג געקלאפט ביז איין מאַן איז צום טהויער צוגעקומען און האט געפֿרעגט: ווער איז דאָ?

משיחי: דא איז, איין וואַנדערער, וואס איין גוטער בעקאנטער פֿון דעם בעל־הבית, האט איהם געראטהען דא בעקאנטשאַפֿט צו מאכין, אום דא טאָקי עטוואס גוטעם פֿאר זיך צו געפֿינען. און דארום וואלט איך געוואָלט דעם בעל־הבית זעהן, מיט איהם צו שפרעכין.

גלייך האט מען דעם בעל־הבית גערופֿען, און נאָך אַ קורצע ווײלע איז ער צו משיחי'ן צוגעקומען און האט בייא איהם געפֿרעגט: וואס פֿערלאנגסט דוא?

משיחי: איך בין איין מאַן וואס קומט אוים דער שטאדט „פֿארדארבען" און גייא צום בארג ציון; און עס איז מיר געזאגט געווארין, דורך יענעם מאַן וועלכער שטייט ביים טהויעריל, אַט וואו דיעזער וועג הויבט זיך אָן, דאס ווען איך וועל דא פֿאַרלאנגען וועט איהר מיר וויזין זעהר גרויסאַרטיגע זאכין, וועלכעם וועט מיר זייער בעהילפֿליך זיין צו מיין רייזע.

ערקלעהרער: קום אַריין איך וויל דירווירקליך וויזין אזעליכעם וואס וועט פֿאַר דיר זייער נוצליך זיין. אַזוי ריידינדיג, האט ערקלעהרער בעפֿאָהלען זיינע מענשין דאס ליכט אָנצוצינדען און משיחי'ן געבעטין ער זאל איהם נאכגיין.— ערקלעהרער האט איהם אַזוי אַריין געפֿיהרט אין

זיין אייגינעם ציממער, און האט זיינע מענשין געהיים דיא טהיר עפּענען. גלייך האט משיחי דערזעהן אויף'ן וואַנד א בילד פֿון איין זעלטענעם מאַן, וואס זיינע אויגען זיינען אויפֿגעהויבין צום הימעל און אין דיא הענד האלט ער דאס בוך, וועלכעס איז דאס בעסטע פֿון אללע ביכער אין דער וועלט; אויף זיינע ליפּפּען שטיט געשריעבען „תורת אמת" (ד.ה. דאס אמת'ע געזעץ); דיא וועלט ליעגט אונטער זיינע פלייצעס און עס שיינט, גלייך וויא ער שטיט און קלאגט־אָן אללע מענשין; און איבער זיין קאָפּ שוועבט איין גאלדענע קרוין.

משיחי: וואס בעדייט דען אָט דיעזעס בילד?

ערקלעהרער: דיעזעס בילד שטעלט־פֿאָר איין מאַן וועלכען מען געפֿינט זעלטין אונטער טויזענדער. דאס וואס דוא זעהסט איהם; שטייענדיג מיט דיא אויגין אויפֿגעהויבין צום הימעל און אין דיא הענד האלטענדיג דאס בעסטע בוך פֿון אללע ביכער, און אויף זיינע ליפּפען געשריעבען שטייענדיג, „דאס אמת'ע געזעץ"—דאס זאל דיר בעווייזין, דאס זיין געשעפֿט איז, דונקלע זאכין צו דערקענען, און זייא פֿאר דיא זינדיגע מענשין אויפֿצודעקען. און טאַקי דארום זעהסטו איהם שטייענדיג גלייך, וויא איינער וואס איז זיך מִתְוַכֵּחַ און קלאגט־אָן דיא מענשין. און דאס וואס דוא זעהסט אונטער זיינע פלייצעס, דיא וועלט ליעגען און אַ גאָלדענע קרוין שוועבענדיג איבער זיין קאָפּ, דאס זאל דיר טאַקי אויך ווייזין, דאס ער, אָט וויל ער זוכט זיין הערר'ן צו דיענען, אָט נאָר דערפֿאר וויל ער ליעבט זיין הערר'ן זייער שטאַרק,—ער רעכינט דיא אוצרות פֿון דער גאנצער וועלט, וויא גאר נישט, אללע תענוגי עולם הזה האבין בייא איהם גאר קיין ווערטה ניט. אבער ער איז זיכער אין דער אמת'ער וועלט דיא הימלישע אוצרות צו האבין.

„נוא, זעהסטו״ — האט „ערקלעהרער״ ווייטער געזאגט — „איך האב דיר ראשית כל, אַט דיעזעס בילד געוויעזען, טאקי דערפֿאר ווייל דיעזער מאן, וועלכען דאס בילד שטעלט־פֿאָר, איז גראד דער, וועלכען דער הערר פֿון׳ם אָרט אַט וואוהין דוא גייסט, האט איהם דעם כח געגעבין, דיין פֿיהרער צו זיין בייא אללע שווערע שטעללין אויף׳ן וועג. נוא־יָשָׁע געדיינק גוט אַט דאס וואס איך האב דיר איצט געזאגט, און בעהאלט גוט אין הארצין דאס וואס איך האב דיר דא געוויעזען; דען דוא קענסט זיך אַמאל צוזאמענטרעפֿען אויף דיין רייזע מיט אזעליכע, וועלכע וועלין זיך ריהמען דאס זייא זיינען דיא רעכטע פֿיהרער, און זייער וועג קען דיר חלילה פֿארפֿיהרען צום טויט.

דערנאך האט איהם ערקלעהרער אנגענומען בייא דער האנד און האט איהם ארייגעפֿיהרט אין איין זייער גרויסען סאַלאָן, וועלכען מען האט קיינמאהל ניט אויסגעקעהרט און ניט אָבגעשטויבט. און נאכדעם, וויא משיחי האט דעם סאַלאָן אַווײַלע אנגעקוקט, האט ערקלעהרער בעפֿאָהלען, איינעם פֿון זיינע דיענער, דעם סאַלאָן גוט אויסצוקעהרין און אָבצושטויבין. וויא אבער דער דיענער האט אנגעהויבין צו קעהרין, איז דאָרט געווארין אַזאַ שרעקליכער שטויב, דאס משיחי האט געגלויבט ער וועט באלד דערשטיקט ווערין. ערקלעהרער האט גלייך בעפֿאָהלין, איינע פֿון זיינע דיענסט מיידליך, מיט וואססער דעם סאַלאָן צו בעשפריינקלען. און וויא דאס מיידיל האט אַזוי געטהון, איז גלייך דיא לופֿט גערייניגט געווארין, און דער סאַלאָן איז גלייך ריין און זויבער געווארען.

משיחי: הערר, וואס בעדייט דען דאָס?

ערקלעהרער: צו דיעזען סאַלאָן איז געגליכען דאס מענשליכע הארץ, וועלכעס איז נאך ניט גערייניגט געווארין דורך דעם חסד הבורא, וועלכע דער מענש בעקומט דורך דעם

גלויבין אין ישוע המשיח. דער שטויב איז דער אוראַלטע איינגעוואָרצעלטער חֵשֶׁק, אין מענשין'ס הארץ, צו זינדיגען; דיא תַּאֲוָה, זיך פֿון גאָט אוועק צו רייסין, זיך צו פֿאראונרייניגען און געגען גאָט אונווירדיג צו זיין. יענער, וועלכער האט צוערשט אנגעהויבין דעם סאַלאָן אויסצוקעהרין און דעם שטויב צו רייניגען,—שטעלט־פֿאָר דיא תורה הקדושה,* וועלכע וויזט דעם מענשין וואס זינד איז אבער דיא, וועלכע האט וואסער געבראכט, דאס איז דיא טייערע בשורה פֿון משיח. דאס וואס דוא האסט געזעהן, דאס ווען דער ערשטער האט אנגעהויבין צו קעהרין איז דער שטויב געווארין שרעקליך, און דער סאַלאָן איז ניט ריין געווארין און דוא ביסט שיער דערשטיקט געווארין, דאס זאל דיר וויזין, דאס דיא תורה, אנשטאט דעם מענשינס הארץ דורך געזעצין, צו רייניגען פֿון זינד, מאכט זיא נאך אין איהם דיא תאוה, צו זינדיגען פֿיעל שטארקער און לעבענדיגער; יאָ, זיא רייצט נאך מעהר אויף דעם מענשין'ס זינדיגע נאטור, צום געלוסטען, אָט טאקי דאס, וואס איז פֿארבאטען. ווייל דיא תורה דעקט אויף און זאגט וואס זינד איז, אָט גראד ווען זיא בעפֿעהלט מען זאל דיעזעס, און יענעס, ניט טהון. אבער דיא תורה גיט ניט קיין קראפֿט דיא זינד צו האססען, און דעם יצר־הרע, מְנַצֵּחַ צו זיין. דאס אבער וואס דוא האסט דערנאך געזעהן, וויא דאס מיידיל, האט דעם שטויביגען סאַלאָן מיט וואססער בעשפריינקילט, איז ער גלייך גערייניגט און זויבער געווארין,—דאס זאל דיר לערנען, דאס ווען דיא טייערע בשורה פֿון משיח מיט איהרע גאנצע זיסקייט,

* דיא תורה הקדושה האט צוערשט דיא מענשין געלערינט דאס דער בורא ית"ש איז אַ הייליגער גאָט, און זיין רצון איז מיר זאלין הייליג זיין „קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם" און אין דעם שפיעגעל פֿון דער תורה זעהט דער מענש וויא זינדיג ער איז און וויא אונריין ער איז געגען דעם הייליגען גאָט ב"ה. די לנבון.

איינדרינגט אין דאס מענשליכע הארץ, ווערט דיא תאוה צום זינדיגען געבראכען און בייאגעקומען, דורך דעם גלויבין אַן משיח, און זיין קראַפט דורך דעם רוח הקודש; דעם מענשין'ס נשמה רייניגט, אַט אַזוי וויא דער סאַלאָן איז גערייניגט געווארין, פון שטארקין שטויב, ווען מען האט איהם בעשפריינקילט מיט וואססער. און דעם מענשין'ס הארץ, ווערט דורך דיא בשורה, וויא איין „בית המקדש," וואס אין איהם קען וואָהנען, דער „מלך הכבוד."

און אַזוי האב איך אין חלום ווייטער געזעהן, וויא ערקלעהרער האט איהם אָנגענומען בייא דער האנד, און האט איהם אריין געפיהרט אין אַ צימער וואו צווייא קליינע קינדער זיינען געזעסען אויף צווייא שטוהלען. דעם עלטערין, האט מען גערופען „תאוה," און דעם קלענערין, האט מען גערופען „געדולד." תאוה'ס פנים, האט ארוים געזאגט דאס ער איז שטענדיג אונצופריעדען, אבער אָן דעם פנים פון געדולד, איז געווען צו דערקענען, דאס זיין זעעלע איז גאנץ רוהיג און געדולדיג.

משיחי האט בייא ערקלעהרער'ן אַ פרעג געטהון: ווארום זעהט עפעס תאוה אַזוי אונצופריעדען אוים?

ערקלעהרער: דער הערר וויל האבין מען זאל ווארטין אויף דיא טייערסטע זאכין וואס ער וועט געבין, ביז צום אנפאנג פון נייעם יאהר. דיעזער אבער וויל האבען אללעס אַט שוין. דאגעגען אבער געדולד ווארט זייער רוהיג. דערנאך האב איך געזעהן וויא מען איז צו תאוה'ן צוגעקוממען און מ האט פאַר זיינע פיס אויסגעשאָטטען אַ זאַק פולל מיט טייערע זאַכין. תאוה האט דיא זאכין אויפגעהויבין און האט זיך מיט זייא שטארק געפרייט; און ער האט געדולד'ן גאר אויסגעלאכט. דאַך האב איך געזעהן וויא נאָך אַ קליינער ווילע האט תאוה פון דיא אללע טייערע זאכין געמאכט, אַ ניין, מיט אַ נישט,

און עס איז איהם ניט איבערגעבליעבען מעהר וויא אַ פּעקיל שמאַטעס.

משיחי (צו ערקלעהרער׳ן): וואס בעדייט דען דאָס?

ערקלעהרער: אָט דיא צווייא קינדער שטעללין־פֿאָר דיא צווייא פֿארשיעדענע קלאַססען מענשין פֿון דער וועלט. תאוה, איז איין בילד פֿון דיא מענשין וועלכע געהערין דיעזע וועלט (בני עולם הזה), און געדולד, איז איין בילד פֿון דיא מענשין וועלכע געהערין יענע וועלט (בני עולם הבא). אָט גראד וויא דוא האסט דא געזעהן, דאס תאוה וויל אללעס האבין אָט שוין, אַזוי טאקי זיינען אללע וועלכע טראַכטין נאָר דיעזע וועלט צו געניעססען; אָט דיא עולם־הזה׳ניקעס זייא וואָלטין אללעס וועלין אָט שוין; זייא קענען ניט געדולדיג זיין דאס בעסטע ערשט צו בעקומען אין דעם יאהר וואס קומט, ד.ה. אין דער אייביגע וועלט. דאס שפּריכוואָרט „איין פֿויגיל אין דער האנד איז בעססער וויא אַ טויב אויף׳ן דאַך״ גילט בייא זייא מעהר, וויא דיא געטליכע הבטחות, פֿון דיא אוצרות וועלכע ער וועט געבין אין דער בעשטימטע צייט. וויא דוא האסט אבער געזעהן דאס תאוה האט זייער גיך פֿון אללעס אַ נישט געמאכט, און דאס עס איז איהם נאָר געבליעבען אַ בינטעל שמאַטעס, אָט אַזוי טאקי וועט עס גיין מיט אללע אזעליכע לייט בייא דער ענדע פֿון דיעזער וועלט—ביים יום הדין!

משיחי: יאָ, איצט זעה איך טאקי דאס געדולד האט אין זיך דיא העכסטע קלוגהייט; און איך פֿארשטייא עס. ערשטינס, ווייל ער וואַרט אויף דיא בעסטע און טייערסטע זאכין; צווייטינס, ווייל ער וועט זיינע אללע טייערע זאכין האבען —אָט פונקט וויא טייער און ווערטה זייא זיינען—אין דער צייט ווען תאוה׳ן וועט מעהר ניט בלייבין וויא נאָר צולומפּערטע שמאַטעס.

ערקלעהרער: און דוא קענסט נאָך זאגין, דריטטענס, ווייל דיא אוצרות פֿון יענער וועלט זיינען אויף אייביג, זייא נעהמען קיינמאהל קיין ענדע ניט. אבער דיא אוצרות פֿון דיעזער וועלט נעהמען גיך איין ענדע און זייא ווערין פלוצלונג פֿארלאָרין; און דארום האט תאוה גאָר ניט קיין רעכט פֿון געדולד'ן צו לאַבין, דערפֿאר, ווייל ער האט זיין טהייל פֿריעהערט בעקומען. פֿיעל מעהר וועט געדולד רעכט האבין פֿון תאוה'ן צו לאַכין, ווייל ער וועט דאס גוטע, צו לעצט בעקומען; דען דאס ערשטע מוז פֿארשווינדען ווען דאס לעצטע קומט, דאס לעצטע אבער מאכט ניט מעהר קיין פלאץ פֿאר אנדערעס, ווייל עס איז ניט דאָ מעהר וואס עס זאל נאָך דאס לעצטע קענען קומען. יאָ, יאָ, ווער עס האט זיין טהייל צוערשט בעקומען דער האט אַ בעשטימטע צייט עס צו האבין און צו ענדיגען, אבער דער וואס האט זיין טהייל צו לעצט, דער האט עס אויף אייביג. דארום טאקי, איז געזאגט געווארין צו יענעם רייכין מאַן (וועלכער איז אַזוי אכזָריש געוועזן, און אַ גרויסער עולם־הזה'ניק; „דוא האסט דיין גוטעס בעקומען ביים לעבין. אלעזר אבער האט געליטטען. איצט אבער ווערט ער געטרייסט און דוא געפייניגט״ (לוקס ט״ז כ״ה).

משיחי: איצט בעגרייף איך, דאס עס איז ניט דאס בעסטע צו דענקען נאָר וועגען עשירות אין דיעזער וועלט, אוצרות וועלכע ווערין מיט דער צייט צו נישט. בעססער איז עס צו דענקען וועגען אייביגע עשירות וועלכעס וועט קומען.

ערקלעהרער: גוט, האסטו געזאגט, ווייל אזעליכעס וואס איז אָט דאָ פֿאר דיא אויגין, דאס איז נאָר אויף א צייט, און עס פֿאַרגייט זייער גיך. אבער דיא בייא גאט פֿארבאָרגענע זאכין זייא זיינען אויף אייביג; זייא ווערין קיינמאל ניט פֿאַרגיין. און ווייל עס איז אַזוי, זיינען טאקי דיא אללע צייטליכע תענוגים, מיט דיא פֿליישליכע תאוות, זייער נאהענטע

שכנים.... און ווידער פֿארקעהרט, דיא צוקונפֿטיגע (אייביגע) זאכען, און דער פֿליישליכער זינדיגער ווילען, זיינען זייער ווייט און פֿרעמד איינער פֿון צווייטין. און דארום, ווערין טאקי דיא ערשטע צוויא, זייער גיך בעפֿריינדעט, און זייא גייען אין דער וועלט אללע מאל צוזאמען. אבער צווישען דיא לעצטע צוויא, (צווישען אייביגע זאכין און זינדיגען ווילען), איז אללע מאל דאָ אַ צושיידונג; איינער קען דעם אנדערין געבען זיך ניט דולדין....

און אַזוי האב איך אין חלום ווייטער געזעהן וויא ערקלעהרער האט משיחי'ן בייא דער האנד אנגענומען און האט איהם צוגעפֿיהרט צו איין אָרט וואו דאָרט אונטער אַ מויער האט געברענט אַ פֿייער. בייא דעם פֿייער איז איינער געשטאנען און האט געהאלטין אין איין גיעססען וואססער, אום דאס פֿייער צו פֿארלעשין. און דאָך האט דאס פֿייער אַלץ שטארקער און הייסער געברענט.

דאס זעהענדיג, האט משיחי געפֿרעגט: וואס בעדייט דען דאס?

ערקלעהרער: דיזעס פֿייער איז אנגעצונדען געווארין אין דאס מענשליכע הארץ, נאכדעם דאס דער מענש האט געגלויבט אין דיא בשורה פֿון משיח, און דער חסד פֿון גואל צדק האט אין זיין הארץ געווירקט דאס געטליכע ווערק, (ד.ה. ער האט אין זיך מקבל געווען דעם רוח הקֹדש, און איז געווארין אַ נייא געבאָרענער מענש, מיט אַ הארץ וועלכע ליעבט גאט ב"ה, און איז ערלייזט פֿון זינד און טויט). און דער, וועלכער שטייט און האלט אין איין גיעססען וואססער אום דעם פֿייער צו פֿארלעשין, דאס איז דער שטן. דאס אבער וואס דוא זעהסט, דאס נאָך דעם אללעם, ווערט דער פֿייער נאָך שטארקער און הייססער, אָט דאס וויל איך דיר גלייך ווייזין וויא אַזוי עס געשעהט. און אַזוי האט ערקלעהרער

משיחי׳ן אנגענומען בייא דער האנד און האט איהם צוגעפֿיהרט צו דער צווייטער זייט מויער, און האט איהם געוויעזען וויא איין מאן שטייט מיט גרויסע קוואָרט אייל אין דער האַנד, און האלט אין איין גיעססען אייל אין דעם פֿייער, ווען קיינער זעהעט ניט.

משיחי: (צו ערקלעהרער): וואס בעדייט דאס?

ערקלעהרער: דיעזער מאן, דאס איז דער משיח, וועלכער ערקוויקט, ערפֿרישט, און קרעפֿטיגט שטענדיג דאס געטליכע ווערק, וועלכעס האט אנגעפֿאנגען צו לעבין אין דאס מענשליכע הארץ. יאָ, דער משיח גיעססט אַלץ צו חֶסֶד־אָייל (ד.ה. רוח הקדש און קרעפֿטיגע אמונה); און דורך דעם מיטטעל בלייבט זיין קהלה אללע מאל אַ הייליגע קהלה וועלכע איז בעגנאַדיגט פֿון גאט ב״ה, האָטש דער שטן בעמיהט זיך מיט אללע קרעפֿטין געגען דעם צו ארבייטין. און דאס וואס דוא זעהסט איהם (דעם משיח) שטיין פֿארבאָרגין אונטער דער וואַנד, דאס זאל דיר צו פֿארשטיין געבין דאס דיא אַללע מאמינים, וועלכע ווערין פֿון שטן פרובירט, זייא איז עס שווער צו דערקענען וויא אַזוי דער רוח הקדש ווירקט אין זייער נשמה און וויא אַזוי דיא פֿעסטע אמונה ווערט בייא זייא גוט אויפֿגעהאלטין.

איך האב דערנאך געזעהן וויא ערקלעהרער האט משיחי׳ן נאכאַמאל אנגענומען בייא דער האנד און האט איהם אריינגעפֿיהרט אין איין פרעכטיגען אָרט, וואו עס איז געוועזן צו זעהן איין זייער שיינער פּאַלאסט, וואס איהם אנקוקענדיג, איז משיחי זייער דערפֿרייט געוואָרין; בפרט זעהענדיג אויף דיא דעכער פֿון פּאַלאסט מענשין שפּאַצירען וועלכע זיינען געוועזן אנגעטהון מיט גאלדענע קליידער.

משיחי (צו ערקלעהרער׳ן) וויא? איז אונז ערלויבט אַהין צו צוגיין?

אויף דעם האט ערקלעהרער משיחי׳ן דיא האנד דערלאנגט

און האט איהם צוגעפֿיהרט צום טהויער פֿון פּאַלאסט. דאָרט פֿאַר דעם טהויער זיינען געשטאנען אַסאך מענשין, אללע וועלינדיג זיך אין פּאַלאסט אריין צושטופּען, אבער קיינער פֿון זייא האט עס געקענט. ביים טהויער איז געזעססין אַ מאַן בייא איין טיש, וועלכער האט נעבען זיך געהאט אַבוך און שרייבגעצייג, אום אויפֿצושרייבין און איינצוצייכענען דיא נעמען פֿון דיא, וועלכע האבין געוואָלט אריין אין פּאַלאסט, אבער איך האב געזעהן וויא אין טהויער־וועג שטייען אַסאך בעוואפֿענטע מענשין, וועלכע זיינען גרייט, מיט זייערע אללע קרעפֿטין מלחמה צו האלטען און אַנצוטוהען דיא גרעסטע יסורים, און שמערצין אַט צו דיא אללע, וועלכע וויללען אריינקומען אין פּאַלאסט. און דאס זעהענדיג איז משיחי ערשטוינט געווארין.— ענדליך, ווען יעדער איינער האט זיך צוריק געצויגין פֿאַר מורא פֿון דיא בעוואפֿענטע מענשין וועלכע האבין ניט צוגעלאזין צום פּאַלאסט, האט משיחי געזעהן, וויא איין מאַן מיט קורראַזש און פֿעסטין־גייסט, איז צוגעגאנגען צום מאַן וועלכער האט איינגעשריבען און האט געזאגט: הערר, שרייבט איין מיין נאמען. און וויא דאס איז געשעהן, (האט משיחי וויטער געזעהן, וויא) דער מאַן האט בעקומען אַ סאלדאַטסקע היטעל אויף'ן קאָפּ, און דער מאַן האט זיין שווערד ארויסגעצויגען * און האט זיך קרעפֿטיג אַלאָז־געטהון צום טהויער פֿון פּאַלאסט געגען דיא אללע בעוואפֿענטע מענער וועלכע זיינען איהם וויא דיא ווילדע מערדער איבערפֿאלען, איינפּאַך איהם צוטייטין, אבער דער מאַן, האט דורך־אויס קיין קורראַזש און מוטה ניט פֿארלאָרין. ער האט אויף אללע זייטען געשלאגען וויא איין צאָרענדיגער

---

* דאס סאלדאַטסקע היטעל דאס איז דער „כובע-ישועה" און דיא שווערד, דאס מיינט מען דיא שטארקע אמונה און בטחון אין גאט ב"ה, וועלכעס גיט קראפֿט אללעס בייצוקומען. די לנבון.

גבור. און נאכדעם, דאס ער און זייא האבין זיך אַ היבשע ווײלע אַרומגעראַנגעלט, און זייא, אויך ער, האבין שטארקע קלעפּ און וואונדין בעקומען — איז ער דורך געדרונגען דורך זייא אללע, פאָרווערטס, אין פּאַלאסט אריין. — אויף דעם האט זיך גלייך געהערט דיא פּרייליכע שטיממע פון דיא אללע וועלכע האבין שפּאַציערט אויף דיא דעכער פון פּאַלאסט, וויא זייא האבין מיט פרייד פאַר איהם אויסגערופען:

אַריין, אַריין! — ברודער, וואהל איז דיר!
דיא קרוין פון כבוד וואַרטעט אויף דיר!

אַזוי איז דער מאַן אַריין אין פּאַלאסט און איז גלייך אָנגעקליידעט געווארין מיט דיא זעלבע קליידער וועלכע דיא מענשין אין פּאַלאסט האבין געטראגין.

משיחי האט דערבייא זיסס געשמייכילט און געזאגט:

איי, יאָ, איך פאַרשטייא דיא דייטונג אָט פון דאס, וואס איך האב דאָ געזעהן. *

איצט האט משיחי געזאגט צו ערקלעהרער'ן: לאָז מיר זועל איך מיר גיין אויף מיין רייזע ווייטער.

ערקלעהרער: אָ ניין, בלייב נאָך אַ ווײלע ביז איך וועל דיר נאָך וואס ווייזין; דערנאך ערשט זאלסטו גיין דיין וועג. און אַזוי האט ער משיחי'ן אנגענומען בייא דער האנד און איהם אריינגעפּיהרט אין איין זייער דונקלען צימּמער וואו איין מאַן איז געזעססין איינגעשלאָססין אין איין אייזערנע שטייג. דער איינגעשלאָססענער האט אויסגעזעהן זייער טרויעריג, און מיט צוזאמען־געלייגטע הענד איז ער געזעססין און האט געזיפצט גלייך וויא זיין הארץ וויל אין איהם צושפּרונגען ווערין.

---

* ליבער אידישער לעזער, ערלויב מיר דיר צו פרעגין: פאַרשטייסט דוא אויך דיא דייטונג אָט פון דיעזע וואונדערבארע געשיכטע?

משיחי: וואס בעדייטעט דען דאס?

ערקלעהרער: איך ראטהע דיך דוא זאָלסט אליין מיט דעם מאַן שפרעכען.

משיחי — צום מאַן: ווער ביסטו?

דער מאַן: נוא בין איך דאס וואס איך בין אמאל ניט געוועזן.

משיחי: וואס ביסטו דען אמאל געוועזן?

דער מאַן: אַמאל בין איך געוועזן — וויא עס האט מיר און לייטין געשיינט — אַ ריכטיגער בעל תשובה פֿון וועלכען מען וואלט געקענט גוטעס האָפֿפֿען; אמאל בין איך געוועזן — וויא עס האט זיך מיר געדאַכט — אויף'ן ריכטיגען וועג צו דער הימלישע שטאדט, און איך האב מיר געפֿרייט ביים גדאנקען דאס איך וועל אַהין צוקומען.

משיחי: נוא גוט, אבער וואס ביסטו איצט?

דער מאַן: אוי, איצט בין איך איין פֿערלאָרינער מענש! איך בין איינגעשלאָססין אין דיזע פֿינסטערנים גלייך אָט וויא אין דער אייזערנע שטייג. אָך איך קען פֿון איהר ניט ארויס, און קען צו קיין פֿרייהייט ניט קומען; אָך, איצט קען איך שוין דיא פֿינסטערנים ניט מעהר פֿארלאָזין!

משיחי: אבער וויא אַזוי ביסטו געקומען אָט אין אַזא שרעקליכע לאַגע?

דער מאַן: איך בין פֿויל געוועזן, איך האב אויפֿגעהערט וואַך און מונטער צו זיין; איך בין וויא אַ שכור'ער געגאנגען נאך דיא תאוות פֿון מיין הארץ; איך האב געזינדיגט געגען דאס ליכט פֿון גאט'ס וואָרט און געגען זיין חסד; איך האב בעטְרִיעבט דעם הייליגען גייסט און ער איז פֿון מיר גענצליך פֿארשְׁוואונדען; איך האב מיר אליין איבערגעגעבין דעם שטן און ער איז מיין הערר געוואָרין; איך האב גאט אַזוי שטארק ערצערינט ביז ער, האט מיר גענצליך פֿארלאָזין; איך האב

מיין הארץ אַזוי שטארק פֿערהאַרטעוועט דאס עס קען שוין גאָר ניט ווייך ווערין, אום (אמת) תשובה צו טהון!

משיחי (צו ערקלעהרער'ן): איז דען פֿאַר אַזא מאַן שוין גאָר קיין האָפֿפֿנונג ניטאָ?

ערקלעהרער: פֿרעג איהם.

משיחי (צום מאַן): איז דען ניט מעהר קיין האָפֿפֿנונג? מוזטו דען בלייבען געפֿאַנגען אין דער אייזערנע שטייג, אין דיא אייביגע פֿינסטערנים?

דער מאַן: ניין, גאָר קיינע!

משיחי: ווארום דען?— דער בן־המבורך איז מלא רחמים!

דער מאַן: איך האב דעם בן־אלהים אויף'ם נייע געקרייציגט; איך האב איהם געשענדעט און געשענדעט זיינע צדקות; זיין הייליגעס בלוט איז בייא מיר געהאלטין געוואָרין וויא אומריינעס בלוט, און דעם הייליגען גייסט האב איך מחרף ומגדף געוועזן; און דארום האב איך מיר אלייז אויסגעשלאססען פֿון אללע גוטע הבטחות. איצט איז פֿאַר מיר ניט געבליעבען וויא נאָר שרעקליכער פֿלוך און שווערע ליידין, וועלכע ווען אויף מיר קומען ביים יום הדין ווען גאט'ס גרויסער צאָרין וועט מיר צושמעטטערין וויא איין שרעקליכער פֿיינד.

משיחי: וואס אבער האט דיר דאַצו געבראַכט, זיך אליין ארייננצובריינגען אין אַזא שרעקליכע פֿינסטערנים?

דער מאַן: אַך, דיא תאוה; פֿערגניגונגען און גרויסקייט פֿון עולם הזה, וואס דורך זייער געניעססען האב איך מיר איינגעבילדעט, דאס איך וועל גרויסע פֿרייד האבין. איצט אבער שטעכט און נאָגט מיר יעדעס איינע פֿון זייא, גלייך וויא גיפֿטיגע ווערים!

משיחי: אבער קענסטו ניט, אָט נאָך איצט, תשובה טהון, און זיך שיידין פֿון דיא זינד?

דער מאַן: גאָט האָט פֿאַר מיר פֿאַרשלאָססען דעם וועג פֿון תשובה! מיין הארץ איז אַזוי טויט דאס זיין וואָרט וועקט מיך שוין גאָר ניט אויף צום גלויבען. יאָ, ער האָט מיר דאָ אין דער אייזערנע שטייג איינגעשלאָססען און דיא גאַנצע וועלט איז ניט אום־שטאַנד מיך פֿרייא צו מאַכען. אייביגקייט, אָך אייביגקייט! וויא זאָל איך מיר שטעללען געגען דאס שרעקליכסטע וועלכעס דוא ברייגנסט אויף מיר אָהן־אויפֿהער?

„געדענק גוט" — האָט ערקלעהרער צו משיחי'ן געזאָגט — „אָט דעם אומגליק פֿון דיעזען מאַן! — זאָל עס דיר זיין איינע אייביגע וואָרנונג."

משיחי: יאָ ווירקליך, דאס איז שרעקליך! — גאָט זאָל מיר העלפֿען איך זאָל זיין שטענדיג וואַך, אום פֿלייססיג תּפִלָה צו טהון, דאס איך זאָל אָפּגעהיט ווערען אָט פֿון דעם מאַן'ס אומגליק. — „הערר," האָט משיחי דערנאָך צו ערקלעהרער'ן געזאָגט — „איז נאָך ניט דיא צייט איך זאָל גיין מיין וועג?

ערקלעהרער: וואָרט נאָר ביז איך וועל דיר נאָך איין זאַך וויזען, דערנאָך קענסטו דיר גיין דיין וועג. און אַזוי האָט ער משיחי'ן אָנגענומען בייא דער האַנד און האָט איהם אַריינגעפֿיהרט אין איין צימער, וואו איין מאַן איז דאָרט גראַד דאַמאָלסט אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, און בְּעֵת ער האָט זיך געהאַלטען אין אָנטהוען דיא קליידער, האָט ער (דער מאַן) געציטטערט און איז געווען זייער דערשראָקען.

„ווארום ציטטערט און שרעקט זיך אַזוי דער מאַן?" — האָט משיחי בייא ערקלעהרער'ן געפֿרעגט.

ערקלעהרער האָט דעם מאַן געהייסען ער זאָל משיחי'ן זאָגען ווארום ער איז אַזוי איינגעשראָקען, און דער מאַן האָט משיחי'ן דיעזע ווערטער דערציילט: „היינט נאַכט האָב איך אין שלאָף געהאַט אַ שרעקליכען חלום: דער הימעל איז דונקעל געוואָרען, און עס האָט דערנאָך אַזוי שרעקליך

געדונערט און געבליצט דאס עס איז אויף מיר געפֿאללען טויט־שרעק. און וויא איך האב דערנאך ארויפֿגעקוקט צום הימעל האב איך געזעהן וויא דיא וואלקענס האבין זיך פלוצלונג וואונדערליך צו־טיילט, און באַלד ד׳רויף האב איך געהערט איין געוואַלדיגעם שופר־בלאָזין, און איך האב דערזעהן אַ מאַן וועלכער איז געווען ארומגערינגעלט פֿון צעהנטויזענדער הייליגע מלאכים, אללע אין פֿייעריגע פֿלאַמען; אויך דער גאנצער הימעל האט דאמאלסט אויסגעזעהן וויא אַ יַם פֿון פֿייער. דערנאך האב איך געהערט וויא אַ קול שרייט: שטייט אויף איהר טויטע און קומט צום געריכט! — תיכף זיינען צושפרונגען געוואָרין אללע פֿעלזינס, און אללע קברים האבין זיך אויפֿגעעפֿענט, און דיא טויטע זיינען פֿון זייא ארויסגעקומען. אַסאך, אָט פֿון דיא וועלכע זיינען ארויסגעקומען פֿון דיא קברים, האביז מיט פֿרייד ארויפֿגעקוקט אין דער הויך, אבער אַסאך פֿון זייא האבין זיך געזוכט צו בעהאלטין אונטער דיא בערגלאַך און זיך צו פֿאַרשטעקין ערגעץ וואו אין אַ לאָך. נאכדעם האב איך געזעהן וויא דער מאַן צווישען דיא וואָלקינס האט איין בוך געעפֿענט און האט בעפֿאָהלין אללע מענשין זאלין זיך פֿאָר איהם שטעללין. דאָך, דער גרויסער פֿלאַם פֿייער, וועלכער איז געווען פֿאָר איהם, האט אַ צווישען־שייד געמאכט צווישען איהם און צווישען דיא, וועלכע זיינען פֿאר איהם געשטאנען, וויא צווישען דעם ריכטער און צווישען דעם אנגעקלאגטען וועלכער שטייט פֿאַר געריכט.

נאכדעם האב איך געהערט וויא אַ שטיממע האט אויסגערופֿען, צו דיא מלאכים וועלכע האבין דעם מאַן ארומגערינגעלט: „זאַמעלט דאס ווילדע גראָז, דיא פֿאַלאָווע און שטעכלינגע, און ווארפֿט זייא אריין אין יַם פֿייער.“ און גלייך דארויף האט זיך אונטער מיינע פֿיס געעפֿענט דאָס

מויל פֿון דער ערד. אַ גרויסער דיקער רויך, וויא דער רויך פֿון אַ קאַלך־אויבין, איז פֿון דאָרט ארויס מיט ברענענדיגע היץ; אויך האט זיך פֿון דאָרט ארויס געהערט שרעקליכע יאָמערן, געוואַלדין און געשרייען. ד׳רויף ווייטער האב איך געהערט וויא דיא זעלבע שטיממע האט אויסגערופֿען: „זאַמעלט דיא ווייץ אין דיא שייערין.” און איך האב געזעהן, וויא פֿיעלע זיינען אין דער הויך אויפֿגעהויבין געוואָרין און זייא זיינען ארויף און אריינגענומען געוואָרין אין וואָלקין. אבער איך בין געבליעבען אונטען אליין. איך האב מיר געזוכט צו בעהאלטען, אבער איך האב עס ניט געקענט, וועיל דיא אויגין פֿון דעם מאַן וועלכער איז געווען אין וואָלקין האבין אויף מיר געבליקט. דאצו־נאָך האב איך מיר דאמאלסט דערמאנט אָן אללע מיינע זינד און מיין געוויססען האט מיר פֿון אללע זייטין זייער שרעקליך אָנגעקלאגט; בייא דעם האב איך מיך פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט.

משיחי: אבער וואס האט אייגענטליך אויף דיר אַזא שרעק געבראכט?

דער מאַן: איך האב געגלויבט דאס דער יום הדין איז שוין געקומען, און איך בין נאָך גאָר ניט צוגעגרייט, פֿאר׳ן געריכט צו שטיין. מעהר פֿון אללעס האט אויף מיר שרעק געבראכט, ווען איך האב געזעהן דאס דיא מלאכים האבין אַזוי פֿיעל מענשין אויבין ארויף גענומען און מיך האבין זייא אונטען אליין געלאָזין; און אונטער מיינע פֿים איז נאָך דער גיהנם געעפֿנעט געווארין! מעהר נאָך פֿון אללעס, האט מיך מיין געוויססען געפּלאגט ווען איך האב געזעהן דאס דער גרויסער וועלט־ריכטער לאָזט זיין אויג ניט אראָפּ פֿון מיר, און קוקט מיך אָן מיט צאָרין.

ערקלעהרער (צו משיחי׳ן): האסטו דיר דאס אללעס אין הארצין אריינגענומען?

משיחי: יאָ, יאָ, מיין הערר; דאס ערוועקט אין מיר פחד, אבער אויך האָפפֿנונג!

ערקלעהרער: נוא־זָשֶׁע בעהאלט דאס אללעס אין דיין זכָּרון, דאס וואס דוא האסט דאָ געזעהן און געהערט. דאס זאל בייא דיר ווערין וויא איין שטעכלינגע, וועלכע זאל דיך טרייבין אַלץ ווייטער אויף דעם וועג וועלכען דוא דארפֿסט גיין.

משיחי האט איצט זיינע לענדין אונטערגעגאַרטעלט און האט זיך פֿאַרטיג געמאכט צום וועג; און ערקלעהרער האט צו איהם געזאגט: „דער טרייסטער,* גוטער משיחי, זאל מיט דיר זיין און ער זאל דיר באַלייטין אויף דיין וועג, וועלכער פֿיהרט אַהין צו יענער הימלישע שטאדט.״ — און אַזוי האט משיחי אנגעהויבין זיין וועג ווייטער צו גיין און האט פֿריילִיך אויסגערופֿען:

האָב, געזעהן וואס נוצליך איז, און זעלטען שיין;
אויך וויא שרעקליך ס׳איז פֿון וועג אַראָפּ צו גיין.
איך וויל געדיינקען אללע מיינע יאָהרין
אללעס וואס איז מיר דאָ געוויזען געוואָרין!

---

* דער טרייסטער, דאס איז דער רוח הקדש, פּרקליט, יוחנן ט״ז ו—י״ד.

# פינפטעס קאפיטעל.

איך האב געזעהן ווייטער אין מיין חלום, דאס דער וועג אויף וועלכען משיחי האט געדארפט גיין איז געווען פוןביידע זייטין אבגעצאמט מיט א מויער, וואס דיא מויער רופט מען „ישועה" (הילפע). אט אויף דיזען וועג איז דער בעלאדענער אלץ ווייטער און ווייטער געגאנגען, דאך אבער שווערליך, איבער דיא משא וועלכע איז געלעגען אויף זיינע פלייצעס.—ער איז אזוי פעסט געגאנגען ביז ער איז ארויף געקומען צו איין ארט אין דער הויך וואס דארט איז געשטאנען איין קרייץ* און אביסעל ווייטער פון דעם ארט, איז דער ניעדער, איז געווען צו זעהן א קבר. נון האב איך געזעהן אין חלום, דאס גראד ווען משיחי איז צוגעקומען צום קרייץ האבין זיך געעפענט דיא שטריק וועלכע האבין דיא משא פעסט געהאלטין אן זיינע פלייצעס, און דיא משא האט זיך אהין, צום קבר אראפגעקייקעלט. דארט אין קבר איז זיא אריינגעפאללען און פון דאמאלסט־אן איז זיא שוין מעהר ניט געזעהן געווארין.

דאמאלסט איז משיחי'ן פרייליך געווארין, און ער האט זיך זייער לייכט געפיהלט; און אויס א הארץ פולל מיט פרייד האט ער אויסגערופען: „ער האט מיר רוה געשיינקט דורך זיינע שמערצין, און לעבין דורך זיין טויט." דערנאך איז משיחי א היבשע ווילע דארט שטילל און רוהיג

* (און אויף דעם קרייץ, איינער צוגעשלאגען מיט נעגעל, זיינע הענד און זיינע פיס, און דארונטער געשריעבען „על לא חמס עשה, ולא מרמה בפיו" . . . „והוא מחולל מפשעינו" . . . „ויהוה הפגיע בו את עון כלנו" . . . ישעיה נ"ג).

געשטאנען אום צו זעהן און צו שטוינען; דען עס איז בייא איהם וואונדערליך געווען צו פיהלען וויא דער בליק אויף דעם געקרייציגטען מאכט איהם פרייא פון זיין שווערע משא. ער האט אהין צום קרייץ געבליקט ביז זיינע אויגין זיינען איהם איבערגעגאנגען פון טרערין וועלכע האבין גערונען איבער זיין פנים. און אזוי וויא ער איז אזוי געשטאנען און דיא טרערין האבין זיך פון זיינע אויגען געגאססין זענין צו איהם צוגעקומען דרייא ליכטיגע ברואים און האבין איהם בעגריסט מיט דיא ווערטער: „פריעדען זייא מיט דיר!" דער ערשטער האט צו איהם געזאגט: „דיינע זינד זיינען דיר פארגעבין"; דער צווייטער האט איהם זיינע שמוציגע קליידער אויסגעטהוען און האט איהם אנגעטהוען מיט רייגע ליכטיגע קליידער; דער דריטער, האט איהם געלייגט א חותם אויף'ן שטערין, און האט איהם געגעבין איין גע'חתמעד־טין בריעף, און האט איהם בעפאהלען אין בריעף צו בליקען דיא גאנצע צייט וואס ער וועט זיין אויף דיא רייזע, און דיעזען בריעף זאל ער איבערגעבין, אלס צייכין, ווען ער וועט צוקומען צום טהויער פון הימעל. און אזוי וויא זייא האבין דאס געענדיגט, זיינען זייא זיך אוועק זייער וועג.

משיחי האט דאמאלס געשפרונגען פאר פרייד און איז זיך געגאנגען זיין וועג פרייליך, זינגענדיג:

מיט א פאק זינד בין איך געווען בעלאדען,
מיט פיעל שמערצין בין איך געקומען אהער;
א וויא היילִיג מוז זיין אט דיעזער באדען, —
א וויא טרייא און ליעב מוז זיין אט דיעזער הערר.
דא אויף דעם קרייץ איז ער פאר מיר געשטארבין, —
דא האט ער מיר פון אייביגען טויט בעפרייט;
דא האט ער פאר מיר דעם הימעל ערווארבין, —
א, לויבין וויל איך דיר, הערר, אין אייביגקייט.

# זעקסטעס קאפיטעל.

איך האב דערנאך געזעהן אין חלום וויא משיחי איז ווייטער געגאנגען, ביז ער איז אראָפּגעקומען אין טאָהל דאָרט האט ער דערזעהן וויא אַ ביססעל אָן אַ זייט פֿון וועג, ליעגען דרייא מענשין און שלאָפֿין, און זייערע פֿים זיינען געשלאָססען אין קייטין. איינעם האט מען גערופֿען „טִפֵּש" דעם אנדערין „פֿוילענצער," דעם דריטטען „איינגעבילדעטער." וויא משיחי האט זייא געזעהן אין אַזאַ טרויעריגע לאַגע, האט ער געפּרובירט טאָמער וועט ער זייא קענען אויפֿוועקען; און האט דארום צו זייא געשריען: „איהר זייט דאָך גלייך צו דיא וועלכע שלאָפֿין אויף׳ן שפּיץ פֿון זעגעלבוים; דען אונטער אייך איז דאָך דער טויטער ים; אַ תהום וועלכער האט גאָר קיין גרונד ניט. אָ, וואַכט אויף און קומט אַהער; ווילט נאָר, וועל איך אייך בעהילפֿליך זיין פֿון דיא קייטין לויז צו ווערין" — דערנאך האט משיחי ווייטער געשריען — „ווען דאַ וועט פֿארבייא־גיין אָט־דער, וועלכער גייט ארום וויא א ווילדער לייב, וועט איהר דאָך פֿון איהם געווים אויפֿגע־פֿרעססען ווערין!" אבער אויף דעם האבין זייא משיחי׳ן אנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגין און האבין, יעדער איינער פֿון זייא, געענפֿערט. „טִפֵּש" האט געזאגט: איך זעה קיין סכנה ניט. „פֿוילענצער" האט געזאגט: אַיי, אַיי, נאָר נאָך אַביססעלע שלאָפֿין. „איינגעבילדעטער" האט געזאגט: עס איז ניט דיין געשעפֿט; יעדער זאל זארגין נאָר פֿאר זיך אליין.— און אַזוי זיינען זייא זיך טאַקי ווייטער געשלאָפֿען, און משיחי איז זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג. אבער משיחי׳ן איז עס

געוועזען אַ הארץ ווייטיג, דאס מענשין וועלכע געפינען זיך אין אזאַ סכנה זאלין פון זיך אפשטויסין דאס גוטע וואס אַ מענש וויל מיט זייא טהון, אוים פרייען ווילען, און בייא זייא זאל אַזוי קיין ווערט ניט האבין דיא מיה פון איין מענשין וועלכער קומט זייא אויפצו־וועקין און זוכט זייא צו העלפין פרייא צו ווערין פון דיא קייטין. און וויא ער איז אַזוי טרויעריג געוועזען נאכדענקענדיג אויף דאס פארגאַנגענע, האט ער דערזעהן וויא אויף דער לינקע זייט פון וועג, איבער דיא מויער הער־איבער, שפרינגען אריין צווייא מענער און זייא גייען האַסטיג איהם צו דעריאָגין, איינעם פון זייא האט מען גערופען „צערעמאָניסט"* דעם אנדערין האט מען גערופען „צבוע׳יאַק." און וויא דיאביידע זיינען צוגעקומען צו משיחי׳ן האט זיך צווישען זייא אנגעהויבין אַזאַ שמועס:

משיחי: מיינע העררין, פון וואנען קומט מען און וואוהין גייט דיא רייזע?

צערעמאָניסט און צבוע׳יאַק: מיר זיינען געבארין אין לאַנד „נארישער־כבוד," און מיר רייזין אום געריהמט צו ווערין, צום בארג ציון.

משיחי: ווארום אבער גייט ניט אייער רייזע דורך דעם קליינעם טהויעריל וועלכער איז ביים אנפאנג פון דיעזען וועג? ווייסט איהר דען ניט וואס דער העררר האט געזאגט: „וועלכער עס קומט אריין דורך איין אנדער זייט, און גייט ניט אריין דורך׳ן טהויער דער איז אַ גנב און אַ רויבער?"

צערעמאָניסט און צבוע׳יאַק: אריין גיין דורך׳ן טהויער האלטין אללע אונזערע לאַנדס־לייט פאַר איין צו־ווייטין

---

* צערעמאָניסט, הייסט איינער, וועלכער זיין גאנצע רעליגיאָן בעשטייט נאָר פון מנהגים, פאָרמען, מצוה׳לאך א.ז.וו. און נאָר דורך אויסערע צערעמאָניעס זוכט ער גאט צו געפעללען. די לנבון.

אומוועג. בייא זייא איז עס דיא מאָדע דעם קורצערין וועג צו גיין און איבער דיא מויער צו שפּרינגען: און אַזוי האבין מיר עס אויך געטהון.

משיחי: איז דאס אבער ניט איין פערברעכען געגען דעם הערר׳, וואס מיר זיינען אויף׳ן וועג צו זיין שטאדט? ווען מען איז אַזוי ווידער־שפּענסטיג געגען זיין היילינע וויללען.

צערעמאָניסט און צבוע׳יאַק: וואס דאס אָנבעלאַנגט, דאס דאַרף גאָר ניט הארין; דען אַזוי וויא מען איז זיך נוהג אַזוי איז עס — איינמאל־פאַר־אללע־מאל — צו טהון. מען וואָלט דיר געקענט איבערווייזין דאס דיעזער מנהג איז שוין עלטער פון טויזינד יאָהר.

משיחי: אבער וועט אייער טענה אויך קענען גילטען ביים יום הדין?

צערעמאָניסט און צבוע׳יאַק: דער מנהג וואס בעשטייט שוין מעהר פון טויזינד יאהר וועט אָהן אַ שום ספק גילטען מיט רעכט, פאַר אַ ריכטער וואס איז אונפּאַרטייאיש. אויסער־דעם, וואס מאכט עס דען אויס, אויף וואס פאַר איין אופן מיר זיינען געקומען אויף דעם וועג, אַביא מיר גייען אויף איהם. זיינען מיר אויף׳ן וועג, אַזוי זיינען מיר אויף איהם. דוא, וואס דוא ביסט געקומען דורך׳ן טהויער׳ל, ביזטו דאָך אויך נאָר אויף דעם זעלבען וועג, וויא מיר—וואס מיר זיינען איבער דיא מויער אריינגעשפּרונגען. היינט מיט וועלכען ביסטו עפּעס בעססער פאַר אונז?

משיחי: איך גייא וויא מיין הערר האט געהייססין גיין, אבער איהר גייט נאך אייערע אייגינע המצאות. איהר זייט שוין איצט ביים הערין פאַררעכינט פאַר גנבים. דארום מיין איך דאס אַם ענדע פון דער רייזע וועט איהר ערשט ווירקליך בעטראכט ווערין אַלס זייער ניט אַרענטליכע מענשען, יאָ,

איהר זייט אריינגעקומען אָהן זיין ווילען, נאך אייערע אייגינע המצאות; און איהר וועט אויך מוזין אַזוי ארויסגיין אָהן זיין חסד און אָהן זיין ישועה.

אויף דיא ווערטער האבען זייא גאָר ניט געפֿונען וואס צו ענפֿערין, נאָר צו זאגין—צו משיחי'ן—„דוא מעגסט זיך אליין עצות געבין!"

איך האב דערנאך געזעהן אין חלום, וויא זייא זיינען אלע דרייא געגאנגען זייער וועג, אבער שוין מעהר ניט פֿיעל געשפּראָכען צווישען זיך. דיא ביידע האבען נאָר דאס נאך געזאגט צו משיחי'ן; דאס וואס געהער צו חוקים און מצות זיינען זייא זיכער אַז זייא האלטען אללעס און זייא זיינען אלעם מְקַיֵם פונקט אַזוי גוט וויא ער; און דארום, שיינט עס זייא, דאס עס איז גאר ניטא קיין אונטערשיעד צווישען זייא און איהם. דאס איינציגע—האבען זייא ווייטער צו איהם געזאגט—איז נאָר דער ראָק וועלכען דוא טראגסט אויף דיר, וואס איהם האט דיר געוויסס געגעבין דיינער אַ שכן אום דיין שאַנדע צו פֿארדעקען.

משיחי: דורך געזעצין און מצות קענט איהר ניט גע־רעטעט ווערין, ווען איהר זייט ניט אריין דורך דעם טהויעריל, וועלכער איז דער אריינגאַנג צו דיעזען וועג.—און וועגען דעם ראָק וואס איך טראג, קען איך אייך אַזוי פֿיעל זאגין, דאס ער איז מיר געגעבין געווארין פֿון דעם הערר פֿון דעם אָרט אַהט וואָהין איך גייא; און טאַקי אַזוי וויא איהר זאגט, אום מיין שאנדע צו פֿארדעקען. דער ראָק איז בייא מיר אַ צייכען דאס ער ליעבט מיך, ווייל אַהט פֿריהערט האב איך מעהר ניט פֿערמאגט וויא אלטע אפגעניצטע שמאַטעס. און אויסערדעם איז מיר דיעזער ראָק צום טרייסט אויף דיא גאנצע רייזע, ווייל איך האב דעם מוטה צו דענקען, דאס ווען איך וועל צו קומען צום טהויער פֿון דער שטאדט, וועט מיר דע־

הערר גאנץ גוט דערקענען אָן דעם ראָק וואס איך גייא אַנגעטהוען, טאַקי דיזען ראָק וועלכען ער אליין האט מיר מיט חסד געשיינקט, אָט אין יענעם טאג ווען ער האט פֿון מיר אַראָפּגעצויגען דיא שמוציגע און צוריססענע קליידער. נאכמעהר, איך האב אַ צייכען אויפֿין שטערין, וואס איהר האט איהם נאָך געוויסס ניט געזעהן. איינער וועלכער איז זייער נאהענט צום מלך האט מיר מיט דיזען צייכען גע־חתמ'עט אָט אין דעם טאג ווען מיין משא איז אראפּ גע־פֿאללען פֿון מיינע פלייצעם; אויך האט ער מיר געגעבען אַ בריעף מיטין חותם־המלך, איך זאל מיך מיט איהם טרייסטען לעזענדיג אין איהם אין דער צייט פֿון מיין רייזע. און איך בין אַנגעזאגט געווארין דעם בריעף איבערצוגעבען ביים טהויער פֿון הימּמעל, אַ צייכין דאס איך וועל דאָרט זיכער אריינקומען.—און דאס אללעס, גלויב איך, האט איהר ניט; און טאַקי נאָר דארום, ווייל איהר זייט געשפרונגען איבער דיא מויער און ניט אריינגעקומען דורך'ן טהויעריל.

זייא האבען דארויף מעהר גאָר ניט געענטפֿערט, נאָר זייא האבען זיך איינער דעם אנדערין אַנגעקוקט און האבען געלאַכט פֿון משיחי'ן און פֿון זיינע ווערטער. דערנאך האב איך געזעהן וויא זייא זיינען ווייטער געגאנגען; אבער משיחי איז געווען פֿאָראויס, און האט מעהר מיט זייא קיין וואָרט ניט גערעדעט. ער האט נאָר צו זיך אליין געשפראָכען, און דערבייא האט ער אַמאל געזיפֿצט, און אַמאל האט ער דערבייא געהאט פֿרייד און מוטה. אָפֿט האט ער געלעזין אין בריעף וועלכער איז איהם געגעבין געווארין פֿון יענעם גלענצענדין מאַן, און ער האט זיך דערבייא זייער דערקוויקט.

איך האב דערנאך געזעהן, דאס זייא זיינען אללע גע־גאנגען ביז זייא זיינען צוגעקומען צו אַ באַרג וואס מען רופֿט איהם „שווערינקייט" און וואס אונטער איהם איז געווען אַ

קוואַל. אויך איז דאָרט געווען צווייא זייטין־וועגען, אויסער דעם גלייכען וועג וועלכער האט געצויגין גלייך פֿון דעם טהויעריל־אָן. איין וועג איז געווען לינקס, און דער אנדערער רעכטס, אָן דיא זייטין אונטער דעם בארג; אבער דער שמאָלער וועג איז געווען גלייך געצויגען צום שפּיץ פֿון באַרג, וועלכען מען האט גערופֿען „שווערינקייט."

משיחי איז גלייך צוגעגאנגען צום קוואַל און האט גע־טרונקען. און נאכדעם וויא ער האט זיין דאָרשט געשטיללט, האט ער אַנגעהויבען ארויפֿצושטייגען אויף'ן באַרג דערבייא זינגענדיג מיט קורראַזש:

איך וויל אויפֿשטייגין, האָטש עס איז אַזוי שווער.
ניט צוריק־טרעטען, אוי ניט, אויף קיינעם פֿאַלל!
איך זעה, דער וועג צום לעבען איז נאָר אָט דער.
שרעק ניט, לעב אויף מיין האַרץ; אוים מיט שמערץ און קוואַל!
בעססער, ווען אויך שווער, גלייך אין דעם וועג צו גיין,
אלס קרום, ווען אויך לייכט, אבער ענדיגט מיט געוויין.

מיט דער צייט זיינען אויך דיא אנדערע צווייא רייזענדער צוגעקומען צום באַרג; וויא זייא האבען אבער געזעהן דאס דער באַרג איז הויך און שטארק משופּע'דיג, און דאס עס זיינען נאָך דאָ צווייא אנדערע וועגען, האבען זייא זיך ענט־שלאָססען אין דיא זייטין־וועגען צו גיין; טאַקי מיט זייערע אייגינע מחשבות, מיינענדיג דאס אויף יענער זייט באַרג וועלען זייא ארויסקומען אויף'ן וועג, אויף וועלכען משיחי איז געגאנגען. דיא צווייא זייטין־וועגען האט מען גערופֿען „געפֿאהר" און „פֿארדאַרבען." איינער פֿון דיא רייזענדער האט אויסגעוויילט דעם וועג „געפֿאַהר," וועלכער האט איהם פֿארפֿיהרט אין אַ גרויסען וואַלד; און דער אנדערער האט אוים געוויילט דעם וועג „פֿארדאַרבען," וועלכער האט איהם פֿארפֿיהרט אין אַ גרויסעס פֿעלד צווישען דיא הרי־החשך,

און דאָרט האט ער זיך אַזוי לאנג ארום געוואָגעלט ביז ער איז געפאללען און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען.

איך האב משיחי נאכגעקוקט אום צו זעהן וויא אַזוי ער וועט ארויף אויף'ן באַרג, און איך האב געזעהן וויא נאכדעם דאס ער איז האַסטיג געגאנגען, האט ער געמוזט אנהויבין צו גיין פּאַמעלאַך, און דערנאך האט ער גאָר געמוזט קלעטטערין אויף דיא הענד און אויף דיא פּיס, וויל דער באַרג איז געוועזן זייער משופּע־דיג. אין מיטין באַרג, וואו עס איז נאך געוועזן האלב־וועגס ביז צום שפּיץ, איז געוועזן אַ סוכה געמאכט פון געפלאָכטענע צווייגין. דער הערר פון באַרג האט איהר דאָרט אויפגעשטעלט, כדי דיא רייזענדער זאלין זיך דאָרט ערפרישען. דאָרט איז דער סוכה, האט זיך משיחי צוגעזעצט, אַביססעל אפּצורוהען און דעם אָטהעם אפּצוכאַפּען. דאָרט האט ער דעם בריעף פון בוזים ארויסגענומען און האט אין איהם געלייזען אום זיך צו ערקוויקען. דאָרט האט ער אויך גוט בעטראַכט זיין נייעם ראָק, וועלכער איז איהם געגעבין גע־ווארין ווען ער איז צום קרייץ צוגעקומען. נאכדעם אבער וויא ער האט זיך דערבייא זעלבסט אנגעהויבען זייער צוגעפּעלין, האט ער אנגעהויבען אביססעל צו דרימלען ביז ער איז פעסט איינגעשלאפין. און דורך־דעם האט ער זיך דארט אויף יענעם אָרט אויפגעהאלטען ביז עס האט אנגעהויבין נאכט צו ווערין; און וויא ער איז אַזוי געשלאפען, איז איהם דער בריעף ארויסגעפאַללען פון דיא הענד. אבער וויא ער איז אַזוי אין שלאף געלעגין איז צו איהם אַ מאַן צוגעקומען און האט איהם געוועקט מיט דיא ווערטער: „גייא צו דיא מוראַשקע, דוא פוילער, און לערין בייא איהר וויא פלייססיג מען דאַרף זיין!" בייא דיא ווערטער האט זיך משיחי פלוצלונג אויפגעכאַפּט פון שלאף, און איז געגאנגען זיין וועג'ס וויטער זייער האסטיג, ביז ער איז ארויפגעקומען אויף'ן שפּיץ פון באַרג.

ווי משיחי איז ארויפגעקומען אויף'ן שפּיץ פון באַרג, זיינען איהם אַנקעגין געקומען צולויפין צווייא מענשין. איינעם האט מען גערופען „שרעקענדיגער," דעם אנדערין האט מען גערופען „קיין־בטחון."—וואס לויפט איהר עפּעס פאַרקעהרט? האט משיחי זייא אַ פרעג געטהון. אויף דעם האט שרעקענדיגער געענפערט: מיר זיינען געגאנגען אום צו קומען צו דער שטאדט ציון, און מיר האבין טאַקי דערגרייכט דעם שפּיץ פון דיעזען באַרג „שוועריגקייט"; אבער וואס מיר האבין אַלץ געפּרובירט ווייטער צו גיין איז אַלץ דיא סכנה גרעססער געווארין, און טאַקי דארום האבען מיר זיך אומגעקעהרט און מיר גייען איצט צוריק.

יאָ,—האט קיין־בטחון געזאגט—גראַד אַט דאָ אין וועג פאַר אונז, האבין מיר געזעהן ליעגענדיג אַ פּאָר לייבין—(אויב זייא שלאפין אדער זייא זיינען וואַך, דאס ווייסין מיר ניט)—און מיר קענען גאר אַנדערש ניט דענקען, דאס ווען מיר וואָלטין נאָר צו זייא צוגעקומען, וואלטין זייא אונז אויף שטיקקער צוריססען.

„איהר מאכט מיר אָן אַ שרעק"—האט משיחי געזאגט—; „אבער וואָהין זאל איך אנטלויפין אום גערעטטעט צו ווערין?"—גייא איך צוריק צו מיין אלטע היים, ווייס איך דאָך זיכער דאס איך וועל דאָרט שרעקילך אומקומען, ווייל מיין שטאדט איז בעשטימט פאַרברענט צו ווערין מיט פייער און שוועביל. וועל איך אבער צוקומען צו דער הימלישע שטאדט, אַזוי בין איך געוויסס, דאס איך וועל דאָרט זיין אין זיכערהייט. אָ, איך מוז גיין ווייטער! צוריק גיין איז געוויססער טויט! אָהין, צום הימעל, גייט עס טאַקי מיט טויטשרעק אויף יענער זייט אבער, איז אייביגעס לעבין! יאָ, איך וויל ווייטער גיין!"

„שרעקענדיגער" און „קיין־בטחון," זיינעזביידע, וויא

פֿריהערט, געלאָפֿען צוריק, בארג אראָפּ; און משיחי איז זיך געגאנגען זיין וועג'ס וויטער. וויא אבער ער האט נאכגעדענקט אָן דאס וואס דיא צוויא מענשין האבין איהם געזאגט, האט ער דיא האנד אריין געלייגט אין בוזים דעם בריעף צו נעהמען, אין איהם צו לעזען אום צו בעקומען קורראַזש און טרייסט; ער האט דעם בריעף געזוכט אבער ער האט איהם ניט געפֿונען. דאס האט משיחי'ן גרויסע שמערצין געמאכט און ער האט איינפֿאַך ניט געוואוסט וואס ער זאל איצט אנהויבין צו טהון; איהם האט איצט געפֿעהלט דאס, וועלכעס פֿלעגט איהם דערקוויקען און שטאַרקין, און דאס צייגעניס וועלכעס זאל איהם דיענען צום צייכין מען זאל איהם אריין לאזין אין דיא הימלישע שטאדט. ער איז שרעקליך אוסער־זיך געווען, זייער טרויעריג און פֿול מיט זאָרגין, טראַכטענדיג וואס ער זאל אנהויבין צו טהון. ענדליך האט ער זיך דערמאנט, דאס אין דער סוכה וועלכע איזביים וועג אויף'ן באַרג, דאָרט איז ער איינגעשלאפֿין. גלייך וויא ער האט זיך באַרעכינט וואס ער האט געטהון, איז ער אויף דיא קניע אַניעדער געפֿאַללען, און האט צו גאט מתפלל געווען ער זאל איהם פֿארגעבען אויף דיעזע שלעכטע אויפֿפֿיהרונג און וויא ער האט זיך אויפֿגעהויבין, האט ער זיך גלייך אומגעקעהרט צום פלאַץ וואו ער איז געשלאפֿין אום דעם בריעף צו זוכען.

וועך אבער קען בעשרייבין דיא זיפֿצען פֿון טיעפֿען הארצין, און דיא שמערצין פֿון זיין זעעלע, אין דער צייט ווען ער איז געגאנגען אהין דעם בריעף זוכען. באלד האט מען איהם געהערט שרעקליך קרעכצין, באלד שרעקליך וויינען, באלד זיך אליין פֿארשילטען און פֿארפֿלוכען אויף דעם וואס ער איז אַזוי נאַריש געווען איינצושלאפֿין אין דעם אָרט, וועלכער איז אייגענטליך נאָר בעשטימט געווען אום דיא

מידע רייזענדער זאלין זיך דאָרט אַביסםעל אויסרוהען, נאָר אום צו בעקומען נייע קרעפֿטין ווייטער צו גיין, אבער ניט מען זאל דאָרט שלאָפין און פֿוילענצען.

מיט אַזאַ צעבראָכענעם הארץ איז משיחי נעגאנגען און געקוקט אויף אללע זייטין פֿון וועג, וועלכען ער איז געגאנגען, טאָמער וועט ער געפֿינען דעם בריעף, וועלכער איז איהם זייער אָפֿט געוועזן צום טרייסט אויף זיין לאנגע רייזע. ער איז אַזוי אַהין געגאנגען ביז ער איז צוגעקומען צו זעהן פֿון ווייטינס דיא סוכה אין וועלכע ער איז איינגעשלאָפֿין; און דערזעהענדיג דיא סוכה איז ערשט זיין שמערץ שרעקליך געוואָרין, זיין הארץ האט איהם ערשט רעכט ווייא געטהון ווען עס איז איהם פֿאָר דיא אויגין געשטאנען דיא זינד וואס ער איז בעגאנגען דורך זיין שלאָפֿין. וויינענדיג און קלאָגענ־דיג איבער זיין זינדיגעס שלאָפֿין, איז ער געגאנגען און האט געשריען: אָ, איך זינדיגער מענש, וועלכער האט געקענט שלאָפֿין ווען עס איז נאָך טאָג געוועזן; וועלכער האט געקענט זיך שלאָפֿין לייגין אין מיטין דער ארבייט; וועלכער האט זיך אַזוי געקענט נאָכגעבין זיין קערפּערליכען פֿארגעניגען; „דען דיעזען רוהע־אָרט, וואס דער הערר פֿון בארג האט איהם בעשטימט דאס דיא רייזענדער זאלין זייער גייסט דערקוויקען, האב איך בענוצט מיין פֿלייש צו דערקוויקען! אָך, מיין גאנצע מיהע קען זיין גאנץ אומזיסט, ווען איך וועל אַזוי ניט אכט געבין, און זיך אַזוי אויפֿפֿיהרען אויף דער רייזע! אָט אַזוי איז עס געגאנגען מיט'ן פֿאָלק ישראל; איבער זייערע זינד זיינען זייא צוריק געפֿיהרט געוואָרין ביים וועג פֿון ים סוף; אויך איך מוז איצט מיט שמערצין צוריק גיין, אנשטאדט דעם וואס איך וואָלט איצט שוין געקענט גיין מיט פֿריידין, ווען דאס זינדיגע שלאָפֿין וואָלט מיר נאָר ניט בעפֿאללען. אָך, וויא ווייט וואָלט איך שוין איצט געוועזן אויף

מיין וועג? אַזוי מוז איך דרייאמאל גיין דעם וועג, וועלכען איך וואָלט נאָר איינמאל געדארפֿט גיין! אָך, וועט ניט אָט באלד נאכט ווערין, דען דער טאג איז שוין פֿארבייא? אָ, ווען איך וואָלט נאָר ניט געשלאָפֿין!"

אַזווי איז משיחי געגאנגען און געיאָמערט ביז ער איז ווידער צוגעקומען צו דער סוכה. דאָרט האט ער זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט און האט שרעקליך געוויינט. ענדליך אבער נאכדעם וויא ער האט אַזוי פֿערזאָרגט געבליקט, האט ער, ברצון ובהשגחת הבורא ית"ש, דערזעהן דעם בריעף דאָרט אונטער דעם אָרט וואו ער איז געזעססען. מיט ציטטערנעש, און האסטיגקייט, האט ער דעם בריעף אויפֿגעהויבין און האט איהם גלייך בעהאלטען אין בוזים.

ווער אבער קען בעשרייבין משיחי'ס פֿרייד ווען ער האט צוריק געהאט דעם בריעף! דען דער בריעף איז דאָך געוועזן זיין לעבענס-פֿערזיכערונג-שיין, און דיא פֿערזיכערונג דאס מען וועט איהם אויפֿנעהמען אין אייביגען רייך. ער האט דעריבער דעם בריעף גוט בעהאלטען אין בוזים, און האט גאט געדאנקט, וואס ער האט זיין אויג געמאכט קוקין אַהין, אָט וואו דער בריעף איז געלעגען; און מיט פֿריידע-טרערין האט ער זיך ווידער אויפֿגעהויבין זיין וועג וויטער צו גיין.

וויא שנעלל און מונטער איז עס איצט בייא משיחי'ן געגאנגען דער בארג אַרויף! אבער נאָך איידער ער איז צוגעקומען צום שפּיץ באַרג איז איהם דיא זון אונטערגאנגען; און דאס האט איהם ווידער דערמאנט אָן דיא זינד וואס ער איז בעגאנגען מיט זיין שלאָפֿין, דאס ער האט ווידער אנגעהויבין צו קלאגין און צו זיך צו ריידין: אָ, זינדיגעס שלאָפֿין, איבער דיר קען מיר אויף מיין רייזע דיא נאכט-פֿינסטערניס איבערפֿאללען! איבער דיר מוז איך וואַנדערין

אָהן ליכט! פֿינסטערנים ווערט באַדעקין דיא טריט פֿון מיינע פֿיס! איך מוז הערין דאס ברומען פֿון ווילדע בעשעפֿינישען, וועלכע ווארפֿען אויף מיר אַ שרעק. אָך, אללעס איבער מיין זינדיגעס שלאפֿין!

איצט האט זיך משיחי אויך דערמאנט דאס וואס יענע צוויא—שרעקענדיגער און קיין־בטחון—האבין איהם דערציילט וויא זייא זיינען דערשראָקין געוואָרין פֿאר דיא לייבין. „דיא חיות"—האט משיחי צו זיך געזאגט—„זייא גייען ארויס אין דער נאכט רויב צו זוכען, און ווען זייא זאלין מיך איצט באגעגינען, וויא אַזוי קען איך נצול ווערין זייא זאלין מיך ניט צורייססין?"

אָט מיט אזעליכע געדאנקען, בעקלאַגענדיג זיין זינד, איז משיחי אַזוי ווייטער געגאנגען; אבער באלד האט ער זיינע אויגין אויפֿגעהויבין און פֿאר איהם דאָרט ביים וועג האט ער דערזעהן איין פרעכטיגען פּאַלאַסט. דעם פּאַלאַסט האט מען גערופֿען „שיין."

# זיעבענטעס קאפיטעל.

און אַזוי האב איך ווייטער אין חלום געזעהן וויא משיחי איז אַלץ האסטיגער געגאנגען אום וויא מעגליך אין פאַלאַסט אריין צוקומען, דאָרט דיא נאכט איבערצונעכטיגען. אבער נאָך איידער ער איז אפגעגאנגען אַ שטיק וועג איז ער אריין געקומען אין אַ שמאלע סְטֶעטְשֶׁקֶע, וועלכע איז געווען ווייט נאָר איין אַקער־וועגס פֿון דעם טהויער־ווערכטער'ס הויז. און אַזוי קוקענדיג פֿאָר זיך האט משיחי דערזעהן צווייא לייבין — (דיא זיינען געווען געשמידט צו קייטין, אבער ער האט דיא קייטין, אין דער דונקעל, ניט געזעהן). — „איצט" — האט משיחי בייא זיך געקלעהרט — „קום איך אויף דער סכנה, וועלכע האט צוריקגעטריעבען יענע צווייא, שרעקנעדיג'ן און קיין־בטחון'ן!"

משיחי איז זייער דערשראָקין געוואַרין און האט דערבייא געטראַכט זיך אומצוקעהרין, אַזוי וויא יענע צווייא האבין געטהון, ווייל עס האט איהם געשיינט, דאס פֿאר איהם איז נאָר דער טויט. וויא אבער דער טהויער־ווערכטער פֿון פאַלאַסט, וואס זיין נאמען איז געווען „וואַכענדיג," האט פֿון זיין הייזיל ארויסגעקוקט, און דערזעהן וויא משיחי איז שטיין געבליעבען, וויא איינער וואס האט בדעה צוריק זיך אומצוקעהרין — האט ער צו איהם אַ געשרייא געטהון: „איז דיין קראַפֿט אַזוי ווייניג? — שרעק דיך ניט פֿאַר דיא לייבין,

זייא זיינען אין קייטין געשמידט, און זייא זיינען דאָרט אַוועק געשטעלט געוואָרין, אום צו פּרובין דעם גלויבין, דאס הייסט צו זעהן בייא וועמען אין הארצין איז דאָ פֿעסטער גלויבין; און עס זאלין ענטדעקט ווערין דיא, וועלכע האבין קיין גלויבין ניט. האלט זיך נאָר פּונקט אין מיטין דעם וועג און קיין אומגליק וועט דיר ניט טרעפֿין?״

פֿולל מיט שרעק פֿאר דעם בליק פֿון דיא לייבין, האב איך משיחי׳ן געזעהן ציטטערינדיג ווייטער גיין; און ווען ער איז אַזוי געגאנגען וויא דער טהויער־וועכטער האט איהם אנגעוויעזען, האט ער געהערט דאס ברומען פֿון דיא לייבין, אבער קיין ליידין האבין זייא איהם ניט געטהון. און וויא ער איז זייא שוין פֿארבייגעגאנגען, האט ער מיט פֿרייד זיינע הענד צוזאמען־געקלאַפּט, און איז האסטיג ווייטער געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צום טהויער פֿון פּאלאַסט, וואו דער טהויער־וועכטער איז געשטאנען.

„הערר״ — האט משיחי געזאגט צום טהויער־וועכטער — „וועמעס הויז איז דאס? קען איך דאָ איבערנעכטיגען?״

„דיעזעס הויז״ — האט דער טהויער־וועכטער געענטפֿערט — „איז אויסגעבויעט געוואָרין דורך דעם הערר פֿון דיעזען בארג, אום עס זאל זיין איין רוהע־אָרט און איין זיכערונגס פּלאַץ פֿאַר דיא רייזענדער. אבער ווער זייט איהר? און וואוהין גייט איהר?״

משיחי: איך קום אויס דער שטאדט „פֿאַרדארבין,״ און איך גייא איצט צום באַרג ציון. וויל אבער עס איז דונקעל געוואָרין אַזוי וואָלט איך וועלין, ווען עס איז נאָר מעגליך, דא איבער נאכט צו בלייבין.

וועכטער: וויא איז אייער נאמען?

משיחי: איצט הייס איך משיחי; דאָך, פֿריהערט האב איך געהייסין „אָהן־חסד.״ איך שטאַם אויס דער פֿאַמיליע

יֶפֶת, וועמען גאט וויל לאזין וואָהנען אין דיא צעלטין פֿון שם (יַפְּת אלהים ליפת וישכון באהלי שם *).

וועכטער: וויא קומט עס אבער דאס איהר קומט אַזוי שפעט? זעהט דיא זון איז דאָך אונטערגעגאנגען!

משיחי: יאָ, איך וואָלט שוין דאָ אַסאַך פֿריהערט געוועזען וועז איך, אונגליקליכער מענש, וואָלט ניט געשלאָפֿין אין דער סוכה דאָרט אויף׳ן באַרג ביים וועג. יאָ, און אויך אַזוי וואָלט איך שוין דא פֿריהערט געקענט זיין, ווען איך וואָלט נאָר ניט פֿארלארין מיין בריעף אין שלאף. אוי! איך בין שוין געוועזען אויף׳ן שפּיץ באַרג, אבער איך האב בייא מיר דעם בריעף געזוכט און האב איהם ניט געפֿונען, און אַזוי בין איך געצוואונגען געוועזען זיך אומצוקעהרין צו יענעם אָרט וואו איך בין געשלאָפֿין, און דאָרט האב איך מיין בריעף געפֿונען. דאַרום בין איך ערשט איצט אַהער געקומען.

וועכטער: גוט, איך וויל ארויסרופֿען איינע פֿון דיא פֿריילינס פֿון פּאַלאַסט, וועלכע וועט דיר אריינפֿיהרען — ווען דיינע ווערטער וועלין איהר געפֿעלין — צו דיא אנדערע איינוואָהנער פֿון דיזעס הויז: אָט אַזוי וויא דער מנהג איז דא בייא אונז. — דער וועכטער האט גלייך אַציה געטהון בייא א גְלֶעקיל, און אויף׳ן קלונג איז אַרויס געקומען איין בע׳חֵן׳טעם פֿריילין מיטין נאמען „פֿערשטענדיגקייט," און האט געפֿרעגט ווארום זיא איז גערופֿען געוואַרין? דער וועכטער האט

---

* דאס איז דיא נבואה און בראשית ט׳ כ״ז, וועלכע איז געזאגט געוואָרין מיט וויפֿילער טויזינד יאָהר צוריק, דאס דיא אומות העולם וועלכע שטאַמען ארויס פֿון יפת, וועלין וואָהנען אין דיא צעלטין פֿון שם. דאס הייסט זייא וועלין דערקענען דעם אלהי ישראל, און וועלין גיין אין זיינע דרכים. דאס איז געשעהן דורך ישוע המשיח, ער האט געבראכט און ברייגט אַסאַך פֿון דיא אומות העולם צום אמת׳ן גאט, צום אמת׳ן גלויבין, צו דיא צעלטין פֿון שם. די לנבון.

געענטפערט: „אַט דיזער מאַן איז אויף דיא רייזע פון דער שטאדט „פאַרדאָרבין" צום באַרג ציון; און ווייל ער איז מיעד און איבערפאללען פון דער נאכט, אַזוי פרעגט ער אָן אויב ער קען דא איבערנעכטיגען? איך האב איהם געזאגט דאס איך וועל דיך רופען און נאכדעם וויא דוא וועסט האבין מיט איהם געשפראָכען אַזוי וויא עס איז דא דער מנהג, וועסטו טהון וויא דוא פאַרשטייסט."

הערענדיג דיא ווערטער, האט זיא אויך משיחי'ן געפרעגט פון וואו ער קומט – און וואוהין ער גייט; אויך וויא ער איז איינגענטליך ארויפגעקומען אויף דיעזען וועג. אויך האט זיא איהם אויסגעפרעגט אללעס וואס ער האט אויף'ן וועג געזעהן, און מיט וועלכע ער האט זיך בעגעגענט? און משיחי האט איהר אללעס ריכטיג געזאגט. צום לעצט האט זיא איהם געפרעגט זיין נאמען. מיין נאמען איז משיחי – האט ער געענטפערט – און עס געלוסט זיך מיר זייער דא אין פאַלאַסט איבער נאכט צו בלייבין; וויל, וויא איך האב געהערט, האט דער העדר פון דיעזען באַרג, דיעזען פאַלאַסט אויסגעבויעט פאַר דיא רייזענדער זייא זאָלין זיך דא דערפרישען און דא זאָלין זייא האבין איין זיכערע סטאַציאָן.

דיא ווערטער הערענדיג האט זיא געשמייכעלט, אבער דאַבייא זיינען איהר דיא טרערין אין דיא אויגין געשטאנען. נאָך אַ קורצע ווײלע האט זיא זיך אפגערופען, איך וועל נאָך צווייא אָדער דרייא פון מיינע הויז־פריינד ארויסרופען; און איילינג איז זיא צוגעגאנגען צום טהיר און האט גערופען: קלוגהייט. פרומקייט און ליעבע! און זייא, נאכדעם וויא זייא זיינען ארויסגעקומען און האבין מיט משיחי'ן אַ ווײלע געשפראָכען, האבין זייא איהם אין פאַלאַסט אריינגעפיהרט און פאָרגעשטעללט פאַר אללע הויז־פריינד, וואס פיעלע פון זייא זיינען איהם שוין אנטקעגין געקומען ביים שוועל פון

טהויער און האבין צו איהם געזאגט: „קום אריין, דוא געבענטשטער פֿון גאט! דער פּאַלאַסט איז דאָך אויסגעבויעט געוואָרין צום צוועק, דאס אַזעלכע רייזענדער וויא דוא, זאָלין דא אויפֿגענומען ווערין.“

משיחי האט זיין קאָפּ איינגעבויגען און איז זייא נאכ־געגאנגען, און וויא ער איז אין פּאַלאַסט אריינגעקומען האט ער זיך צוגעזעצט דעם אטהעם אפצוכאַפּען, און זייא האבין איהם דערלאַנגט אַ טרונק וואס האט איהם דערפֿרישט; און זייא האבין צווישען זיך בעשלאָססין, דאס ביז דער נאַכטמאָהל וועט גרייט זיין, זאָלין זיך איינינגע פֿון זייא מיט משיחי׳ן אונטערהאלטען אין איין געשפּרעך, דען דאס וועט אַם בעסטען זיין דיא צייט צו פֿאַרטרייבין. און זייא האבין בעשטימט, דאס פֿרומקייט, קלוגהייט און ליעבע זאָלין מיט איהם אין געשפּרעך פֿאַרברייננגען.

און זייער געשפּרעך האט זיך אַזוי אָנגעהויבין.

פֿרומקייט: נוא ליעבער ברודער משיחי, נאכדעם דאס מיר האבין דיך מיט ליעבע אין אונזער הויז אויפֿגענומען, אַזוי לאָז אונז — פֿאַר אונזער נוצין און בעססערקייט וועגין — בעד־שפּרעכין אָט אַללעס וואס איז מיט דיר פֿאָרגעגאנגען אויף דער רייזע.

משיחי: אָ, איך וויל עס פֿון גאַנצין הארצין! עס פֿרייט מיך דאס איהר זייט אַזוי פֿריינדליך.

פֿרומקייט: וועלכעס האט דיך צוערשט געבראַכט צו דיא בעשטיממונג, צו לעבען אַ לעבען פֿון אַ רייזענדער?

משיחי: איך בין ארויסגעטריעבען געוואָרין פֿון מיין געבורטס־שטאָדט דורך אַ שרעקליכע שטיממע, וועלכע האט געקלונגען אין מיינע אויערין און מיר געזאגט, אַז דאס שרעקליכסטע געריכט וועט איבער מיר קומען ווען איך וועל בלייבין אין יענעם אָרט וויא איך בין געוועזן.

פֿרומקייט: אבער וויא אַזוי איז עס געשעהן דאס דוא ביסט פֿון דיין היים אָט אויף דיעזען וועג געקומען?

משיחי: אָ וויא וואונדערבאַר איז דיא השגחת הבורא ית"ש! מיט מיר איז עס געגאנגגען וויא גאט ב"ה האט געוואָלט. ווען איך בין געווען אין איין שרעק פֿאַר דאס שרעקליכע משפט וואס וועט איבער מיר קומען, האב איך אייגענטליך ניט געוואוסט וואָהין איך זאל אַוועק. אבער צום גליק, אָט גראַד ווען איך האב געציטטערט און געיאָממערט, איז צו מיר צוגעקומען אַ מאַן מיט'ן נאמען מבַשֵׂר, און ער האט מיר אַנגעוויזען צום קליינעם טהויער'ל. אָ, ווען ניט ער, וואלט איך אַליין קיינמאהל ניט געקענט געפֿינען יענעם טהויער'ל! און אַזוי האט מיר מבשר געבראַכט אויף'ן וועג, וועלכער האט מיר גלייך געפֿיהרט ביז צו דיעזעם הויז.

פֿרומקייט: ביסטו אבער ניט געקומען איבער ער־קלעהרער'ס הויז?

משיחי: יאָ, און דאָרט האב איך טאַקי געזעהן אַזעלכע זאַכין וועלכע וועלין בייא מיר אין הארצין בלייבין וויא לאַנג איך וועל לעבין. איינען טיעפֿען איינדרוק האבין אויף מיר געמאכט אָט יענע דרייא זאַכין, וועלכע זיינען מיר דאָרט געוויעזען געווארין; (א) וויא אַזוי דער משיח שטארקט און שטיצט דאס הארץ פֿון מענשען וואס אין איהר האט שוין אַנגעהויבען צו פֿלאַקערין דיא ליעבע צו גאט ב"ה, וועלכעם איז טאַקי בחסד הבורא, חאָטש דער שטן בעמיהט זיך מיט אַלע זיינע פֿינסטערע קרעפֿטין עס אויסצולעשין; (ב) וויא אַזויא יענער מאַן האט זיך אַליין אַזוי שטאַרק איינ־געשלאָססין אין דיא זינד, ביז ער האט זיך גענצליך אויס־געשלאָססין פֿון דיא האָפֿנונג און פֿון גאט ב"ה'ס חסדים; (ג) יענער דערשראַקענער מאַן, וועלכער האט געזעהן אין חלום דעם יום הדין.

פֿרומקייט: איז דאס גאר אַללעס וואס דוא האסט געזעהען אין ערקלעהרער'ס הויז?

משיחי: נייז, ער האט מיר אויך געוויזען איין פּרעכטיגען פּאַלאַסט אין וועלכען אַללע איינוואָהנער זיינען געווען גע־קליידעט אין גאָלד, און איך האב דאָרט געזעהן וויא אַ מאַן מיט שטאַרקין גייסט האט זיך דורכגעשלאגין דורך אללע בעוואָפּפּענטע מענער, וועלכע זיינען דארט געשטאנען און האבען מיט געוואַלד אָפּגעשפּאַרט דעם איינגאַנג צום טהויער פֿון פּאַלאַסט; און האב געהערט וויא מען האט פֿאַר'ן מאַן אויסגערופֿען, ער זאָל אריינקומען אייביגע הערליכקייט צו געווינען. „אין יענעם הויז פֿון דעם גוטען ערקלעהרער"—האט משיחי וויטער געזאגט—„וואלט איך גערין געווען אַ יאהר לאנג, ווען איך וואלט ניט געמוזט וויטער גיין."

פֿרומקייט: און וואס האסטו נאך געזעהן אויף דער רייזע?

משיחי: אָ, געזעהן! איך בין נאָר אַביססעל וויטער געגאנגען האב איך געזעהן, יאָ, עס איז מיר פֿאַר דיא אויגין געשטאנען אַ מאַן וועלכער בלוטעט אויף אַ האָלץ הייגענדיג, וואס נאָר דורך איין בליק אויף איהם איז מיר מיינע שווערע משא אראָפּגעפּאַלען פֿון מיינע פּלייצעס (דען ביז אַהין האב איך אויף מיר געהאט אַ שווערע משא וואס אונטער איהר האב איך ביטטער געזיפֿצט), און דאָרט בין איך פֿון איהר בעפֿרייט געווארין. אָ, זעהר וואונדערליך איז עס בייא מיר געווען, דען פֿריהערט האב איך נאָך אַזעליכעס ניט געזעהן!—און נאכהער, וויא איך בין דאָרט פֿאָר דעם קרייץ געשטאנען און געהאלטין אין איין קוקין זעהענדיג גאט'ס חסדים—דען איך האב מיינע אויגען גאָר ניט געקענט אָוועק־רייססין פֿון צו בליקען און צו שטוינען—אַזוי זיינען צו מיר צוגעקומען דרייא ליכטיגע ברואים און איינער פֿון זייא האט

צו מיר געזאגט דאס מיינע זינד זיינען מיר פֿארגעבין; דער צווייטער האט מיר אַראָפּגענומען דיא צוריססענע און שמוציגע קליידער, און האט מיר געגעבען אָט דיעזען שיין אויס־געוועבטין אַנצוג; דער דריטטער האט איין צייכין אויפֿגעדרוקט אויף מיין שטערין אָט וועלכען דוא זעהסט, און ער האט מיר אויך דיעזען געזיעגעלטען בריעף געגעבין (און בייא דיא ווערטער האט משיחי דעם בריעף ארויסגענומען פֿון בוזים).

פֿרומקייט: דוא האסט אבער געווים נאכמעהר זאַכיז געזעהן אויף דער רייזע, איא?

משיחי: דאס אללעס וועלכעס איך האב דיר ביז אַהער דערציילט, דאס איז געוועזן דאס בעסטע; דאָך האב איך נאָך אנדערעס געזעהן, נעמליך, וויא דרייא מענשין מיט קייטען אויף דיא פֿים זיינען געלעגין און געשלאָפֿין ביים וועג; אבער מיינסטו דאס איך בין אים שטאַנד געוועזן זייא אויפֿ־צו־וועקין? אָ, ניין,—אויך האב איך געזעהן צערעמאָניסט'ן און צבוע'יאַק'ן איבער דיא מויער אריינשפרינגענדיג, אום—וויא זייא האבען געזאגט—נאך ציון צו גיין. אבער גאַר באַלד זיינען זייא פֿאַרלאָרין געוועזן, טאַקי אָט אַזוי וויא איך האב עס זייא פֿאָראויס געזאגט, און זייא האבין מיינע ווערטער ניט געגלויבט. איבער אַללעס איז עס מיר שווער געגאַנגען אויף יענעם באַרג אַרויפֿצוקלעטטערין און דיא לייבין־מיילער פֿאָרבייא צו גיין; און איך זאג דיר דעם אמת ווען ניט דער גוטער מאַן דער וועכטער, וועלכער איז גע־שטאַנען דאַ ביים טהויער, ווייס איך ניט אויב איך וואָלט מיר ניט, אָט נאָך דעם אַללעם, ערשט אומגעקעהרט צוריק. אבער איך דאַנק גאָט דאס איך בין דאָ, און אַ דאַנק אייך פֿאַר דעם וואס איהר האט מיר דאַ אויפֿגענומען.

קלוגהייט האט איצט חשק בעקומען מיט משיחי'ן צו ריידען, איהם איינינע פֿראַגעס פֿאָרצולייגען און פֿון איהם

דאַרויף אַנטוואָרט צו הערין; און אַזוי האט זיך קלוגהייט צו איהם אָפּגערופֿען, גייט דיר ניט אַמאל אַרויף אויף דיא געדאַנקען דאס לאַנד פֿון וועלכען דוא ביסט אַנטלאָפֿין?

משיחי: יאָ, אבער מיט גרויס בושה און גרויל; — וואָלט איך בעגעהרט דאס לאַנד פֿון וואַנעט איך בין אַוועק, וואָלט איך געלעגענהייט געפֿונען זיך אומצוקעהרין, איצט אבער בעגעהר איך איין בעססערע היימאַטה, איין הימלישע!

קלוגהייט: טראָגסטו אבער מיט דיר ניט מיט, עפּעס פֿון דיין אַלטע זינדיגע נאַטור?

משיחי: אוי, יאָ! אבער גאַנץ געגין מיין ווילען; בפרט דיא פֿליישליכע געלוסטונגען און מחשבות, מיט וועלכע אַללע מיינע לאַנדסלייט, אויך איך, האבין זיך געפֿיהלט זייער גליקליך. איצט אבער מאכין זייא מיר אָן שמערצין; — וואָלט איך נאָר געקענט אויסוועהלין נאָר דאס וואס פֿאַר מיר גוט איז וואָלט איך קיינמאהל ניט געוואָלט אפילו דענקען פֿון זייא. אבער, אָט גראַד ווען איך וויל דאס גוטע טהון, קלעבט זיך אָן מיר דאס שלעכטע אָן.

קלוגהייט: אבער פֿיהלסטו ניט צייטינווייז, אַז דאס שלעכטע איז בייאגעקומען געוואָרין, אָט יענע שלעכטע קראַפֿט וועלכע האט דיר, וויפֿיעלער מאל, ניעדערגעשלאָגין?

משיחי: יאָ! אבער, אָך, דאס איז זעלטען; דאס זיינען גאָלדענע שטונדען אין וועלכע עס גייט מיר אַזוי גליקליך.

קלוגהייט: קענסטו זיך דערמאַנען וויא אַזוי און דורך וואס בעקומסטו צייטינווייז קראַפֿט, און דאָס שלעכטע איז בייאגעקומען?

משיחי: יאָ! דאַדורך, דאס איך דענק אָן דאס וואס איך האב געזעהן אויף'ן קרייץ; דאַדורך, דאס איך בליק אויף מיין געשיינקטין טייערין ראָק; דאַדורך, דאס איך בליק אין דעם בריעף וועלכען איך טראָג אין בוזים; ענדליך, דאַדורך,

דאס מיין הארץ צופלאקערט זיך אין ליעבע אין דער צייט ווען איך דענק אן דעם ציעל פון מיין רייזע. דאס אללעס גיט מיר קראפט דאס שלעכטע בייאצוקומען!

קלוגהייט: און וואס איז דאס וועלכעס מאכט אין דיר אזא חשק צום בארג ציון?

משיחי: דארט האף איך איהם צו זעהן לעבענדיג, אט דעם, וועלכער האט געליטען דעם טויט אויף'ן קרייץ; דארט האף איך אויך צו זיין גענצליך פרייא פון אללעס, וועלכעס איז איצט אין מיר און פרובירט מיר שטענדיג בייאצוקומען; דארט, זאגען דיא נביאים, איז שוין ניטא מעהר קיין טויט; דארט וועל איך רוהען בשלום צווישען חברים, וועלכע איך ליעב אם בעסטען. דען איך וויל דיר זאגין דעם אמת, איך ליעב איהם ווייל ער האט מיר בעפרייט פון דער שווערע משא, און איך געלוסט אהין ווייל איך בין מיעד פון מיין אינערליכע קראנקהייט. א, מיר ווילט זיך זיין וואו איך וועל מעהר ניט שמעקין דעם טויט, און צווישען איין הימלישע קאמפאניע וועלכע רופט שטענדיג: קדוש, קדוש, קדוש ה' צבאות!

דערנאך האט „ליעבע" זיך געווענדעט צו משיחי'ן מיט דיא ווערטער: האסטו איין פאמיליע? ביסטו איין בעווייבטער?

משיחי: איך האב א פרויא מיט פיער קליינע קינדער.

ליעבע: אבער ווארום האסטו זייא ניט מיטגעבראכט מיט דיר?

בייא דיא ווערטער האט זיך משיחי בעוואשין מיט טרערין, און האט געזאגט: אך, וויא גערין וואלט איך דאס געטהון! אבער זייא אללע זיינען געווען גענצליך געגען מיר און געגען מיין רייזע.

ליעבע: דוא וואלסט געדארפט מיט זייא ריידין און זיך בעמיהען זייא צו ווייזען, וויא גרויס דיא סכנה איז פאר זייא ווען זייא בלייבין דארט.

משיחי: יאָ, איך האב אַזוי געטהון; און האב זייא דייטליך געזאגט, דאס וואס גאט האט מיר צו וויסען געטהון פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון אונזער שטאדט. אבער איך האב בייא זייא אויסגעזעהן וויא אַ משוגע'נער; זייא האבין מיר ניט געוואלט גלויבין.

ליעבע: האסטו אבער צו גאט מתפלל געווען, ער זאָל געבין זיין ברכה, דיין עצה זאָל בייא זייא אין האַרצין ווירקען?

משיחי: יאָ, און גאָר זייער ערינסט (האב איך פֿאַר זייא תפלה געטאָהן); דען דוא מוזט וויססען דאס מיין ווייב און מיינע אָרימע קינדערלאך זיינען בייא מיר זייער טייער געווען.

ליעבע: אבער האסטו זייא אויפֿגעדעקט דיין גרויסען פחד און דיא גרויסע שמערצין פֿון דיין האַרץ, איבער דעם חורבן וואס וועט קומען איבער דיא שטאדט?; דען איך מיין, דאס דער חורבן וואס וועט קומען איבער „פֿאַרדאַרבין" איז דיר געשטאַנען וויא פֿאָר דיא אויגין.

משיחי: אָך, וויפֿילער מאל האב איך פֿאָר זייא קלאָר אויפֿגעדעקט מיינע אינערליכע ווייטיגען און מיין פחד! זייא האבין דאס געקענט זעהן אַן מיין פנים, אַן מיינע טרערין, אַן מיין ציטטערין און שרעקין זיך פֿאר דאס שרעקליכע געריכט וואס שוועבט איבער אונזערע קעפּ. אבער דאס אַללעס האט אויף זייא ניט געקענט איינווירקען זייא זאָלען מיט מיר מיטגיין.

ליעבע: אבער אַ שטייגער וואס פֿאַר אַ תּרוצים האבין זייא זיך געקענט אויסזוכען פֿאַר וואס זייא גייען ניט מיט?

משיחי: מיין ווייב איז אין איין שרעק געווען זיא וועט דיא וועלט פֿאַרליערען; און מיינע קינדער זיינען, געווען אריין געטהון אין דיא נאַרישע יוגענד פֿערגניגונגען. יאָ, דער איבער דיעז, און דער איבער יענעס, האבין זייא געלאָזט איך זאָל מיר אַליין גייז מיין וועגס.

ליעבע: אבער האסטו ניט אַליין, דורך אַ זינדיגעס לעבין, אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק וועלכען דוא האסט געוואָלט מאכין מיט דיינע ווערטער זייא זאָלין מיט דיר מיטגיין?

משיחי: ווירקליך מיין לעבין קען איך ניט לויבין; איך אַליין ווייס גאַנץ גוט וויפיעל איך האב געזינדיגט; איך ווייס אויך דאס אַ מענש קען דורך זיין פֿאַרדאָרבענעס לעבין, ד. ה. דורך זיינע שלעכטע מדות ומעשים צוברעכען אָט דאס וואס ער זוכט דורך זיינע ווערטער און לעהרע אויפצובויען. דאָך קען איך אַזוי פֿיעל זאגין, דאס איך האב מיר זייער געהיט זייא זאָלין ניט האבין אויף מיר צוגעפינען אַ זאַך וואס זאָל זיין פֿאַר זייא אַ מכשול, ד. ה. וואס זאָל זייא אָפּהאַלטין פֿון צו רייזין דיא רייזע. יאָ, גראַד פֿאַרקעהרט, זייא פֿלעגין מיר פֿאָרוואַרפין, דאס איך בין אַ צו גרויסער מדקדק, און דאס איך ערווייטער מיך פֿון אַזעליכעס וואס זייא זעהן אין דעם גאָר קיין שלעכטס ניט.—האט זייא דאס צוריקגעהאַלטען וואס זייא האבין אָן מיר געזעהן, אַזוי מוז איך זאגין דאס עס איז געוועזן מיין גרעסטע זאָרג אום ניט געגען גאט ב"ה צו זינדיגען און אויך קיין מענשין קיין אונרעכט צו טהון.

ליעבע: יאָ,—קַיִן האט זיין ברודער ערמאָרדעט, אָט נאָר דערפֿאַר ווייל זיינע מעשים זיינען שלעכט געוועזן אבער זיין ברודערס מעשים זיינען גוט געוועזן. און ווען דיין ווייב און קינדער זיינען דעריבער דאָרט פֿאַרבליעבען, ווייל זייא איז ניט געפֿעללען דיין פֿרומקייט, האבין זייא דערמיט נאָר ארויסגעוויעזען זייער זינדיגע נאַטור, דאס זייא טויגין ניט פֿיר דאס גוטע. אבער דוא האסט דיין זעעלע געראַטעוועט, ד. ה. דוא ביסט ניט פֿאַראַנטוואָרטליך פֿיר זייא!

אַזוי האב איך געזעהן אין חלום, וויא זייא האבען אַזוי צווישען זיך גערעדט ביז דער נאַכטמאָהל איז פֿאַרטיג געוועזן, דער טיש איז געוואָרין געדעקט מיט פֿעטטע שפייזין און מיט

זייער גוט געלייטערטען וויין. און זיצענדיג ביים טיש האבען זייא געשפראָכען איבער דעם הערר פֿון באַרג; נעמליך, איבער דאס אַללעס וואס ער האט געטהון, און וואַרום ער האט עס געטהון, און וואַרום ער האט אויסגעבויעט אָט דיעזען פאַלאַסט. פֿון זייער געשפרעך האב איך געמערקט דאס דער הערר פֿון וועלכען זייא האבען געשפראָכען, איז געווען איין גרויסער העלד (גבור) וועלכער האט מלחמה געהאלטען מיט דעם וועלכער ציהט אריין דיא מענשין אין אייביגען טויט, און ער (דער הערר פֿון באַרג) האט איהם מנצח געווען. און דיא מלחמה וואס דער הערר האט מיט איהם געפֿיהרט איז ניט געווען אָהן אייגינע געפֿאַהר, וואס דאס מאַכט מיר נאָך מעהר איהם צו ליעבן.

זייא האבין געזאגט — און משיחי האט פֿוּן האַרצין אויסגעשריען: איך גלויב עס! — דאָס דער הערר האט איהם מנצח געווען דורך זיין אייגינעם בלוט צו פֿערגיעססען! וואָס אבער זיינע אַללע ווערק מיט כבוד און חֵן קריינט, איז טאַקי אָט דאָס, דאָס ער האָט עס געטהון נאָר אויס לויטער ליעבע צו זיין נחלה. נאָכמעהר — האָבין אייניגע פֿון פאַלאַסט געזאָגט — דאָס נאָך זיין שטאַרבין אויף׳ן קרייץ האָבין זייא איהם געזעהן און מיט איהם געשפראָכין, און האָבין עס אַליין געהערט פֿון זיין מויל, דאָס ער איז אַזאַ ליעב־האבער פֿון דיא אָרימע רייזענדער, דאָס זיין גלייכען איז גאָר ניט דאָ פֿון איין עק צום אַנדערין עק וועלט. — זייא האָבין נאָך זייערע ווערטער בעקרעפֿטיגט און געזאָגט — דאָס ער האָט זיך זעלבסט ערניעדעריגט און זיך אויסגעטהון פֿון זיין כבוד, כדי ער זאָל אַזעליכעס טהון פֿאַר דיא אָרימע רייזענדער; און זייא האָבין פֿון איהם געהערט וויא ער האָט געזאָגט, דאָס ער וויל ניט אַליין וואָהנען אויף׳ן באַרג ציון. ער, — האָבין זייא ווייטער געזאָגט — ער האָט פֿיעלע אָרימע רייזענ־

דער צו פּרינצען געמאַכט, האָטש נאָך דער נאַטור־נאָך, זיינען זייא געווען געבאָרענע בעטלערס און זייא האָבען גע־שטאַמט פון שטויב!

אַזוי האָבען זייא צווישען זיך גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט; און נאכדעם וויא זייא האָבען זייער נפש אויף גאָט ב"ה פּערטרויט ער זאָל זייער שיצער זיין, האָבען זייא זיך צו־געגרייט אויסצורוהען. דעם גאַסט האָבען זייא אַריינ־געפיהרט אין אַ גרויסען צימער אין דער הויך, וואָס זיין פּענסטער האָט זיך אויפגעמאַכט צו דיא זייט וואו דיא זון גייט אויף. דעם צימער האָט מען גערופען „שלום." דאָרט האָט משיחי גערוהט ביז דער מאָרגען איז ליכטיג געוואָרין; דאמאָלסט האָט ער זיך פריש אויפגעכאַפּט און האָט מיט אַ פרייליכע שטיממע אויסגערופען:—

וואו בין איך?—איז דאָס דיא ליעבע וואָס ערפרישט?
ישוע'ס ליעבע צו רייזענדער, דיא ער רופט?
אָ, וויא פאַרזאָרגט!—ערשט מיינע זינד אָבגעווישט,
און דאָ אָטהעם איך שוין דיא הימלישע לופט!....

אַם פריהמאָרגען, אַלס זייא האָבין מיט משיחי'ן ווייטער געשפּראָכען, האָבין זייא איהם געזאגט ער זאָל פון דאָרט ניט אַוועק גיין ביז זייא וועלין איהם וויזען דיא זעלטענע זאַכין פון זייער פּאַלאַסט. צוערשט האָבין זייא איהם אַריינ־געפיהרט אין שטודיר צימער, וואו זייא האָבין איהם גע־וויעזען דיא ספרים פון דיא אוראַלטע־צייטען, אין וועלכע זייא האָבין איהם געוויעזען דעם יחוס בריעף פון דעם הערר פון באַרג, דאָס ער איז דער זוהן פון דעם „עתיק יומין" (אַלער עלטערסטין), און זיין שטאַם איז פון אָנפאַנג און פון אייביג־

קייט אָן (ומוצאותיו מקדם מימי עולם*). דאָרט זיינען אויך געשטאַנען בעשריעבען דיא זאַכען וואָס ער האט געטאָהן, און דאָרט זיינען פֿערצייכינט געוועזען הונדערטער נעמען פֿון מענשין, וועלכע ער האָט בעשעפֿטיגט אין זיין אַרבייט; און וויא אַזוי ער האָט זייא בעזעצט אין אַזעלכע וואָהננוגען וועלכע קענען קיינמאהל ניט חרוב ווערין, ניט אויך ווען דיא גאַנצע נאַטור וועט פֿארגיין.

דערנאָך האָבין זייא פֿאַר איהם געלעזען, איינינע פֿון דיא בעסטע זאַכין וועלכע זיינע דיענער האָבין געטהון. נעמליך, וויא אַזוי זייא האָבין מלוכות איינגענומען, גערעכ־טיגקייט אין דער וועלט געטהון, הבטחות עררייכט, לייבין דיא מיילער פֿארשטאָפּט, דיא פֿייער קראַפֿט אויסגעלאָשין, פֿון דאָס שאַרפֿע שווערד נצול געוואָרין, פֿון שוואַך שטאַרק געוואָרין; שטאַרק אין מלחמה, און דיא קראַפֿט פֿון שונאים פֿאַרניכטעט.

דערנאָך האָבין זייא ווידער פֿאַר איהם געלעזען אין איין אַנדער טהייל פֿון דיא אַלטע ספרים, וואָס דאָרט איז געשטאַנען פֿאַרצייכינט, וויא גערין דער הערר וויל בייא זיך אויפֿנעהמען אָט יעדין איינעם, חאָטש ער האָט פֿריהערט געמעגט באַגיין גרויסע זינד געגען איהם, און געגען זיין ווילען. אויך איז דאָרט געוועזען בעשריעבען פֿערשיעדענע ער־ציילונגען פֿון פֿיעלע אַנדערע וואונדערבאַרקייטען; זאַכין, אויף וועלכע משיחי האָט מיט ערינסט געקוקט; זאַכין פֿון דער אַלטער און פֿון דער נייער צייט, צוזאַמען מיט נבואות׳ן און הבטחות פֿון אַזעליכעס, וואָס וועט זיכער מקוים ווערין;

---

* זעה אין ספר דניאל קאפיטעל ז׳ פסוק ט׳ און י״ג, און אין מיכה קאפיטעל ה׳ פסוק א׳, דאָרט וועסטו געפֿינען דיא אויסדריקע „עתיק יומין" און „ומוצאותיו מקדם מימי עולם."

אַזעלכעס, וואָס שרעקט און ערציטטערט דיא שונאים, אָבער וועלכעס איז טרייסט און ערקוויקונג פֿאַר דיא רייזענדער.

דעם אַנדערין טאָג האָבין זייא איהם אַריינגעפֿיהרט אין צימּמער פֿון דיא געוועהר (כלי זין). און זייא האָבין איהם געוויעזען אַלערלייא כלי זין, מיט וועלכע דער הערר האָט דיא רייזענדער פֿערזאָרגט, שווערדין, שפּיעזען, שוץ־טאָוולען, פּאַנ־צערין, קריגס־היטלען, שטיעפֿעל וועלכע ווערין קיינמאָל ניט אָפּגענוצט און שטאַרקע תּפלה. און אין דעם צימּמער זיינען געוועזן אַזוי פֿיעל כלי זין, דאָס זייא זיינען גענוג פֿאַר דעם הערר'ס סאָלדאַטען, ווען זייא זאָלען אויך זיין אַזוי פֿיעל וויפֿיעל דיא שטערין אין הימּמעל.

זייא האָבין משיחי'ן אויך געוויעזען דיא ווערקצייג, מיט וועלכע איינינע פֿון דעם הערר'ס דיענער האָבין וואונדער געטהון; משה'ס שטעקין, דעם האַממער און פֿלאָקען מיט וועלכע יָעֵל האָט סיסרה'ן דערשלאָגין*, דיא קריג, שופרות און פֿלאַקערין מיט וועלכע גדעון האָט פֿאַריאָגט דאָס חיל פֿון מדין**, דיא שטעקינס (מלמד הבקר) מיט וועלכע שמגר האָט ערשלאָגין 600 פלשתים*** און דעם באַקביין מיט וועלכען שמשון האָט גבורות בעוויעזען****, און אויך דעם שליידער און דעם שטיין מיט וועלכען דוד האָט דערשלאָגען דעם פלשתי גלית*****; און אויך דיא שווערד מיט וועלכע דער הערר וועט דעם שטן אומברייגגען אין דער צייט ווען ער וועט זיין גבורה פֿאַר דיא גאַנצע וועלט וויזען. און נאָך מעהרערע וואונדערבאַרע זאַכין האָבין זייא איהם געוויעזען, דורך וועלכע משיחי האָט זיך געקוויקט און איז פֿול געוועזן

---

* זעה שופטים ד'. ** דאָרט קאַפּיטעל ז'. *** דאָרט קאַפּיטעל ג' פסוק ל"א. **** דאָרט קאַפּיטעל ט"ו פסוק ט"ו, ט"ז. ***** שמואל א' קאַפּיטעל י"ג.

מיט פֿאַרגעניגען. און וויא דאָס איז געווען פֿאַרבייא, זיינען זייא ווידער צו רוה געגאַנגען.

אויף מאָרגען איז משיחי אויפֿגעשטאַנען זיין וועג וויטער צו גיין, זייא אָבער האָבין איהם געבעטין ער זאָל נאָך דאָרט בלייבין ביז אויף'ן אַנדערין טאָג. זייא האָבין צו איהם געזאָגט: מיר ווילען, ווען עס וועט נאָר זיין אַ שיינער ליכטיגער טאָג, דיר ווייזין דיא „ליעבליכע בערג," וועלכע וועלין דיר מעהר טרייסטין און ערפֿרייען; ווייל זייא זיינען פֿיעל נאָהענטער צו דעם אָרט אָט וואָהין עס ווילט זיך דיר, אַלס דיעזער אָרט, אָט אין וועלכען דוא ביסט איצט. משיחי האָט אין זייער עצה איינגעווילינגט און איז דאָרט פֿאַרבליעבען.

אַם פֿריהמאָרגען האבין זייא איהם ארויף געפֿיהרט אויף'ן דאַך פֿון הויז, און האבין איהם געהייסין קוקין צו דיא זייט וואו דיא זון שטייט אין מיטען העלין טאָג. משיחי האט אַזוי געטהון. און זעה, דאָרט, דאָרט גאנץ וויט, האט ער דערזעהן איין זייער ליעבליכעס לאַנד מיט פֿיעל ערהויבענע בערג, בעשיינט מיט טייערע פֿרישע וועלדער, וויינגערטנער, פֿרוכט־גערטנער, און בלומען אללערלייא, מיט קוואַלען און ברונענ'ס; איינפֿאך אַ פֿארגעניגען עס צו זעהן!—משיחי האט געפֿרעגט נאָך'ן נאמען פֿון יענעם לאַנד, האבין זייא געזאגט: דאס איז עמנו־אל'ס לאַנד. און יענעם לאַנד—האבין זייא וויטער געזאגט—געהערט און איז פֿאר אללע רייזענדער, אָט אַזוי וויא דער באַרג דאָ איז פֿאר זייא אללע; און ווען דוא וועסט אַהין צוקומען, וועסטו פֿון דאָרט שוין קענען זעהן דעם טהויער פֿון דער חיממלישע שטאדט, וועלכען עס וועלין דיר ווייזין, דיא פאַסטוכער (רועים) וועלכע זיינען דאָרט.

משיחי האט שוין איצט געדענקט זיך זיין וועגס וויטער צו גיין, אויך זיינע פֿריינד פֿון פאלאַסט האבין דאס געוואָלט; אבער צוערשט—האבין זייא געזאגט—לאָס'מיר גיין אין צימער

פֿון דיא כלי זין, זייא האבין אַזוי געטהון. און וויא משיחי איז דאָרט אריין געקומען האבין זייא איהם אנגעטהון מיט געוועהר פֿון קאָפּ ביז צו דיא פֿיס; דען עס קען פֿאָרקומען— האבין זייא געקלערט—דאס שונאים וועלין איהם אויף'ן וועג טרעפֿין און איהם זוכען שלעכטעס צו טהון.

אַזוי בעוואָפֿענט האט משיחי אנגעהויבין זיין וועג וויטער צו גיין, און דיא פֿריינד פֿון פּאַלאַסט זיינען מיט איהם געגאנגען אַ שטיק וועגס איהם צו באלייטין. ביים טהויער האט משיחי דעם וועכטער געפֿרעגט אויב ער האט געזעהן אימעצין אַ רייזענדער פֿארבייגיין? און דער וועכטער האט געענטפֿערט, יאָ.

משיחי: ביטטע, קענסטו איהם?

וועכטער: איך האב בייא איהם געפֿרעגט זיין נאמען און ער האט מיר געזאגט, זיין נאמען איז „נאמן" (טרייא, אדער בעגלויבטער).

אָ, האט משיחי געזאגט, דעם קען איך דאָך טאַקי; ער איז מיין לאנדסמאַן, מיין נאָהענטער שכן, ער קומט פֿון דעם אָרט וואו איך בין געבאָרען. „וויא מיינסטו"—האט משיחי צום וועכטער וויטער געזאגט—„וויא וויט אַ שטייגער איז ער שוין פֿאָראויס?"

וועכטער: ער האט איצט געענדיגט דעם באַרג־אַראָפּ.

משיחי: גוט, גוטער וועכטער, דער הערר זאל זיין מיט דיר און ער זאל פֿיעלפֿאַך פֿארמעהרין דיינע אלע ברכות פֿאר דיא ליעבע און פֿריינדליכקייט וואס דוא האסט געגען מיר בעוויעזען.

# אכטעס קאפיטעל.

איצט איז משיחי פֿאָרווערטס זיין וועג געגאנגען; און דיא פֿיער פֿריינדע, פֿארשטענדיגקייט, פֿרומקייט, ליעבע און קלוגהייט, האבין איהם באליים דעם באַרג־אַראָפּ. אַזוי זיינען זייא זיך צוזאַמען געגאַנגען און צווישען זיך געשפּראָכען איבער דיא אלע זאכין וואס זייא האבין פֿריהערט גערעדט; ביז זייא זיינען געקומען צום שטארקען שפּוּעַ פֿון באַרג. דאָרט האט משיחי זיך אָפּגערופֿען: אָ, וויא שווער עס איז געוועזן באַרג־ארויף, אַזוי איז עס—וויא מיר שיינט—סַכָּנה'דיג באַרג־אַראָפּ!—„יאָ"—האט קלוגהייט געזאגט—„עס איז טאַקי אַזוי; וויל בייא אַ מענשען גייט עס זייער שווער אַראָפּ צו גיין אין דעם טאָהל „ענוה" (בייא זיך קליין זיין), (אָט דאס וואס דוא טוסט איצט), און זיך ניט אויסצוגליטשען." „טאַקי דאַרום"—האבין זייא זיך אלע צוזאמען אָבגערופֿען—„זיינען מיר ארויס געקומען דיך צו באלייטין אָט דעם באַרג־אַראָפּ." און בייא דיא ווערטער איז משיחי אַלץ פֿאָרווערטס געגאנגען דעם באַרג־אַראָפּ; אבער וויא שטארק ער האט זיך געהיט, און וויא שטארק ער איז פֿאָרזיכטיג געוועזן, האט ער זיך דאָך איינמאל און אַ צווייטין־מאל אויסגעגליטשט.

דערנאך האב איך געזעהן אין חלום, דאס ווען משיחי איז שוין אַראָפּגעקומען אין טאָהל „ענוה," האבין איהם דיא גוטע באלייטער געגעבין אַ לאַבין־ברויט, אַ קרוג וויין, און אַ שטענגיל וויינטרויבען, און אַזוי איז ער זיך אַוועק זיין וועג.

אבער איצט, אין טאָהל, איז דעם ארימען משיחי געווארין גאָר ניט פֿריילאַך. דען קוים איז ער נאָר געוועזן אָפּגעגאנגע

אַ קורצע שטרעקע ווייטער, האט ער דערזעהן איין פֿיינדליכע מיאוס'ע פּערזאָן, קומענדיג איהם אנטקעגין איבער דאס פֿעלד. „טייפֿיל" איז דער נאמען פֿון דיא שרעקליכע פּערזאָן וועלכע איז משיחי'ן דאָרט אנטקעגין געקומען.

דאַמאלסט האט משיחי אָנגעהויבין זיך צו טרייסלען פֿאר פּחד, און צו דענקען בייא זיך, צו זאל ער זיך צוריק אומ־קעהרין, אָדער צו זאל ער פֿעסט שטיין. ער האט זיך אבער גלייך באַרעכינט דאס ער האט קיין פּאַנצער אויף זיין רוקען, און דאַרום האט ער צו זיך געזאגט: ווען איך וועל איצט דעם רוקען אויסדרייען צו איהם, וועל איך דעם פֿיינד נאָך לייכטער מאכין מיך דורכצולעכערין מיט זיינע פֿיילין;—און דאַרום האט זיך משיחי בעשלאָססין פֿעסט צו שטיין און מוטהיג צו זיין. „ווען איך זאל שוין גאר ניט האבין קיין אנדערין צוועק פֿאר מיר, נאָר מיין לעבען צו רעטטען"—האט משיחי אין זיך געדענקט—„וואָלט עס אויך דאָך נאָר אַם בעסטען געוועזן, פֿעסט צו שטיין אָט דאָ וואו איך בין."

און אַזוי האט זיך משיחי פֿעסט געשטעלט, און „טייפֿיל" איז צו איהם צוגעקומען. אָ, דיעזעס שרעקליכעס בעשעפֿעניש איז געוועזן אַ חלָשות אָנצוקוקען; מיט שופּען בעדעקט וויא אַ פֿיש—וואס מיט זייא האט ער זיך גרויס געהאלטען,- פֿליגעל וויא אַ פֿליהענדיגע שלאַנג, פֿיס וויא אַ בער, אַ בויך וואס שפּייט פֿייער און רויך, און אַ מויל וויא אַ לייב.—וויא ער איז צו משיחי'ן צוגעקומען האט ער איהם אנגעקוקט מיט אַ בליק וויא מען קוקט אויף איין מָאוס'קייט, און האט איהם אנגעהויבין אויסצופֿרעגען: פֿון וואו קומסטו, און וואָהין גייסטו?

משיחי: איך קום׃ אוים דער שטאדט „פֿאַרדאָרבען," דער אָרט פֿון אַלדעס בייז; און איך בין אויף דער רייזע צו דער שטאדט ציון.

טייפּיל: בייא דעם דערקען איך דאס דוא ביסט איינער פֿון מיינע אונטערטענערס, דען יענעם גאנצע לאַנד איז מיין, און איך בין דער פרינץ און גאט פֿון יענעם לאַנד. און וויא קומט עס דאס דוא ביסט אַוועק געלאָפֿען פֿון דיין קעניג? וואָלט איך ניט געהאָפּט דאס דוא וועסט מיר נאָך דיענען, וואָלט איך דיר איצט מיט איין קלאַפּ אניעדער געוואָרפֿען צו דער ערד דוא זאלסט שוין מעהר ניט אויפשטיין.

משיחי: געבאָרען בין איך טאַקי אין דיין ממשלה, אבער דיין ארבייט איז זייער שווער, זיא נעמט ארויס דיא נשמה; און דיין געצאָלטס איז אַזוי שלעכט דאס אַ מענש קען דערפֿון ניט לעבין, ווייל דיא בעלאָהנונג פֿון זינד איז דער טויט. דאַרום, ווען איך בין געקומען אין יאָהרין, האב איך געטהון אָט וויא אַסאַך פֿאַרשטאַנדיגע מענשין טהוען, היינו, איך האב מיר אַרום-געזועהען אויב עס איז דאָ פֿאַר מיר עפעס בעססערעס.

טייפּיל: עס איז ניטאָ קיין מושל אין דער וועלט וועלכער עס זאל זיך איהם וועלין לייכט זיינע אונטערטענערס פֿאַרליערען. אויך איך וויל דיך ניט פֿאַרליערען!—ווייל אבער דוא בעקלאגסט זיך איבער דיא ארבייט און געצאלט, זאג איך דיר, זייא רוהיג און גייא צוריק, און אָט נאָר וואס אונזער לאַנד פֿארמאָגט, ביז איך דאָ מבטיח דיר עס צו געבין.

משיחי: אבער איך האב מיר שוין צו איין אנדערין איבערגעגעבין טאקי צום מלך המלכים הק"בה, און וויא קען איך עס מיט יושר גיין מיט דיר צוריק?

טייפּיל: האסטו טאקי געטהון, וויא דאס שפּריכוואָרט זאגט „פֿון פֿייער אין וואססער געשפּרונגען"; —נאָר נאָ, עס גייט און דרייט זיך וויא אַ רעדאַלע; דיא וועלכע זאגין, זייא ווילען זיינע דיענער זיין, גיבען זיך, אין אַ וויילע אַרום, אַ גְנֵבָה אַוועק פֿון איהם, און קעהרין זיך טאקי ווידער אום צו מיר, טהו דוא אויך אַזוי, און אללעס וועט גוט ווערין.

משיחי: איך האב איהם פון גאנציו הארציו, באמונה שלמה, מיין הייליג ווארט געגעבין, און האב איהם געשווארין טרייא צו זיין, היינט וויא אזוי קען איך מיר פון איהם אוועקקעהרין און ניט אויפגעהאנגען צו ווערין וויא א מורד־במלכות?

טייפיל: דוא האסט דאך דאס זעלבע געטהון געגען מיר! — דאך וויל איך דאס אללעס פארגעססין, ווען דוא ווילסט זיך נאר איצט ווענדען און צוריקקעהרין.

משיחי: וואס איך האב דיר פארשפראכען דאס איז געווען אין מיין קינדישע צייט. אויסערדעם, איך גלויב דאס דער מלך וועלכער איך שטייא איצט אונטער זיין פאהן, איז אים־שטאנד מיר פון דיר גענצליך צו בעפרייען; יא, נאכמעהר, מיר צו פארגעבין; אט אללעס וואס איך האב געטהון, וועלכעס מאכט מיר דיינער צו זיין. אויסערדעם, א, דוא טייפיל, פארדארבער, איך וויל דיר דעם ריינעם אמת זאגין, איך ליעב איהם צו דיענען, און איך ליעב זיין געצאלט'ס, זיינע מענשין, זיין ממשלה, זיין קהלה און זיין לאנד פיעל בעססער אלס דיינע. דארום, זאג איך דיר, הער בעססער אויף מיר וויטער צו איבעררעידין; איך בין זיין דיענער און איך וויל גיין צו איהם!

טייפיל: בעקלעהר דיר עס נאכאמאל, דוא קאלטבלוטיגער מענש, אללעס וועלכעס דוא וועסט נאך בעגעגענען אויף דעם וועג וועלכען דוא גייסט! דוא ווייסט? דיא מייסטין פון זיינע דיענער האבין א ביטטערין סוף, ווייל זייא זיינען איבערטרעטער געגען מיר און געגען מיינע וועגין. וויפילער פון זייא האבין געליטטען דעם שענדליכסטען טויט! — אויסערדעם, דוא האלטסט דאך אז איהם צו דיענען איז בעססער וויא מיר צו דיענען, און דאך איז ער נאך קיינמאל ניט ארויסגעקומען פון זיין ארט וואו ער איז, ארויס צו ראטעווען, אט אפילו איינעם פון דיא וועלכע דיענען איהם, פון דיא הענד פון זייערע שונאים. אבער איך, וויא דיא גאנצע וועלט וויים, האב וויפילער מאהל ארויס־

געשלעפּט, דורך קראַפט אדער דורך איבעררײדונג, מײנע געטרײע דיענער פֿון איהם און פֿון זײנע מענשין, חאטש זײא זײנען שוין געװעזן װיא אין זײערע האנד! — און טאקי אַזוי װיל איך דיר אויך פֿון זײערע הענד ארויסנעהמען.

משיחי: דאס װאס ער האלט זיך איין אויגענבליק צוריק פֿון צורעטטען זײנע דיענער, איז נאָר דערפֿאר, אום צו פּרובירען זײער גלויבין און זײער ליעבע צו איהם; צו זעהן אויב זײא װעלין איהם טרײא בלײבין ביז צום טויט! — און דאס װאס דוא זאגסט דאס זײא קומען צו אַ ביטטערין סוף, אַט דאס איז ערשט בײא זײא דאס בעסטע און גרעסטע. װײל זײא האפֿפֿען ניט פֿיעל אויף אַזעליכעס, װאָס גיט זײא נאָר דיעזע װעלט, דען זײא װארטען אויף דעם אײביגען כבוד; און דאס װעלין זײא דאמאלסט האבין, װען זײער מלך װעט קומען בִכְבוֹדוֹ, און בכָבוד פֿון אללע מלאכים.

טײפֿיל: אבער דוא ביסט דאָך שוין אין דיין דיענסט צו איהם אונטרײא געװעזן, היינט װיא אַזוי קענסטו נאָך דענקען פֿון איהם געצאָלט׳ם צו בעקומען?

משיחי: אָ טײפֿיל, װיא אַזוי דען בין איך איהם אונטרײא געװעזן?

טײפֿיל: שוין ביים ערשטין טריט, אַט דאמאלסט װען דוא ביסט שיער דערשטיקט געװארין אין זומפּף פֿערצװײפֿלונג; און דערנאָך װען דוא ביסט געלאָפֿען אויף׳ן אנדערין װעג, פֿון דיין משא לויז צו װערין; אנשטאט װאס דוא האסט געדארפֿט װארטין ביז ער װעט זיא פֿון דיר אראָפּנעמען. און נאָכמעהר, דוא ביסט געפֿאללען אין הארטין שלאָף און האסט פֿערלאָרין דאס בעסטע, װעלכעס איז דיר געגעבין געװארין; און דערנאָך, װען דוא האסט דערזעהן דיא לײבין, ביזטו כמעט גרייט געװעזן זיך צוריק־צוקעהרין. און נאָכמעהר פֿון אללעס, אַט װען דוא שפּרעכסט פֿון דיין רײזע און פֿון אללעס װאס

דוא האסט געהערט און געזעהן, ווילט זיך דיר — אין הארצין — כבוד בעקומען און געלויבט צו ווערין פֿון לייטין אויף אללעס וואס דוא זאגסט און טהוסט.

משיחי: יאָ, דאס אללעס איז טאקי אמת, און מיינע חסרונות זיינען פֿיעל מעהר פֿון דאס, וואס דוא האסט מיר איצט דערמאנט. אבער דער מושל, אָט ווערלכען איך זוך צו דיענען און זיינער צו זיין, ער איז בארמהערציג און גרייט איין זינדיגען מענשין צו רייניגעז פֿון זיינע זינד, און זיינע אלטע זינד צו פֿארגעבין. און דוא ווייסט, טייפֿיל, וואס איך וועל דיר זאגין, דאס טאקי דיא אללע הסרונות האב איך מיט מיר פֿון דיין לאנד פֿערשלעפט, דען דאָרט האב איך זייא איינגעזויגען. איך אבער האב געזיפֿצט און זיפֿץ איבער זייא, איך בין איבער זייא טרויעריג געווען און האב פֿון מיין מושל פֿאַרגעבונג בעקומען.

בייא דיא ווערטער איז דער טייפֿיל פֿול געווארין מיט רציחה און האט אנגעהויבין צו שרייען; איך ביז אַ שונא פֿון יענעם מושל; איך האב איהם פֿיינד, איך האב פֿיינד זיינע געזעצען און זיין פֿאלק. איך בין ארויסגעקומען צום צוועק דיך אָפּצושטעללען!

משיחי: טייפֿיל, בעדענק וואס דוא ווילסט טהון; דען איך בין אויף דעם מלך׳ס הייליגען וועג! — היט זיך!

טייפֿיל האט אפגעשפּאַרט דעם גאנצין וועג און האט געשריען: איך האב דערפֿאַר קיין מורא ניט, גאָר קיין מורא ניט; זעה דוא ביסט באלד טויט! — דען איך שווער ביים שאול־תחתיות דוא זאלסט קיין טריט וויטער גיין; אָט דאָ זאלסטו דיין זעעלע פֿאַרליערען! — און בייא דיא ווערטער האט טייפֿיל געשליידערט איין פֿייעריגע פֿייל אין משיחי׳ס ברוסט. אבער משיחי האט אין דיא הענד געהאלטין אַ שוץ־טאָוועל; דיעזען שוץ־טאָוועל האט ער געשטעלט פֿאַר זיך,

דאס הייסט געגען דיא פֿייל פֿון טייפֿיל, און אַזוי האט ער פֿון זיך דיא סכנה אָפּגעווענדעט.

דערנאָך האט משיחי ארויסגעצויגין זיין שווערד, דען ער האט געזעהן עס איז צייט זיך פּעסט צו ווערין. טייפֿיל אבער האט איהם מיט פֿלינקייט בעוואָרפֿין מיט פֿיילין וויא אַ האָגעל. און חאָטש אללעס וואס משיחי האט געטאָהן אום ניט נזוק צו ווערין, האט איהם דאָך דער טייפֿיל פֿאַרוואונדעט אין קאָפּ, אין דיא הענד און אין דיא פֿיס. דאס האט משיחי'ן געבראכט זיך אביססעל צוריק צורוקען, און דארום האט טאקי טייפֿיל זיין ארבייט ווייטער געטהון. אבער משיחי איז ווידער מוטהיג געווארין און האט זיך געגען איהם געשטעלט וויא ווייט זיינע כחות האבין נאָר געקענט אויסהאלטען.

דיעזעס ראַנגלען־זיך, האט איבער איין האַלבען טאג געדויערט. יאָ, ביז דער ארימער משיחי האט שיער אללע כחות פֿערלאָרין. דען איהר מוזט וויססען, דאס איבער דיא וואונדען וואס משיחי האט בעקומען האט ער געמוזט אלץ שוואכער און שוואכער ווערין.

דער טייפֿיל, וויא ער האט דאס בעמערקט, איז ער צו משיחי'ן קרעפֿטיג צוגעטרעטין, און ראַנגלענ'זיכדיג מיט איהם האט ער דעם ארימען משיחי געבראכט, צו אַשרעקליכען פֿאלל, וואס בייא דעם פֿאלל איז איהם (משיחי'ן) אויך ארויס־געפֿלויגען דיא שווערד פֿון זיין האנד.

דאס זעהענדיג האט זיך דער טייפֿיל אָפּגערופֿען: נוא, איצט בין איך שוין מיט דיר זיכער! – און בייא דיא ווערטער האט ער משיחי'ן שיער צודריקט אויף טויט, דאס משיחי האט זיך אנגעהויבין מְיָאֵש צו זיין פֿון לעבין.

אבער וויא גאט'ס פּלאַן און ווילען איז, אַזוי גייט עס אין דער וועלט. אָט גראָד ווען טייפֿיל האט דעם ארימען משיחי געוואלט געבין דעם לעצטין קלאַפּ, און מיט דעם קלאַפּ איין

ענדע צו מאכען פֿון דעם גוטען מאַן, אַט גראָד דאמאָלסט, האט משיחי אויסגעשטרעקט זיין האנד צו זיין שווערד, און ער האט איהר געקראַגין; און האט אויסגעשריען: „פֿרייא דיך ניט מיין פֿיינד, ווען איך בין געפֿאַלען; איך וועל אויפֿשטיין!„ —און אַזוי האט ער דעם טייפֿיל אַשטארקין שטאָך געטהון, וואס דורך דעם האט דער טייפֿיל אַפֿליה־געטהון צוריק, גלייך וויא איינער וואס ווערט פֿאַרוואונדעט צום טויט.

וויא משיחי האט דאס בעמערקט האט ער זיך ווידער צו איהם גענומען, און האט געשריען; ניין, „מיט דעם אללעם זיינען מיר פֿעסט מנַצֵחַ, דורך דעם וועלכער האט אונז געליעבט."—באלד אבער האט דער טייפֿיל זיינע שלאנגען־פֿליעגעל אנגעשטעלט, אוז איז אוועק־געפֿלויגין, דאס משיחי האט איהם שוין מעהר ניט געזעהן.

קיין מענש קען זיך פֿארשטעללען אַט דיעזע שרעקליכע ראַנגלערייא, סיידין ער האט עס אליין געזעהן און געהערט, וויא איך. אָ, וויא האט עס דער טייפֿיל געברומט וויא אַ לייב און געבילט וויא אַ הונד, און געזשימזשעט וויא אַ שלאנג אין דער גאנצען צייט ווען ער איז משיחי'ן בעפֿאַללען; דאַגעגען אבער וואס פֿאר אַ זיפֿצען און קרעכצין האבין זיך עס געהערט פֿון משיחי'ם האַרץ! —דיא גאנצע צייט האב איך אויף משיחי'ן ניט געזעהן אַ רוהיגע מינע, ביז ער האט זיך איבערצייגט דאס ער האט דעם טייפֿיל פֿערוואונדעט מיט זיין צוויא־זייטיגעס שווערד. געוויסס, דאמאלסט ערשט האט משיחי געשמייכילט און ארויף געקוקט אין דער הויך. יאָ, דאס ראַנגלערייא צווישען משיחי און טייפֿיל איז דאס שרעקליכסטע פֿון אלעם וואס איך האב געזעהן זייט איך לעב.

ווען דיא מלחמה איז געווען פֿאַרבייא, האט משיחי געזאגט, איצט וועל איך דאנקען דעם, דער וואס האט מיר פֿון דעם לייב'ם מויל ארויסגעראַטעוועט; דעם, דער וואס האט מיר

געהאלפֿען דעם טייפֿיל מנצח צו זיין. און אַזוי האט ער אין זיין תּפֿלה זיך פֿריילאך געזונגען:—

אשמדאי, וועלכער זוכט מיר צו דערשטיקען
האט איהם שנעלל געשיקט, געגען מיר צו איילין;
מיך אנצופֿאַללען, מיך דאָ צו דערדריקען,
מיין האַרץ צו לעבערין מיט גיפֿט׳גע פֿיילען.
אבער געבענשט זייא דוא, הימלישער רעטטער!
ער איז אוועק פֿאַר דיין שאַרפֿע גלויבינס־שווערד,
וועלכע טייטעט דיא טייפֿיל, דיא וועלט־געטטער,
און מאכט פֿרייא דעם וועג צום היממעל, פֿון דער ערד!

דאָרט איז איהם ארויסגעקומען אַ האַנד פֿול מיט בלעטטער פֿון עץ־החיים, צו וועלכע משיחי האט זיין האַנד אויסגעשטרעקט און האט זייא גענומען, און זייא צוגעלייגט צו זיינע וואונדען וועלכע ער האט בעקומען אין דער מלחמה, און ער איז גלייך געהיילט געווארין.

דאָרט האט זיך משיחי אויך געזעצט צו עססין זיין לאַבין־ברויט, און צו טרינקען פֿון דעם קרוג וויין וואס איז איהם געגעבין געווארין אַ קורצע צייט בעפֿאָר; און אַזוי דערקוויקט און דערפֿרישט האט ער זיך אויפֿגעהויבין צו דיא רייזע מיט זיין בלויזע שווערד אין דער האנד; דען ער האט בייא זיך געקלערט טאָמער איז דאָרט ערגעץ וואו דאָ איין אַנדער פֿיינד. אבער זייט משיחי איז דעם טייפֿיל לויז געווארין, דורך דעם גאנצין טאהל גייענדיג, האט ער קיינעם ניט בעגעגינט.

איצט, ענדע פֿון דיעזען טאהל, האט זיך אנגעהויבין איין אנדער טאהל צוציעהען, וועלכען מען האט גערופֿען „דעם גרוב פֿון טויט־שאָטין”; און פֿאַר משיחי׳ן איז עס זייער נייטיג געוועזן אויך דעם אנדערין טאהל דורכצוגיין, וויל דער

וועג צו דער היממלישע שטאדט האט זיך געצויגין דורך יענעם טאהל. יאָ, דיעזער טאהל איז איין זייער אומעדיגער און איינזאמער אָרט. ירמיה הנביא בעשרייבט דיעזען הֹשך־דיגען אָרט אַזוי: „אַ מדבר, אַ וויסטעס שטיק ערד פֿול מיט גריבער, אַ פֿארדאַרטעס לאנד (ד. ה. אַ לאנד אהן וואססער), פֿול מיט טויט־שאַטין, אַ לאנד וואו קיין מענש איז איהר דורכגעגאנגען (נאָר אַ משיחי) און קיין מענש האט דאָרט געוואָהנט.״ * אָט אין דיעזען טאהל איז משיחי געוועזן אין גרויסע צרות, פֿיעלמעהר וויא ביים ראַנגלען־זיך מיטן טייפֿיל; אָט אזוי וויא איהר וועט דאָ וויטער לעזין.

* ירמיה ב׳ ו׳.

# ניינטעס קאפיטעל.

איך האב געזעהן אין חלום, וויא משיחי איז צו געקומען פאר דעם טאהל זיינען איהם אנקעגין געקומען צוויא מענער, אוראיינקלאך פון דיא, (מרגלים), וועלכע האבין לשון הרע גערעדט אויף דאס גוטע לאנד; און דיא צוויא זיינען געלאפען מיט געשווינדיגקייט צוריק. משיחי האט זייא געפרעגט: וואס איז אזא לויפינעש אויף אייך? און וואהין דען?

דיא מענער: צוריק, צוריק! ווען לעבין און פריעדען איז בייא דיר ליעב, אזוי טהו וויא מיר טהוען!

משיחי: ווארום דען? וואס איז דען?

דיא מענער: דוא פרעגסט נאך פראגעס?—מיר זיינען געגאנגען דעם זעלבען וועג וועלבען דוא גייסט, און מיר זיינען אזוי וויים פארווערטס געגאנגען, ביז וויא וויים מיר האבין זיך נאר געדארפט טרויען צו גיין. און ווירקליך מיר וואלטין שוין באלד פערשפארט צוריק-צוקומען; דען וואלטין מיר נאר א שפאן וועגס ווייטער געגאנגען וואלטין מיר שוין דא ניט געווען דיר צו דערציילען דיא נייעס.

משיחי: אבער וואס האט אייך דען באגעגינט?

דיא מענער: אוי באגעגינט!—מיר זיינען כמעט געווען אין גרוב פון טויט-שאטין; אבער צום גליק האבין מיר א קוק געגעבין, אהין, און מיר האבין ארויסגעזעהן דיא סכנה איידער מיר זיינען נאך אין טאהל אריין.

משיחי: אבער וואס האט איהר דען געזעהן?

דיא מענער: אוי געזעהן!—דער טאהל איז פינסטער וויא

דיא נאַכט; און מיר האבין דאָרט געזעהן לֵצים, פעלד־שדים און פליהענדיגע שליינג פון תהום. אויך האבין מיר דאָרט געהערט שטענדיג געשרייען און יאָכצען, וויא פון מענשיי וועלכע ליעגען דאָרט געבונדען אין קייטין און שטריק, און ליידין שרעקליכע שמערצין. איבער דעם טאָהל שוועבין שווארצע פינסטערע וואָלקינס, וועלכען ווארפען אויף יעדין אַ מרה שחורה; אויך דער טויט שפרייט זיינע פליגלען אויס איבער׳ן גאנצען טאָהל. קורץ, עס איז איין שרעקליכער אָרט, אלעס איז דאָרט אָן אַ סדר און אָן אַ טאָלק.

משיחי: אוים דעם אללעם וואס איהר זאגט, זעה איך נאָך גאָר ניט פארוואָס מען זאל זיך צוריקקעהרין; איך זעה נאָר דאס איינע, דאס דיעזעס איז מיין וועג צו דער הימלישע שטאדט, אָט וואָהין עס ווילט זיך מיר.

דיא מענער: מעג עס זיין דיין וועג; מיר אבער ווילען פאר אונז דיעזען וועג ניט אויסוויילין.

אַזוי זיינען דיא מענער געגאנגען זייער וועגס צוריק, משיחי אבער איז געגאנגען זיין וועגס ווייטער; דאָך מיט׳ן בלויזען שווערד אין דיא האנד, ווייל ער האט מורא געהאט טאָמער וועט מען איהם איבערפאללען.

איך האב ווייטער געזעהן אין חלום, דאס וויא לאַנג דער וועג האט זיך דורכ׳ן טאָהל געצויגין, איז געוועזן אויף דער רעכטער זייט (פון וועג) איין טיעפער תהום—דאס איז דער תהום אין וועלכען איין בלינדער פלעגט צו פיהרען דעם צווייטין בלינדען אין אללע צייטין, דאָרט וואו זייא פלעגין אלע צוזאמען פארלאָרען גיין—ווידער, זעה, אויף דער לינקער זייט איז געוועזן איין שרעקליכער מסוכן׳דיגער זומפף, אין וועלכען, ווען אויך איין גוטער מאַן איז דאָרט אריינגעפאלען, האט ער זיך שוין מעהר אויף דיא פיס ניט געקענט שטעלין.—אָט אין דעם זומפף איז אַמאָל דוד המלך

אריינגעפאלען, און ער וואָלט דאָרט געווים אומגעקומען, ווען ניט גאט'ס האנד וואָלט איהם פון דאָרט ארויסגעצויגען.

אויך איז דאָרט דער וועג זייער שמאל געווען, וואס דאס האט דעם גוטען משיחי געבראכט אין גרויסער מורא און זאָרג; דען אין דער שרעקליכער פינסטערנים, ווען ער האט זיך געוואָלט אָפקעהרען פון דעם תהום וועלכער איז אויף דער רעכטער זייט, איז ער געווען אין סכנה אריינצופאַללין אין דער בלאָטע אויף דער לינקע זייט; ווידער פארקעהרט, ווען ער האט זיך געוואָלט ערווייטערין פון דער בלאָטע, וועלכע איז אויף דער לינקער זייט איז ער אין סכנה געווען אריינצופאללין אין דעם תהום וועלכער איז אויף דער צווייטער זייט. יאָ, איך האב איהם געזעהן וויא ער איז ווייטער געגאנגען אבער איך האב געהערט וויא ביטטער ער האט דערבייא געזיפצט; דען אויסער דיא סכנות, איז אויף דעם שמאלען וועג אַזוי פינסטער געווען, דאס יעדעס מאָל ווען ער האט זיין פום אויפגעהויבין ווייטער אַ טרעט צו טהון, האט ער ניט געוואוסט וואו אדער אויף וואס ער וועט זיין פום שטעלין.

אַרום מיטען וועג פון דיעזען טאָהל, האב איך, וויא, געזעהן דעם מויל פון גיהנום, און דאס איז געווען ביים זייט זייער נאָהענט צום וועג. „וואס זאל איך טהון?"—האט משיחי דאָרט בייא זיך געקלערט.

און נאכאַנאַנד האט פון דאָרט געהאלטען אין איין אויפשטייגין פייעריגע פלאַמען, און אַ וואָלקען פון רויך; דערצו־נאָך פונקען וויא בליצען, מיט אַ שרעקליכעם גערויש.— יאָ, אללעס אזעלכעס, וועלכעס אנטלויפט אויך ניט פאר משיחים שווערד, וויא דער טייפיל איז אנטלאָפין.—משיחי האט איצט געזעהן דאס ער מוז איין אנדערעס כלי־זין בענוצען, דאס געוועהר „שטארקע תפלה" און אַזוי האט

ער געהאלטען אין איין שרייען: אָ, הערר, רעטטע מיינע זעעלע! און אַזוי תּפלה־טהון'דיג איז ער געגאַנגען איממער ווייטער, אין דער צייט ווען דיא פלאַמען האבין איהם גאנץ נאָהענט דערגרייכט. דערבייא האט ער געהערט שרעק־ליכע קולות און לאַרמען פון אללע זייטין, אַזוי שטארק, דאס ער האט געמיינט ער וועט באַלד צוריססען אויף שטיקער, אדער צוטראָטין וויא בלאָטע אונטער דיא פיס; און דאס אללעס האט ער געמוזט הערין און זעהן וויפילער מיילין־ווייט אויף זיין וועג. דערנאך איז ער געקומען צו איין אָרט וואו עס האט זיך איהם געדאכט דאס אַ גאנצע באַנדע שונאים קומען איהם אַנטקעגין. דאָרט האט ער זיך אַ שטעל געטהון, און האט זיך אנגעהויבין צו בעזיננען, וואס איז אַם בעסטען צו טהון? עפעס איז איהם דאמאלסט דורך־געפלויגין אַ געדאנק דורך'ן מוח, זיך צוריק אומצוקעהרין. דערנאך אבער האט ער זיך גוט בערעכינט, און צו זיך געזאגט: עס קען דאָך זיין, דאס איך בין שוין איבערגעקומען האלב וועגס פון דיעזען טהאָל!—ער האט זיך אויך דערמאנט וויא ער איז שוין איבערגעקומען אַזוי פיעל סכנות און זייא מנַצֵח געווען; און דערבייא האט ער זיך אויך בעקלעהרט, דאס דיא געפאהר איצט צוריקצוגיין וועט אפשר נאָך גרעססער זיין, וויא דיא סכנות, וועלכע זיינען פון דאָרט־אָן און ווייטער. נון האט ער בעשלאָססין בעססער פאָרוועטס צו גיין. נאכ־דעם אבער האט עס איהם זיך דאָך געדוכט, דאס דיא שונאים קומען אלץ נאָהענטער צו צו־איהם; אבער וויא זייא זיינען שוין כמעט נעבין איהם געוועזין, האט ער מיט אַ געוואלדיגען קול אַ געשרייא געטהון: איך גייא מיט דיינע קראַפט, הערר גאט!—אַזוי זיינען זייא אוועק צוריק און זייא זיינען שוין מעהר ניט געקומען.

נאָך איינס וויל איך דאָך ניט פארפעהלין פון צו

דערציילן, וועלכעס וועט זייער אינטערעססאַנט זיין. איך האב באמערקט דאס דער ארימער משיחי איז דאָרט אַזוי שטארק צוטומעלט געוועזן, דאס ער האט ניט אמאל דערקענט זיינע אייגינע שטימע. דאס האב איך באמערקט, אָט גראד דאַמאלסט, ווען ער איז פֿארבייא געגאנגען פֿאר דיא מויל פֿון דער ברענענדיגען גרוב. דאָרט איז איהם איינער פֿון דיא רשעים נאכגעגאַנגען אונטער זיינע פלייצעס, און האט שושקענדיג אין משיחי׳ס אויערין געשפּראָכען דיא שרעקליכסטע לעסטערונגען געגען גאט ב״ה. און דער ארימער משיחי האט ווירקליך געדענקט דאס פֿון זיין הארץ גייען ארויס אָט דיא שלעכטע געדאנקען. דאס האט משיחי׳ן ביטטערע שמערצין אנגעמאכט, דאס איז געוועזן מעהר פֿון אללעס, וואס ער האט געהאט אויסצושטיין אויף זיין וועג; זיין האַרץ האט איהם שרעקליך ווייא געטהון, דענקענדיג דאס ער (משיחי) האט חלילה געלעסטערט איהם, אָט דעם וועלכען ער האט אַזוי שטארק געליעבט.

אַזוי פֿיעל איז געוויסס, וואָלט משיחי געקענט אנדערש טהון וואָלט ער עס געוויסס געטהון; אבער איהם האט דאַמאלסט געפֿעהלט דער רעכטער זינען, ענטוועדער זיינע אויערין צו פֿאַרשטאָפּען אַזעליכעס ניט צו הערין, אדער זיך ארומצוזעהען פֿון וואַנעט דיא לעסטערונגען קומען.

וויא משיחי איז אַזוי ווייטער געגאנגען אַ היבשע ווייל, אין דעם טרויעריגען צושטאַנד, איז איהם פֿאָרגעקומען וויא ער הערט אַ קול פֿון איינעם וואס גייט אויף׳ן וועג פֿאָראויס, און זאגט: „און ווען איך גייא אפילו אין טאָהל טויט־שאָטען שרעק איך מיר ניט פֿאר קיין אומגליק, דען דוא ביסט מיט מיר.״ איצט איז משיחי׳ן פֿרייליכער געוואָרין אויף׳ן הארצין, און טאקי דערפֿאר:—

ערשטינס, וויל ער האט זיך דערפֿון איבערצייגט, דאס

אויך אנדערע גאט'ס פּירכטיגע מענשין, זיינען דאָ אין דעם טאָהל, גלייך וויא ער.

צווייטינס, ווייל ער האט ארויסגעזעהן, דאס גאט איז מיט זייא אויך אין דיעזען פֿינסטערין און טרויעריגען אָרט; „און וואָרום ניט אויך מיט מיר?"—האט ער בייא זיך געקלעהרט —„איך קען עס נאָר איצט נאָך ניט זעהן איבער דיא פֿינסטערנים וועלכע איז דאָ אין טאָהל."

דריטענס, ווייל ער האט געהאָפּט, ווען ער זאל זייא נאָר קענען דערגרייכין, וועט ער באלד האבין רייזע ברידער אויף'ן וועג.

אַזוי איז ער געגאנגען אימער ווייטער און האט גערופֿען צו דעם, וועלכער איז פֿאראוים געוועזן. יענער אבער האט ניט געוואוסט וועמען ער זאל ענפֿערין, ווייל ער האט אויך גערעכינט דאס ער איז אליין אין טאָהל.—באלד האט אבער אנגעהויבין צו טאָגין און משיחי'ן איז עס אלץ ליכטיגער און ליכטיגער געוואָרין. דאמאלסט האט משיחי געזאגט: „ער האט פֿארקעהרט דעם טויט־שאָטין צום מאָרגען־ליכט," (אדער: „ער האט אויס דער פֿינסטערנים פֿריהמאָרגען געמאכט:" *)

וויא עס איז שוין רעכט טאג געווארין, האט משיחי הינטער זיך אַ בליק געטהון, ניט חלילה קלערענדיג זיך צוריק אומצוקעהרין, אָ ניין! נאָר אום צו זעהן דורך וואס פֿאַר אַ סכנות ער איז אין דער פֿינסטערנים דורכגעגאנגען; און אַזוי האט ער נאך דייטליכער געזעהן דעם תהום אויף דער איינער זייט און דעם זומפּ אויף דער צווייטער זייט פֿון וועג. ער האט אויך געזעהן וויא שמאָל דער וועג איז, וועלכער האט איהם געפֿיהרט צווישען דעם תהום און זומפּ; אויך האט ער געזעהן פֿון גאנץ ווייט דיא לֵצים, דיא וואלד־

---

* זעה איוב ט' י"א, און עמוס ה' ח'.

שֵׁדים און דיא פֿליהענדיגע שליינג פֿון תהום; דען חאָטש ביים טאג האבין דיא רוחות קיין שליטה ניט, און זייא האבין ניט געקענט זיין נאהענט צו איהם, דאָך האט ער זייא ביים ליכט בעססער געקענט זעהן. אַזוי וויא עס שטייט געשריבען: „ער דעקט אויף דאס טיעפֿע פֿון דער פֿינסטערנים, און ברייננגט ארויס, ביים ליכט, דיא טויט־שאָטין." *

איצט איז משיחי'ס האַרץ פֿולל געווארין מיט דאנק צו גאט ב"ה, אויף דיא רעטטונג פֿון דיא אללע סכנות, אָט פֿון דעם שרעקליכען טאָהל; אַזעליכע סכנות, וואס אמת ער האט זיך פֿריהערט פֿאר זייא געשראָקין, אבער נאך דייטליכער האט ער זייא איצט געזעהן.—און דיא זון איז איהם איצט אויפֿגעגאנגען; דאס איז ווידער אַגרויסער חסד געוועזן פֿאר משיחי'ן. דען איהר מוזט וויססען, אמת, דער ערשטער טהייל פֿון טאָהל טויט־שאָטין איז געוועזן גענוג סכנה'דיג, אבער דער צווייטער טהייל—וועלכען משיחי האט נאך געדארפֿט גיין פֿון דאָרט וואָ ער איז איצט געשטאנען ביז צום ענדע פֿון טאָהל—איז נאך געוועזן פֿיעל מסוכן'דיגער. אָט דיא שטיק וועג, וועלכע ער האט נאך געהאט פֿאַר זיך, איז אויף איין זייט פֿולל געוועזן מיט נעצין און שטריק וועלכע פֿאַרפלאָנטערין דיא פֿים און מאכין פֿאַללען, און אויף דער צווייטער זייט פֿולל מיט טיעפֿע לעכער, גריבער, טרעפּ, משופּע'דיגע בערגאַלאַך א. ז. וו. יאָ, ווען עס וואָלט דאָ אַזוי פֿינסטער געוועזן וויא אויף דער ערשטער העלפֿט וועג פֿון טאָהל, וואָלט משיחי געוויסס אומגעקומען; ווען ער וואָלט אויך טויזינד נשמות אין זיך געהאט וואָלט ער זייא דאָרט אללע פֿערלאָרין. איצט אבער איז דיא זון איהם אלץ מעהר אויפֿגעגאנגען און משיחי האט מיט פֿרייד געזאגט „זיין ליכט שיינט אויף מיין קאָפּ, פֿאַר זיין ליכט גייא איך אין דעם אָרט פֿון פֿינסטרנים."**

---

* איוב י"ב כ"ב.

** איוב כ"ט ג'.

ביים ליכט איז משיחי געקומען ביז צום ענדע פֿון טאָהל.
—און איצט האב איך געזעהן אין חלום, דאס ביים גרענעץ פֿון טאָהל זיינען געלעגען ביינער, בלוט, אַש, און צוריססענע קערפּערס פֿון מענשין, טאַקי פֿון רייזענדער וועלכע זיינען אַמאָל אָט דיעזען וועג געגאנגען. און וויא איך האב אַזוי איבער דעם נאָכגעדענקט, וואס קען עס זיין? האב איך באמערקט ניט וויט פֿון דאָרט אַ הייל וואס אין איהר האבין פֿאַרצייטין געוואָהנט צוויא ריעזען (מענשין-פֿרעססער) „פאפסט" און „טערק"; וואס דורך זייערע ווילדקייט און אכזריות, האבין אַ סאך רייזענדער זייער לעבין פֿארלאָרין. אבער צו מיין גרויס וואונדערונג, משיחי איז יענעם אָרט פֿארבייגעגאנגען אָהן סכנה.

זייט דאמאלסט האב איך ערפֿאהרען דאס „טערק" איז שוין זייט אַ צייט טויט, און דאס דער אנדערער, האטש ער איז נאָך ביים לעבין* אבער איבער זיין אַלטקייט און וועגען פֿיעל קלעפּ וואס ער האט אין דער יוגענד אריינגעכאַפּט, איז ער אַזוי אויסגעוועפּט, גייסט-שוואַך און געלעהמט אויף דיא גלידער, דאס ער קען שוין מעהר גאר ניט טהון וויא נאָר זיצען בייא דער טהיר פֿון דער מְעָרָה און קריצען מיט דיא ציין ווען דיא רייזענדער גייען פֿארבייא; און פֿאר ערגערנעש וואס ער קען צו זייא ניט צו קומען, זיך צו בייסין דיא נעגיל.

און אַזוי האב איך געזעהן דאס משיחי איז אויף זיין

---

* דער מחבר JOHN BUNYAN, האט געלעבט פֿאַר אַ פאר הונדערט יאָהר ווען מען האט נאָך אויף'ן פּאַפּסט געקענט זאגין דעם אויסדרוק „ער איז נאָך ביים לעבין." ווען דער מחבר וואָלט היינט זיין ספר געשריעבען וואָלט ער געוויסס געזאגט דעם אויסדרוק „ער דזשיפעט נאָך." די לנבון.

וועג ווייטער געגאנגען בשלום; חאטש ווען ער האט דאָרט דערזעהן דעם אלטען מאַן זיצענדיג בייא דער טהיר פֿון זיין לאָך, האט ער ניט געוואוסט וואס דאס בעדייט; בפרט ווען דער אלטער—חאטש ער האט איהם קיין לייד ניט געקענט טהון, האט ער דאָך צו איהם געזאגט: „עס וועט מיט אייך קיינמאל ניט בעססער ווערין ביז עס וועלין נאָך מעהרערע פֿון אייך פֿארברענט זיין.” משיחי אבער האט געשוויעגען; ער האט איהם אנגעקוקט מיט קורראַזש, און איז אַזוי רוהיג פֿארבייגעגאנגען, און איז פֿון איהם גאר ניט נֶזוק געווארין.

ענדליך האט זיך עס בייא משיחי'ן פֿריילאך געזונגען:

אָ וועלט וואונדער!—קען איך דען אנדערש זאגין?
ווען איך בין גערעטטעט פֿון טויט, פֿון פלאָגין!
אָ, געבענשט זאל זיין, דיא גנאַדען פֿוללע האַנד
וואס האט מיך ארויסגעפֿיהרט פֿון וויסטען לאַנד
פֿון פֿינסטערנים, שֵׁדים, זינד און אלער נויט
פֿון סכנות וועלכע בריינגען נאָר דעם טויט
יאָ, פֿון פֿאַנג־שטריק, לעבער, גריבער, בייזע מאכט
וועלכע וואָלטין פֿון מיר איין ענדע געמאכט
מיך אונווירדיגען, געווים טויט דערשלאגין!
אבער איך לעבן!—זאל ישוע דיא קרוין טראגין!

# צעהנטעס קאפיטעל.

דיא משיחי איז אויף זיין וועג ווייטער געגאנגען, איז ער צוגעקומען צו איין אָרט וואס דאָרט איז געווען אַ בערגאַלע וועלכער איז דאָרט געמאכט געווארין צום צוועק, דאס דיא רייזענדער זאלין פֿון דער הויך זעהן דעם וועג וואס זייא האבין נאָך פֿאר זיך. און דארום איז משיחי ארויפֿגעשטיעגען אויף דעם בערגאַלע, און אַזוי קוקענדיג האט ער דערזעהן פֿאר זיך גֶאֱמָן'ען, וועלכער האט זיך בעפֿונדען אויף דער רייזע. גלייך האט משיחי אויסגעשריען: אָ, אָ, וואַרט, שטייא אַ ווײַלע, איך וויל מיט דיר צוזאמען גיין! און נאמן האט זיך דערבייא ארום־געקוקט; און משיחי האט ווייטער געשריען: וואַרט, וואַרט, ביז איך וועל צו דיר צוקומען! אבער נאמן האט געענפֿערט: ניין, איך קען ניט שטיין, אַ ווײַלע ניט; ווייל דער גואל־הדם איז אונטער מיינע פלייצעס! דאס האט משיחי'ס הארץ זייער אויפֿגעריהרט; און לויפֿענדיג מיט אללע זיינע קרעפֿטין איז משיחי צו נאמן'ען באלד צוגעקומען און איז איהם נאָך איבערגעלאָפֿין, דאס דער לעצטער איז איצט געווען דער ערשטער.

זיך זעלבסט געפֿעללענדיג האט משיחי איצט געשמייכילט, דענקענדיג דאס ער האט זיין ברודער איבערגעיאָגט. אבער דערבייא האט משיחי ניט גוט אכטונג געגעבין וואו ער שטעלט זיינע פֿיס; און אַזוי האט ער זיך אויסגעגליטשט און איז אומגעפֿאללען, און ער האט זיך ניט געקענט אויפֿהייבין, ביז גֶאמָן איז צו איהם צוגעקומען איהם צו העלפֿען.

פֿון דאנעט און ווייטער, האב איך געזעהן אין חלום,

וויא זייא זיינען זיך געגאנגען צוזאממען און האבין צווישען זיך געשפראכין איבער אללעס וואס איז מיט זייא פֿאָרגעגאנגען אויף זייער רייזע. משיחי האט אנגעהויבין דאס געשפרעך אַזוי:

מיין טייערער און ליעבער ברודער נאמן, עס איז מיר אַ פֿרייד דאס איך בין צו דיר צוגעקומען, און דאס גאט ב"ה האט אונזערע זעעלען אַזוי גלייך געמאכט, דאס מיר קענען צוזאממען, וויא ליעבע גוטע פֿריינד, מאכען דיא פֿערגניגען־פֿוללע רייזע.

נאמן: איך האב געדאכט, ליעבער פֿריינד, פֿון אונזער שטאדט־אויס מיט דיר צוזאמען צו רייזין, אבער דוא ביסט מיר פֿאָראויס געגאנגען; און אַזוי בין איך געצוואונגען געווען ביז אַהער אַ גרויס שטיק וועגס אליין צו גיין.

משיחי: נאך מיין אַוועק־גיין, וויא לאַנג האסטו זיך נאָך אויפֿגעהאלטין אין דער שטאדט „פֿארדאָרבין" ביז דוא האסט זיך בעשלאססין דיעזען וועג, וויא איך, צו רייזין?

נאמן: ביז איך האב שוין לענגער דאָרט ניט געקענט פֿערבלייבין. דען גלייך נאָך דיין אַוועק־גיין, האט זיך זייער שטארק געהערט דאס אונזער שטאדט וועט באלד ביז צום גרונד פֿארברענט ווערין דורך אַ פֿייער פֿון היממעל.

משיחי: וויא? האבין דיינע שכנים אַזוי צווישען זיך געשפראכין?

נאמן: יאָ, אַצייט איז דאס געווען בייא יעדען אין מויל.

משיחי: וויא? און דאָך האט זיך אויסער דיר קיינער ניט בעשלאססין פֿון דער סכנה צו אנטלויפֿין?

נאמן: האטש, וויא געזאגט, עס איז דערפֿון געווען אַ גרויסע ריידע, דאָך דענק איך ניט דאס מען האט עס ווירקליך געגלויבט; דען אין היטציגען געשפרעך האב איך געהערט וויא דיא לייט ריידין פֿון דיר און פֿון דיין טרויעריגע רייזע — אַזוי האבין זייא דיין רייזע גערופֿען. — אבער

איך האב געגלויבט און גלויב זיכער, דאס דיא ענדע פֿון אונזער שטאדט וועט זיין פֿייער און שוועביל פֿון הימעל, און דארום איז עס מיר געפֿעללען אָם בעסטען צו אנטלויפֿין.

משיחי: האסטו ניט געהערט ריידין פֿון אונזער שכן שוואַך־גייסט?

נאמן: יאָ, משיחי, איך האב געהערט דאס ער איז דיר נאכגעגאנגען ביז צום זומפּ „פֿערצווייפֿלונג." איינינע האבין געזאגט, דאס ער איז דאָרט ארייגעפֿאללען; אבער ער האט דאס אפגעלייקינט. איך אבער בין דערפֿון איבערצייגט געוועזן, דען ער איז אויסגעשמירט געוועזן מיט יענע שמוץ און בלאָטע.

משיחי: און וואס האבין דיא שכנים צו איהם געזאגט?

נאמן: זייט ער האט זיך צוריקגעקעהרט איז ער בייא יעדין צום געלעכטער און צום שפּאָטט געווארין. אָ, פֿיעלע שפּאָטטין און שענדין איהם, און כמעט קיינער וויל איהם ניט געבין קיין ארבייט. עס איז איצט מיט איהם זיעבען מאהל שלעכטער אלס ווען ער וואָלט גאר ניט אנגעהויבין פֿון דער שטאדט ארויס צו גיין.

משיחי: אבער וואָרום אייגענטליך זיינען זייא דען אַזוי אויפֿגערייצט אויף איהם, ווען זייא אליין ליעבען ניט דעם וועג וועלכען ער האט פֿארלאזין?

נאמן: אָ, — זאגין זייא — דיא תליה איז פֿאר איהם נאָך צו וויינינ! ער איז אַ מענש וועלכער וואָקעלט זיך הין און צוריק; ער איז ניט געטרייא געבליעבען צו דאס, וואס ער האט מודה געוועזן. איך גלויב, גאט האט זאגאַר זיינע פֿריינד געגען איהם אויפֿגערייצט, איהם צו פֿערשפּאָטטען און אויס איהם איין שפּרוכוואָרט צו מאכין, ווייל ער האט דעם הייליגען וועג פֿארלאזין (ירמיה כ"ט י"ח—י"ט).

משיחי: האסטו מיט איהם ניט געשפּראכין בעפֿאָר דוא ביסט פֿון „פֿארדאָרבין“ אוועק?

נאמן: איך האב איהם איינינע מאהל אין דיא גאַססין בעגעגענט, אבער ער האט זיך אימּמער פֿערהאַפּט אין דער אנדערער זייט, וויא פֿארשעמט איבער דאס וואס ער האט געטהון; און אַזוי איז מיר ניט אויסגעקומען מיט איהם צו ריידין.

משיחי: יאָ, ווען איך בין ארויס אין וועג האב איך איבער איהם גוטע האָפֿפֿנונגען געהאט, אבער איצט האב איך מורא דאס ער וועט טאקי אומקומען ביים אונטערגאנג פֿון אונזער שטאדט. דען מיט איהם גייט עס וויא שלמה המלך האט געזאגט: „דער הונד עססט נאכאַמאהל דאס, וועלכעס ער האט אויסגעשפּיעגען, און דער געוואשענער חזיר פּאס־קודעט זיך ווידער איין אין דער בלאָטע.“

נאמן: איך האב אויך אַזוי מורא; נאָר אבער ווער קען פֿערמיידין דאס וואס וועט זיין?

משיחי: נוא, פֿריינד נאמן, לאמ׳מיר איהם איצט לאזין אָן־אַזייט, און לאמ׳מיר בעססער ריידין פֿון זאכין וועלכע אונז זעלבסט אָנגיין. זאג מיר נאָר, פֿריינד, מיט וואס און וועלכעס האסטו זיך אויף דיין וועג בעגעגינט? דען איך וויים, דאס דיר זיינען געוויסס זעלטענע זאַכין פֿאר דיא אויגין אנטקעגין געקומען; ווען ניט, דאַרף מען עס נאָר בעשרייבין אלס איין וואונדער.

נאמן: דעם זומפּף בין איך גליקליך פֿאָראיבער, אין וועלכען דוא—וויא איך מערק—ביסט ארייננעפֿאללען; אויך בין איך צו געקומען צום קליינעם טהויער׳ל אהן יענע געפֿאהר וועלכע האט דיר דאָרט בעגעגענט. נאָר אבער האב איך מיר בעגעגענט מיט איינע, וועלכע הייסט „תאוה,“ און איך בין שיער פֿון איהר נזוק געווארין.

משיחי: אָ, וואָהל איז דיר דאס דוא ביסט נצול געווארין פֿון איהר נעץ! יוסף הצדיק איז דורך איהר אין סכנה געקומען און איז פֿון איהר נצול געווארין וויא דוא, אבער עס האט איהם שיער זיין לעבין געקאָסט. דאָך וואָלט איך וועלין וויססען, וואס האט זיא דיר געזאגט?

נאמן: דוא קענסט זיך עס גאר ניט פֿאָרשטעללען (סיידין דוא האסט איהר אליין אין דיין לעבין באגעגענט), וואס פֿאר אַ גלאַטין צינגאַלע זיא האט! זיא האט זיך אין מיר איינפֿאַך איינגעגעססין, איך זאל מיט איהר זיין, און זיא האט מיר צוגעזאגט אלערלייא פֿריידין.

משיחי: אבער פֿרייד אין דער נשמה, אַ צופֿריעדענעם הארץ, האט זיא ניט געהאט צוצוזאגין!

נאמן: דוא פֿארשטייסט דאָך גוט, איך מיין, זיא האט מיר צוגעזאגט קרעפֿטליכע פֿריידין (תענוגי הבשר).

משיחי: געלויבט איז גאט דאס דוא ביסט ארויס פֿון איהרע ד׳ אמות! „דעם, וועלכען גאט איז אונגענײדיג, דער פֿאַללט אריין אין איהר גרוב״ (משלי כ״ב י״ד).

נאמן: אָבער, איך וויים ניט צו איך בין גאַנץ ריין ארויס פֿון איהר. *

משיחי: דוא ביסט דאָך געוויסס ניט איינגעוויליגט געוועזן מיט איהר פֿערלאנג!

נאמן: טאָקי ניין, ווייל איך האב מיר דערמאנט אָן דאס וואס איך האב געלעזין אין איין אלטען ספר, אַזוי: „איהרע

---

* דער מחבר לייגט דיעזע ווערטער אריין אין נאמן׳ס מויל, צו זאגין דאס נאמן פֿיהלט אין זיך, חאטש ער האט דעם רצון פֿון דער תאוה ניט געפֿאָלגט, און האט בפועל קיין זינד ניט בעגאנגען, אבער באותו רגע ווען ער האט זיך מיט תאוה׳ן בעגעגינט האט זיא אויף איהם מיט איהר גלאַטין צונג איין איינדרוק געמאכט, און ער האט צו פֿיהלען דעם רייץ וואס תאוה האט אין זיין הארץ געמאכט צו זינדיגען. די לנבון.

פיס לויפין ארונטער צום טויט, איהרע טריט צו דער העל״ (משלי ה׳ ה׳), און דארום האב איך מיינע אויגין פערשלאססין, איך זאל ניט געפאנגען ווערין פון איהרע בליקען. און וויא זיא האט דאס געזעהן האט זיא מיך אויסגעלאכט, פערשפאטעט; און איך בין מיר געגאנגען מיין וועגס.

משיחי: האסטו ניט באגעגענט נאך אנדערע שוועריגקייטין אויף דיין וועג?

נאמן: אזוי וויא איך בין צוגעקומען צום פוס פון יענעם בארג וועלכען מען רופט, „שוועריגקייטין,״ האב איך מיר דארט בעגעגענט מיט איין גרייז־גראען מאן, וועלכער האט מיך געפרעגט ווער איך בין, און וואהין איך גייא? איך האב איהם געזאגט, דאס איך בין איין רייזענדער וועלכער וויל צוקומען צו דער הימלישע שטאדט. דארויף האט זיך דער אלטער אפגערופען: דוא שיינסט איין עהרליכער מאן צו זיין, וואלסטו וועלין וואהנען בייא מיר און צופריעדען זיין מיט דעם געהאלט וואס איך וועל דיר צאהלין?—אזוי האב איך איהם געפרעגט וויא ער הייסט און וואו ער וואהנט? ער האט מיר געענפערט דאס זיין נאמען איז „אדם הראשון״ און דאס ער וואהנט אין דער שטאדט „ליגען און בעטריגען״ (אפסיים ד׳ כ״ב). איך האב איהם ווייטער געפרעגט, וואס איז זיין געשעפט און וואס פאר א געהאלט ער האט מיר בדעה צו געבין?— „מיין געשעפט״—האט דער אלטער געזאגט—„בעשטייט פון פיעלע תענוגים; און דיין געהאלט וועט זיין, דאס דוא וועסט צום לעצט זיין מיין יורש.״ איך האב איהם ווייטער געפרעגט איבער דיא פיהרונג פון זיין הויז און איבער דיא אנדערע דיענערס וועלכע ער האט. און אזוי האט ער מיר דערציילט דאס זיין הויז איז פול מיט אללע לוסטיגקייטין דער וועלט, און דאס זיינע דיענער זיינען טאקי זיינע אייגענע קינדער און קינדס־קינדער. דארויף האב איך בייא איהם געפרעגט,

וויפּיעל קינדער ער האט? און ער האט מיר געענטפערט דאס ער האט נאָר דרייא טעכטער (זייא הייסען) „פּלַיישֶׁעס־לוסט,“ „אויגען־לוסט,“ „לוסטיגעס־לעבען“ (הראשונה ליוחנן ב׳ ט״ז). און ווען עס דיר געפעללט, — האט דער אַלטער צו מיר וויטער געזאגט — קענסטו איינע פון זייא האבען פאַר אַ ווייב. און צום לעצט ווען איך האב איהם געפרעגט, וויא לאַנג ער וועט מיר בייא איהם וואָהנען לאָזין? האט ער מיר געענטפערט, וויא לאַנג ער וועט לעבין.

משיחי: נוא, און ענדליך צו וועלכעס האט איהר אייך בעשלאָססען?

נאמן: אנפאַנגס האט זיך מיר טאַקי שטארק געוואָלט מיט דעם מאַן צו גיין; דען איך האב געגלויבט ער רעדט זייער שיין און גוט. אבער דערנאך, אַזוי רייידינדיג, וויא איך האב מיר גוט צוגעקוקט צו זיין שטערין, האב איך דאָרט דערזעהן אָנגעשריעבען דיזע ווערטער: „ווארפט אראָפּ פון זיך דעם אַלטען מענש מיט זיינע מעשים.“

משיחי: נוא וואס׳זשע איז דאַרויס געוואָרין?

נאמן: דאַן האט עס אין מיר אָנגעהויבין צו ברענען וויא אַ פייער; איך האב מיר גוט בעקלעהרט, ער מעג זאגין וואס ער וויל, און ער מעג חנפה׳נען וויפּיעל ער וויל, ווען ער וועט מיר נאָר אין זיין הויז פערשלעפען, וועט ער מיר פאַר איין סקלאַוו פערקויפען. אַזוי האב איך איהם געזאגט, ער זאל מעהר קיין וואָרט צו מיר ניט רייידין, דען איך וועל ניט צוטרעטין צו דיא טהיר פון זיין הויז.

דאַרויף האט ער מיר אויסגעלאַכט און האט צו מיר געזאגט דאס ער וועט מיר איינעם אונטערשיקען, וועלכער וועט מיר מיין וועג פערביטטערין און שווער מאַכין, דאס עס זאל דריקען מיין זעעלע. אַזוי האב איך מיר אָפּגעקעהרט פון איהם אום צו גיין מיין וועג וויטער. אבער גראַד דאַמאַלסט

האב איך דערפֿיהלט וויא ער האַלט מיין קערפּער פֿעסט, און וויא ער וויל מיך צווינגען מיט אַללע זיינע קרעפֿטין, איך זאָל צוריק בלייבין; אַזוי שטאַרק איז זיין האַנד איבער מיר געווען, דאס עס האט זיך מיר אויסגעוויזען דאס ער האט פֿון מיר אַ שטיק קערפּער אָפּגעריססען. דאס האט מיר געמאַכט שרייען „וויא מיר, איך אונגליקליכער מענש!" און דאַן בין איך מיר געגאַנגען מיין וועג באַרג אַרויף.

אַלס איך בין האַלב וועגס אָפּגעגאַנגען, האב איך מיר אַרומקעקוקט און געזעהן וויא איינער לויפֿט מיר נאָך, אַזוי האַסטיג וויא דער ווינד; און ער האט מיך דעריאָגט פונקט ביים אָרט וואו דיא סוכה שטייט.

משיחי: אַזוי, טאַקי פונקט דאָרט האב איך מיר צוגעזעצט אָפּצורוהען, אבער דאָרט שלאָפֿענדיג האב איך פֿאַרלאָרין מיין מגלה, ווייל זיא איז מיר דאָרט פֿון בוזים אַרויסגעפֿאַללען.

נאמן: אבער, גוטער ברודער, לאָז דאָך מיך ווייטער דערציילען! תיכף וויא דער, וועלכער איז מיר נאָכגעלאָפֿען, האט מיך דעריאָגט, און נאָך איידער אַ וואָרט צו ריידין האט ער מיך אַנידערגעשליידערט און האט מיך וויא טויט אַנידערגעלעגט. אַלס איך בין ווידער אַביססעל צו זיך געקומען, האב איך איהם געפֿרעגט: וואַרום אייגענטליך בעהאַנדעלסט דוא מיך אַזוי שרעקליך?" „וועגען דעם"—האט ער שטרייננג געזאגט—„ווייל אין האַרצין ווילט זיך דיר בלייבין מיט'ן אדם הראשון!"—און דערבייא האט ער מיר נאָך אַמאָהל אַ טייטליכען קלאַפּ געגעבין אויף'ן האַרצין, און האט מיך אוואָרף געטהון צו דער ערד; און אַזוי בין איך געלעגען פֿאַר איהם וויא טויט. ווען איך בין ווידער אַמאָהל צו זיך געקומען, האב איך געשריען אום רחמנות און גנאַדע! ער אבער האט געענפערט „איך ווייס פֿון קיין רחמנות און פֿון קיינע גנאַדע!" און מיט דיעזע זיינע ווערטער

ריידענדיג האט ער מיך נאָך אַמאָהל אַניעדערגעשליידערט. אָך, ער וואָלט דאָרט פֿון מיר געווים אַ סוף געמאַכט, ווען איינער וואָלט ניט צוגעקומען, וועלכער האט איהם בעפֿאָהלען אָפּצולאָזין.

משיחי: ווער איז דאס אייגענטליך געווען וועלכער האט איהם בעפֿאָהלען אָפּצולאָזין?

נאמן: אַם אַנפֿאַנג האב איך איהם טאַקי ניט דערקענט, וויא אבער ער איז פֿאָרבייא געגאנגען האב איך דערזעהן דיא לעבער פֿון דיא וואונדען אין זיינע הענד און אין זיין זייט, דאַמאָלסט ערשט האב איך פֿערשטאנען דאס דיעזער איז טאַקי אונזער הערר, און אַזוי בין איך געגאנגען אַרויף דעם בארג.

משיחי: דער מאַן וועלכער האט דיר אָנגעזאָגט דאס איז משה דער געזעץ-געבער, ער לאָזט קיינעם ניט אונבעשטראָפֿט אויך ווייס ער ניט פֿון קיין רחמנות צו אַזעליכען וועלכער איז עובר אויף זיין געזעץ.

נאמן: איך ווייס עס זייער גוט, דען עס איז ניט געווען דאס ערשטע מאָהל דאס ער האט זיך מיט מיר בעגעגינט: ער איז דער, וועלכער איז צו מיר געקומען נאָך אין דער צייט ווען איך בין נאָך געווען אין „פֿאַרדאָרבען," און וועלכער האט מיר געזאָגט, דאס ער וועט מיין הויז איבער מיין קאָפּ פֿאַרברענען ווען איך וועל דאָרט פֿערבלייבין.

משיחי: אבער האסטו ניט געזעהן דאס הויז דאַרט אויף'ן שפּיץ פֿון בארג, וואס דאָרט אין דער זייט פֿון הויז, האסטו זיך מיט משה'ן בעגעגינט?

נאמן: יאָ טאַקי, אויך זאָגאַר דיא צוויא לייבין בעפֿאָר איך בין פֿאָר דאס הויז צוגעקומען. אבער מיר שיינט, דיא לייבין האבין דאַמאָלס געשלאָפֿין, וויל עס איז געווען מיטטאָג צייט; און וויל איך האב נאָך פֿאר מיר געהאט אַ גרויסין

טאָג, בין איך פאַרבייא געגאנגען פאָר דעם טהויער־וועכטער און בין מיר אַראָפּגעגאנגגען דעם באַרג.

משיחי: דער טהויער־וועכטער האט מיר טאַקי געזאגט דאס ער האט דיר געזעהן פאַרבייא גיין. אבער איך וואָלט מעהר צופריעדען געווען ווען דוא וואָלסט דאָרט אין הויז געווען; דען דאָרט וואָלט מען דיר געוויעזען אַזעליכע זעלטענ־הייטין וועלכע דוא וואָלסט געוויסס קיינמאָהל ניט פאַרגעססין. אבער איך בעט דיר, זאָג מיר, האסטו קיינעם ניט בעגעגינט אין דעם טאַהל „עֲנָוָה?"

נאמן: יאָ, איך האב מיך בעגעגינט מיט איינעם „אונצופריעדען," וועלכער האט מיר זייער געוואָלט איבער־ריידין זיך מיט איהם צוריק אומצוקעהרין. זיין טענה איז געווען, דאס אין גאַנציען טאָהל איז ניטאָ אָט אַ האָר כבוד! „נאכמעהר," האט ער געזאגט, „דאס אום צו גיין אין דיעזען טאָהל ענוה מוז איך מיר שיידין פון אַלע מיינע פריינד „שטאָלץ," „עזות," „זעלבסט־איינבילדונג," „וועלט־כבוד"; און נאָך מעהרערע אַזעליכע פריינד, מיט וועלכע איך בין זייער גוט פערקניפּט און פערבונדען; און איך מוז אויך זייער בעליידיגט ווערין ווען איך זאל זיך אַזוי נאַריש מאַכין זיך דורך צו וואַלגערין דורך דעם גאַנציען טאָהל.

משיחי: נוא וואס האסט דוא איהם געענפערט?

נאמן: איך האב געזאגט, דאס חאָטש דיא אַלע זיינע פריינד זיינען טאַקי מיינע קרובים, דען זייא זיינען אייגענטליך נאָהענטע צו מיין פלייש און לייב, אבער זייט דעם דאס איך בין געווארין אַ רייזענדער צו דער הימלישע שטאָדט, האבין זייא זיך פון מיר פון קְרובָה'שאַפט אָפּגעזאגט, און איך האב זייא אויך מְמַאֵס געווען. און דאָרום זאגין זייא מיר איצט קיין וואָרט ניט מעהר, גלייך וויא זייא וואָלטין זיך גאָר קיינמאָהל מיט מיר ניט אָנגעקעהרט. אויסערדעם, האב

איך איהם בעמערקט, דאס ער פֿארשטייט אייגענטליך גאָר ניט דיא זאַך אויף ריכטיג; דען „איידער כבוד קומט, מוז זיין עֲנָוָה, און איידער איין פֿאַלל קומט, איז גרויסקייט" (משלי ט"ו י"ח *). און דאַרום, האב איך ענדליך געזאגט, וויל איך ליעבער גיין אין ענוה אום צו צוקומען צום אייביגען כבוד, וועלכער איז אַזוי געליבט פֿון דעם קלוגסטען אונטער דיא מענשין, איידער צו וויילען אַזעליכעס, וועלכעס שיינט בייא „אונצופֿריעדען" דאס בעסטע אין דער וועלט צו זיין.

משיחי: האסטו קיין אַנדרין מעהר בעגעגינט אין טאָהל?

נאמן: יאָ, איך האב מיך בעגעגנט מיט בּוּשָׁה'ן. און איך קען דיר זאגין, דאס פֿון דיא אַלע, וועלכע איך האב בעגעגינט אויף דער רייזע, איז ער דער יעניגער, וועלכער ווערט גערופֿען מיט איין אונריכטיגען נאָמען; דען דיא אנדערע איז מעגליך געווען אַוועקצומאַכין מיט אייניגע וִכּוּחִים אדער פֿערשטענדליכע ווערטער, אבער מיט דיעזען אונ־פֿאַרשעמטין בושה איז גאָר ניט מעגליך געווען פֿאַרטיג צו ווערין.

משיחי: וואַרום? וואס האט ער דיר דען געזאגט?

נאמן: אָט ער איז גענצליך געגען דיא רעליגיאָן זעלבסט. ער האט געזאגט, עס איז איינפֿאַך אַ בושה און אַ חֶרְפָּה און יאָממערליך פֿאַר אַ מענשין זיך מיט רעליגיאָן אָפּצוגעבען; עס איז איינפֿאַך ניט מענשליך אין זיך איין עדלעס געוויססען צו טראָגין; און—נאָכמעהר האט ער געזאגט—אַ מענש זאל אויף זיך אַזוי שטאַרק דאַרפֿין אַכט געבין וואס ער טהוט און וויא אַזוי ער לעבט, דאס ער זאל זיך דאַרפֿין אָפּזאגין פֿון דיא העלדישע פֿרייהייטין, וועלכע דיא שטאַרקע גייסטער

---

*) מען קען דעם פסוק אין משלי אַזוי איבערזעצען „ענוה איז איידער כבוד קומט, און גרויסקייט קומט פֿאָר דעם פֿאַלל").

פֿון אונזער צייט האבין פֿאַר זיך געלאָזין—דאס וועט דעם מענשין מאַכין צום שפּאָט בזמן הזה בייא דער גאַנצען וועלט. נאָכמעהר, האט ער גע'טענה'ט, דאס פֿון דיא מעכטיגע, רייכע און קלוגע אין דער וועלט זיינען אימּמער געוועזן זייער וועניג אין מיינער מיינונג. אויך דיא וועניגע וועלכע זיינען שוין יאָ געוועזן וויא איך, פֿון זייא איז ניט איינער געוועזן וועלכער איז ניט פֿריהערט איבערגערעדט געוואָרין צו זיין אַ שוטה, און אללעס אין שפּיעל איינצושטעללען אום צו דעגרייכען אַזעליכעס, וואס קיינער וויים ניט און קען ניט. „אויסערדעם"—האט ער ווייטער געזאגט—„דאס אין אַללע צייטין זיינען דיא רייזענדער אַם'מייסטין נאָר געוועזן מענשין וועלכע זיינען פֿון שָׁפָל'דיגען יִחוּס, און דערבייא נאך אונ־וויססענדע לייט, און ניט געבילדעט אין נאַטור־וויססענשאַפֿטין (ידיעות הטבע)." יאָ, ער האט נאָך פֿיעלעס צוזאַממען־געפלוידערט—צום בייספּיעל: דאס עס איז אַ חרפּה צו וויינען בייא אַ מוסר דרשה און בעטריבט צו ווערין איבער דיא זינד און פֿערטרויערט אַ היים צו קומען; אדער דעם חבר איבערצובעטין וועגען קליינע בעלייִדיגונגען, אדער קליינע גע'גַזל'טע זאַכין אָפּצוגעבין. „דאַצו"—האט ער ווייטער געזאגט—„קומט נאָך דיא רעליגיאָן און דערווייטערט אונז פֿון דיא גרויסע לייט, טאַקי נאָר איבער איינִיגע תאות וואס זייא זיינען מיט זייא געוואָהנט. (ער האט דיא תאות מיט'ן נאָמען אָנגערופֿען נאָך זיינעם אַרטריידין)—נאָכמעהר, דיא רעליגיאָן לערינט אונז גאָר דיא עהרליכע און פֿרומע, ווען זייא אויך פּראָסטאַקעס און קיינע מיוחסים זיינען, צו שעצין און צו אַכטין, טאַקי נאָר וועיל דיא רעליגיאָן וויל אַזוי." איז דאס ניט אַ חֶרְפָּה?—האט ער געפֿרעגט.—

משיחי: נוא וואס האסטו איהם דאַרויף געענפֿערט?

נאמן:ווירקליך, איך האב אַנפֿאַנגס קוים געוואוסט וואס

איך זאל איהם זאגען, ער האט מיר מיין קאָפּ אַזוי פאַרדולד, דאס מיין בלוט איז מיר אין פנים געשטיגען, טאַקי, בושה האט מיך אַזוי געמאַטערט, דאס ער האט שיער אויס מיר אַ „גאָר־נישט" געמאַכט. אבער ענדליך האב איך מיר בעדענקט און האב פון האַרצין אויסגעשריען: „דאס וואס שיינט בייא דיא מענשין הויך, דאס איז בייא גאט אַ גרויל!" (לוקס ט"ז ט"ו). און איך האב מיר נאָכמעהר בעדענקט, אַט דיעזער בושה זאגט מיר וואס מענשין זיינען און וואס מענשין געפעלט, אבער ער זאגט מיר גאָר ניט וואס גאט אין זיין הייליגעס וואָרט איז. איך האב מיר ווייטער און טיעפער בעדענקט, דאס ביים יום הדין וועלין מיר ניט גע'משפט ווערין צום טויט אדער לעבין נאָך דעם גייסט־נאָך פון דיא, וועלכע הייסין גרויס בייא דיא וועלט, נייערט נאָך דער קלוגשאַפט און געזעץ פון גאָט ב"ה. דאַרום האב איך צו מיר אַליין געזאגט, דאס וואס גאט זאגט, דאס איז דאס בעסטע, ווירקליך דאס בעסטע, חאָטש אַללע מענשין דיא עולם הזה'ניקעס מעגען זיין געגען גאט'ס וואָרט! און אַזוי בעטראַכטענדיג, דאס גאט וויל האבין זיינע אמונה; דאס גאט ליעבט איין עדלעס געוויססען; דאס דיא, וועלכע הייסין בייא דער וועלט נאַרין וועגין מלכות השמים, דיא זיינען דיא קלוגסטען, און דיא אָרימע, וועלכע ליעבען דעם משיח, זיינען רייכערע און גרעסערע מענשין פאַר דיא וועלכע פיינדין איהם—האב איך געזאגט: בושה, גייא אַוועק, דוא ביסט אַ פיינד פון מיינע ישועה! זאל איך דיר דולדין געגען מיין העכסטין הערר? וויא אַזוי וועל איך איהם אין פנים קענען קוקען ווען ער וועט צוריקקומען? ווען איך זאל מיך איצט מיט זיינע דרכים און מיט זיינע דיענער שעמען, וויא קען איך נאָך האָפּפען אויף דיא פון איהם צוגעזאגטע ברכות?

דיעזער בושה איז ווירקליך געוועזן איין שלעכטעס אָנ־

טשעפּענעש, איך האָב קוים פֿון איהם געקענט פּטור ווערין. טאַקי, ער האָט מיר נאָר: געוואָלט נאָכלויפֿען און שטענדיג אין דיא אויער שושקען דיא-חסרונות און דיא שוואַכהייטין פֿון דיא, וועלכע זיינען מודה אין משיח. ענדליך האָב איך איהם ערקלעהרט דאס זיינע אַלע אָנווענדונגען מיך פֿון גאָט אַוועק צורייסין זיינען גאַנץ אומזיסט, דען דיא זאַכין, וועלכע בושה האָלט עס פֿאַר אַ שאַנד, אין זייא זעה איך דיא גרעסטע עהרע (כבוד). און אַזוי בין איך ענדליך פֿון דיעזען צודרינגליכען בושה פּטור געוואָרין און איך האָב אָנגעהויבען צו זינגען:—

אַללע וועלכע בעגעגנען אונז, ווען מיר גיין
אויף דעם וועג וועלכער פֿיהרט נאָר צו גאָט אַליין,
געפֿעללען אונז וויא אַלטע גוטע ברידער,
און זייא קומען דארום צו, איממער וויעדער;
און אַללע וייל קען אונז דאס אומגליק געשעהן
פֿערפֿיהרט צו ווערין, פֿון וועג אַראָפּ צו גיין!
אָהן אַללע רייזענדער, נעמט אייך גוט און אַכט!
דערקענט פֿיינד; און קעמפּפֿט געגען דיא בייזע מאַכט!

משיחי: אָ, עס פֿרייט מיך, ברודער, דאס דוא האָסט אַזוי בראַוו געקעמפּפֿט געגען דעם פֿאַרדאַרבענעם קעריל. און איך שטים-צו צו דיינע בעמערקונג, דאס פֿון אַללע איז ער דער איינציגער, וועלכער ווערט בגערופֿען מיט איין אונריכטיגען נאָמען; דען ער איז אומפֿאַרשעמט אונז נאָכצולויפֿען איז דיא גאַססיי אוי אונז פֿאַרשעמט צו מאַכין פֿאַר אַלע מענשין, דאס הייסט, אונז שעמעוודיג מאַכין בייא יעדער זאַך, וואס איז גוט און רעכט צו טהון; וואלט ער זעלבסט ניט אומפֿאַרשעמט געווען, וואלט ער קיינמאהל ניט געזוכט

אַזעליבעם מיט אונז צו טהון. נאָר לאָמ'מירזאיהם פֿון היינט־אָן און ווייטער שיקען לעזאזל, דען נאָך זיינע אַלע מיה און פלווידערייא קען ער נאָר דיא, נאַראָנים איינרעדין זיך צו שעמען אין גוטען וועג צו גיין, אבער קיין אַנדערין. אַזוי וויא שלמה המלך זאגט „דיא קלוגע וועלין כבוד ירשה'נען, אבער צו שאַנד וועט ווערין דיא הויכקייט פֿון דיא נאַרין" (משלי ג' ל"ג).

נאמן: מיר דאַרפֿען מתפלל זיין צו דעם, וועלכער וויל האבין דאס מיר זאָלין מלחמה האַלטין פֿאַר דיא וואַהרהייט דאָ אויף דער וועלט—דאס ער זאָל אונז העלפֿען בושה'ן מנצח צו זיין.

משיחי: ריכטיג, אמת!—נוא האסטו קיין אנדערין ניט באַגעגענט אין דעמזועלבען טאָהל?

נאמן: ניין, וויל דיא ליכטיגע זון האט מיר געשיינט אויף דעם וועג ווייטער דורך דעם גאַנצין טאָהל עֲנָוָה און אויך דורך דעם טאָהל טויטין־שאָטטין.

משיחי: וואָהל דיר!—מיט מיר איז עס גאַנץ אנדערש געגאַנגען. איך האב שוין געהאט גלייך ביים אַנפֿאַנג פֿון טאָהל אַ גרויסע מלחמה דורכצומאַכין מיט דעם פֿיינד טייפֿיל. און עס איז אַזוי שרעקליך געווען, דאס איך האב איינפֿאַך מורא געהאַט ער וועט דאָרט פֿון מיין לעבין איין ענדע מאַכין; בפרט, ווען ער האט מיך צו דער ערד אַניעדער־געוואָרפֿין און איז מיר איבערפֿאַללען דאס איך האב געמיינט ער צודריקט מיך גענצליך; דען וויא ער האט מיך צו דער ערד אַ וואָרף געטהון איז מיר מיין שווערד פֿון דיא הענד אַרויס, און ער האט דאַמאלס געשריען, „איצט בין איך זיכער דאס דוא ביסט מיינער," אבער איך האב צו גאָט געשריען, און גאָט האט מיך דערהערט און מיך גערעטטעט פֿון יענער שרעקליכע לאַגע. דערנאָך בין איך אַריין אין טאָהל טויטין־שאָטטין וואו איך בין כמעט האַלב־וועגס געגאַנגען

אָהן ליכט. דאָרט האב איך אפשר טוויזינד מאָהל געמיינט דאס איך וועל באלד אומקומען, אבער ענדליך איז מיר טאָג געוואָרין, דיא זון איז מיר אויפֿגעגאנגען און אַזוי בין איך דורכגעגאנגען דיא אנדערע שטיק וועג, אַם ענדע פֿון טאָהל, פֿיעל רוהיגער און לייכטער.

# עלפטעס קאפיטעל.

איך האב ווייטער געזעהן אין חלום וויא זייא זיינען אַזוי ווייטער פֿאָרווערטס געגאנגען און אַזוי גייענדיג האט זיך נאמן אומגעקוקט און ער האט דערזעהן אַ מאַן, וועלכען מען רופֿט „מויל־מענש" (בעל שפתים), וועלכער איז זיך געגאנגען דאָרט אָן אַ זייט ניט ווייט פֿון זייא; דען גראַד דאָרטין איז דער וועג געווען ברייט גענוג פֿאַר זייא אַללע צו גיין. „מויל־מענש" איז געווען איין הויכער מאַן און פֿון ווייטינס האט ער פֿיעל שענער אויסגעזעהן אַלס פֿון דער נאָהענט. מיט איהם האט נאמן אָנגעהויבין אַזאַ געשפרעך: וואָהין גייט דיא רייזע גוטער פֿריינד? גייסטו דוא פֿיעללייכט צום הימלישען לאַנד?

מויל־מענש: טאַקי אַהיז גייא איך.

נאמן: אָ זייער גוט; טאַקי אויב אַזוי, האָף איך דאס מיר וועלין דיך האבין פֿאַר איין גוטען רייזע־ברודער.

מויל־מענש: גוט, טאַקי מיט'ן גאַנצין הארצין, וויל איך זיין אייער רייזע־ברודער.

נאמן: געוויס, געהן מיר. לאָמ'מיר גיין צוזאַממען, און לאָמ'מיר דיא צייט פֿערטרייבין מיט אַ געשפרעך, וועלכעס קען אונז נוציז ברייננגען.

מויל־מענש: פֿון נוצליכע זאַכין רייד איך זייער גערין מיט יעדין מענשין, און עס פֿרייט מיך טאַקי דאס איך האב מיר צוזאַמען געטראָפֿין מיט אַזעליכע לייט, וועלכע האבין לוסט צו אַזעליכע גוטע זאַכין. דען איך וועל זאגין דעם אמת, דאס עס זיינען דאָ זייער ווייניג מענשין וועלכע וואָלטין

וועלין אויף דער רייזע אזוי גוט זייער צייט פערטרייבען. דיא מייסטין, ליידער, וואָלטין ליעבער וועלין ריידין פֿון אַזעליכעס וואס איז אונ־נוצליך.

נאמן: טאַקי, עס איז זייער טרויעריג! דען וועלכעס איז פֿאַר דעם מענשינ'ס צונג בעססער, אלס וויא צו ריידין אַזעליכעס וואס שמועסט פֿון גאט און פֿון עולם הבא?

מויל־מענש: אָ, איך בין זייער צופֿריעדען מיט דיר, פֿריינד, דען דיינע ווערטער זיינען זייער ריכטיג און גוט. און נאָכמעהר וויל איך זאגען; וועלכעס איז אַזוי ליעב און נוצליך וויא צו ריידין פֿון געטליכע זאַכין? וועלכעס איז צום ביישפיעל אַזוי זיס, אַט פֿאַר אַ מענשין וועלכער געפֿינט פֿערגניגען אין זעלטענע זאַכין וויא צו ריידין פֿון דיא געשיכטע און פֿון דיא סודות פֿון הויכע ענינים? אדער וועלכעס איז אַזוי גרויסאַרטיג, וויא ווען אַ מענש האט תענוג און שמחה צו ריידין פֿון נסים ונפלאות הבורא ית"ש? דען וואו קען אַ מענש געפֿינען אַזוי טייער און אַזוי רייצענד בעשריעבען זאַכין, וויא אין דיא הייליגע ספרים פֿון תנ"ך?

נאמן: אָ, זייער ריכטיג! אבער דער הויפט־צוועק פֿון אונזער ריידין זאל זיין פֿון אַזעליכע שמועסין דעם תועלת צו בעקומען.

מויל־מענש: טאקי דאס זאג איך דאָך, דאס פֿון אַזעליכע זאַכין צו ריידין איז זייער נוצליך; דען דורך דעם קומען מיר צו פֿיעלע ידיעות, מיר בעקומען צו וויססען דאס דיא וועלט מיט איהרע אלע ענינים און תענוגים זיינען גאר נישט, און וויפֿיעל דיא הימלישע ענינים און תענוגים זיינען מעהר ווערטה. אבער נאָך אויסער דעם בכלל, לערינט מען בפרט וויא נויטווענדיג עס איז פֿאר אַ מענשין ער זאל בעקומען אַ נייעס הארץ (אדער וויא עס הייסט אין דיא הייליגע ספרים פֿון „ברית החדשה," דער מענש זאל פֿון גאט

נייא געבאָרין ווערין; אויך לערינט מען, דאס מיר קענען ניט דורך אונזערע מעשים פֿאר גאט גערעכט ווערין, נייערט מיר ווערין גערעכט דורך דיא גערעכטיקייט פֿון משיח. און נאָכמעהר לערינט מען וואס הייסט, תשובה, אמונה, תפלה, יסורים, א. ז. וו. אויך פֿיהלט מען דיא גרויסע נחמות און בטחונות פֿון דיא בשורת המשיח, וועלכע בערוהיגען אונז און שטאַרקין אונז אין גלויבין. אויך לערינט מען, וויא אַזוי אַוועקצומאַכין פֿאַלשע למודים, וויא אַזוי צו בעווייזין דעם ריינעם אמת אין דער אמונה, און ענדליך, וויא אַזוי דיא אונוויססענדע מענשין, גאטעס וואָרט צו לערנען.

נאמן: אללעס דאס איז זייער אמת, עס פֿרייט מיך זייער אזעליכעס פֿון דיר צו העריןְ!

מויל־מענש: אך, דאס וואס מענשין פֿיהלען ניט וויא נייטיג עס איז צו ריידין פֿון גאטעס וואָרט, אָט דאס איז טאַקי דיא סִבָּה וואס נאָר ווענינ פֿארשטיין, וויא נייטיג עס איז פֿאר אונז ריינע אמונה, און וויא נייטיג מיר האבין דאס גאט ב״ה׳ס גייסט זאל ווירקען אין אונזערע זעעלען אום צו דערגרייכעי צו עביגעם לעבין. און טאַקי דארום, אָט וייל זייא זיינען אַזוי אונוויססענד, טהון זייא זיך נאָר מיט חוקים און דינים אפגעבין, וואס דורך זייא קען דאָך קיין מענש קיינמאהל דערגרייכין צום מלכות השמים.

נאמן: אבער, הער מיר צו, הימלישע געדאַנקען און וויססען איבער הויכע ענינים איז אַ מתנה פֿון גאט ב״ה אליין; קיין מענש קען דיעזעס ניט דערפֿאָרשין דורך זיינע אייגינע מחשבות און דורך אייגינעם נאָכדענקען און נאָכ־קלעהרין; און געוויס ניט דורך שפרעכען וועגין דיעזע ענינים.

מויל־מענש: יאָ, דאס אללעס ווייס איך גאַנץ גוט; דען אַ מענש קען אין זיך ניט האבין קיין רוחניות, אויסער עס ווערט איהם געגעבין פֿון הימעל. אללעס הימלישער (ד.ה.

אמונה און רוחניות זאַכין) קומט בחסד הבורא ית"ש, אבער ניט דורך מיה און מעשים. יאָ, איך קען דארויף הונדערטער ראיות ברייגגען פֿון דיא הייליגע ספרים!

נאמן: גוט, אלזאָ וועלכעס זאל דען איצט זיין דער עניז איבער וועלכעס מיר זאלין איצט ריידין?

מויל-מענש: אַט וואס נאָר דוא ווילסט! מיר איז עס גאַנץ גלייך איבער וואס פֿאר איין ענין מיר ועלין ריידין; איבער אַ זאַך פֿון עוה"ב אדער פֿון עוה"ז, איבער אַ זאַך וועלכעס איז מאָראַליש אדער וועלכעס שפרעכט פֿון דער בשורת המשיח, איבער אַ זאַך וועלכעס איז הייליג אדער וועלכעס מאכט אונהייליג, פֿון עָבר אָדער פֿון עָתיד, פֿון אַ גַשמיות-זאַך אָדער אַ רוחניות, אללעס קען איך בעטראַכטין, אַבִיא עס זאל נאָר זיין אַ זאַך וואס וועט ברייגגין נוצין צו אונזער זעעלע.

איצט האט נאמן אנגעהויבין צו זיין אויסער זיך פֿון גרויס פֿערוואונדערונג איבער דיעזען מאַן וועלכען ער האט פֿאר זיך. און צוגייענדיג צו משיחי'ן האט ער זיך צו איהם אין דער שטילל אפגערופֿען: אָ, וואס פֿאר אַ בראַוועז רייזע־ברודער האבין מיר בעקומען! דער מאַן וועט געווים מאכין דיא רייזע אויסגעצייכינט. בייא דיא ווערטער האט אבער משיחי געשמייכילט און נאמן'ען געענטפֿערט „דער מאַן פֿון וועלכען דוא ביסט אַזוי נתפעל געווארין פֿון זיין ריידין, איז אימשטאַנד דורך זיין געשליפֿענע צונג אָפצונאַרין הונדערטער מענשין, וועלכע קענען איהם ניט."

נאמן: וויא עס שיינט קענסטו איהם?

משיחי: דוא פֿרעגסט מיך נאָך אויב איך קען איהם?— געווים, און בעססער וויא ער קען זיך זעלבסט.

נאמן: זאג-זשֶע מיר ווער ער איז?

משיחי: ער הייסט מויל-מענש און ער איז טאַקי אונזערער

אַ בֶּן־עיר, אַ פֿאַרדאָרבען'ער; איך וואונדער מיר דאס דוא קענסט איהם ניט! — דאָך אונזער שטאדט] איז זייער גרויס (ניט אַללע קענען זיך דאָרט).

נאמן: וועמעס זון איז ער, און וואו וואָהנט ער?

משיחי: ער איז „גלאַטע־צונג'ס" זון; ער וואָהנט אין „פלוידער־גאַסס"; און ווער עס קען איהם גוט, קען איהם ביים נאמען „מויל־מענש אין דער פלוידער־גאַסס"; — אבער חאָטש ער האט אַזא געשליפֿפֿענע צונג צום ריידין, איז ער דאָך נאָר איינער, אויף וועלכען מען דארף זיפֿצען.

נאמן: ער זעהט דאָך אויס גאר אַ שיינער מענש צו זיין?

משיחי: נאָר בייא דעם וועלכער קעז איהם ניט גוט; דען ער שיינט נאָר אזוי שיין ווען ער איז פֿאַר לייטין. בייא זיך צו הויז אבער איז ער, וויא זיין ריכטיגע געשטאַלט איז, זייער ניט שיין. און דאס וואס דוא זאגסט דאס ער שיינט זייער אַ שיינער מענש צו זיין, דאס טאַקי דערמאָנט מיך וואס איך האב אַ מאהל באמערקט בייא אַ פאַטרעטין־מאַלער, דאס פֿון וויטינס האבין זיינע פאַטרעטין גרויס־אַרטיג געשיינט, אבער וויא מען איז צו זייא נאָהענט צו געקומען איז ניט געווען וואס צו זעהן. . . .

נאמן: מיר מיינט זיך אלץ, דאס דוא טרייבסט בַּטָּעוֹת, ווייל פֿריהערט האסטו געשמייכילט.

משיחי: חלילה וחס! חאָטש איך האב געשמייכילט, איז בייא מיר קיין כַּטָּעות שפיעל איין מענשין פֿאַלש צו בעשולדיגען. איך וויל דיר איהם נאָך פֿיעל ריכטיגער פֿאָר־שטעללען. דיעזער מענש איז: אַ גוטער ברודער צו יעדער געזעלשאפֿט און צו יעדעס געשפרעך אין דער וועלט. אַזוי וויא ער רעדט מיט דיר גאר אויסגעצייכינט, אַזוי שפרעכט ער אויסגעצייכינט אין שיינק בייא דער גלעזיל מַשְׁקה; און וויפֿיעל מעהר גלעזילאך ער האט אין קאָפּ אַזוי פֿיעל מעהר ווערטער

האט ער אין מויל. בייא איהם אין הארצין האט אמונה קיין פלאַץ ניט, אויך ניט אין זיין הויז, אויך ניט אין זיין גאנצעס לעבין׳ס-פיהרונג. אלעס וואס ער האט, האט ער נאָר אויף דיא צונג און אויף דיא ליפּפּען, און דאס איז נאָר בייא איהם אַ מיטטעל אום אַסאך צו פּלוידעריי.

נאמן: אַזוי, דוא מיינסט עס ערינסט?—דאן האב איך אין דיעזען מאַן אַ גאנצין טעות געהאט.

משיחי: אלץ הייסט אַ טעות געהאט! דענק נאָר אָן דאס וואס שטייט געשריעבען „זייא זאגין עס, אבער טהון עס ניט; אבער מלכות השמים בעשטייט ניט אין ווערטער, נייערט אין קראַפט״ (מתי כ״ג ג׳: הראשונה אל הקורינטים ד׳ כ׳). יאָ, געוויסס, ער רעדט פון תפלה פון תשובה, פון אמונה, פון אַ נייעס ריינעס הארץ, נייא געבאָרין פון גאט׳ס גייסט; אבער טאַקי נאָר ריידין דערפון דאס איז בייא איהם אללעס; דען אין זיין הארץ האט ער קיין פינטאַלע פון דיעזעס אללעס וואס ער רעכינט אוים מיט דיא ליפּפּען. איך בין בייא איהם אין זיין הויז געווען, און איך האב זיך דאָרט צו איהם גוט צו-געקוקט, אויך האב איך גוט בעמערקט וויא ער פיהרט זיך אין דער וועלט, און איך בין איבערצייגט דאס, דאס וואס איך זאג פון איהם, איז אמת. גאטטעס פורכט עקסעסטירט ניט אין זיין הויז; דאָרט וויים מען ניט פון תפלה, דאָרט איז קיין סמן פון תשובה, פון חרטה איבער דיא זינד. יאָ, דיא בהמות, נאָך זייער נאטור-נאָך, דיענען גאט ב״ה פיעל בעססער, וויא דיעזער מויל-מענש. ער איז דער ווירקליכער שטרויכיל-שטיין און דער שאַנד-פלעק פון דער רעליגיאָן בייא דיא אללע וועלכע קענען איהם (רומים ב׳ כ״ג-כ״ד). דורך איהם איז עס כמעט אונמעגליך צו געפינען, אין דער גאנצער שטאדט וואו ער וואָהנט, אַט איינעם וועלכער וויל זאגין איבער דיא רעליגיאָן

אַ גוט וואָרט. דער פּראָסטער עולם זאגט איבער איהם אַ ווערטיל „פֿאר דער וועלט אַ מלאך, אבער אין דער היים אַ טייפֿיל." זיינע אָרימע פֿאַמיליע וויים דעם טעם גאנץ גוט, דען ער איז אַ שרעקליכער אכזר, ער שילט וויא אַ סעדעכע, און בעהאנדעלט זיינע משרתים אַזוי אונמענשליך, דאס זייא וויסין שוין אליין ניט וויא צו טהון און וויא מיט איהם צו ריידין. יעדער וועך עס האט נאָר מיט איהם איין ענין צו טהון, זאגט, דאס ער וואָלט לייכטער מיט אַ באַרבאַר פֿארטיג געווארין איידער מיט איהם; דען דער באַרבאַר וועט געוויסס עהרליכער האנדלעז אלס ער. דיעזער מויל-מענש אבער, ווען און מיט-וואס ער וועט נאָר קענען, וועט ער פֿיעל-מעהר שווינדלען און בעטריגען. אויסערדעם, ערציהט דיעזער מויל-מענש זיינע קינדער אַזוי, דאס זייא גייען פונקט אין זיינע פֿארדארבענע וועגין, און ווען ער בעמערקט אין איינעם פֿון זייא אַ נאַרישע זאָרג—(אַט אַזוי רופֿט ער אָן דיא ערשטע אויפֿוואַכונג פֿון דער זעעלע צום גוטען גלויבין)— שרייט ער איהם „נאַר" „דום-קאָפּ"; ער וויל איהם קיין בעשעפֿטיגונג ניט געבין, און וויל אויף איהם קיין גוט וואָרט ניט זאגין. גלויב מיר—האט משיחי ענדליך געזאגט—נאך מיינער בעמערקונג האב איך גוט געזעהן, דאס ער איז געוועזן דורך זיינעם זינדיגען לעבין אַ שטרויכיל-שטיין פֿאר פֿיעלע מענשין. אוז ווען גאט זאל עס חלילה ניט פֿארהיטטען, וועלין נאך פֿיעלע דורך איהם געשטרויכילט און פֿארדאָרבען ווערין

נאמן: איך מוז דיר גלויבין ליעבער ברודער, ניט נאָר וויל דוא זאגסט דוא קענסט איהם, נאָר אויך וויל דוא מאכסט דיינע בעמערקונג אלס אַ מאמין במשיח. דען איך קען מיר ניט דענקען דאס דוא רעדסט דאס אללעס פֿון דער לופֿט, נייערט וויל עס איז אַזוי טאַקי וויא דוא זאגסט.

משיחי: ברודער נאמן, וואָלט איך איהם ניט גוט געקענט, וואָלט איך אויך אפשר אין אָנפֿאנג אַזוי פֿון איהם געדענקט וויא דוא האסט געדאכט; און וואָלט איך עס אללעס נאָר געהערט פֿון מענשין וועלכע פֿיינדין אמונה, וואָלט איך עס נאָר געהאלטין פֿאר לשון הרע; דען זעהר אָפֿט ריידין אַזוי דיא גאטלויזע מענשין לשון הרע איבער דיא, וועלכע וואנדלען אין אמת'ן וועג; און זייער אָפֿט זוכין זייא אויף מאמינים אזעליכעס צו זאגין, אום דיא גאטעס מענשין צו באַהֲיידין און זיך זעלבסט אויסצופֿיינען. אבער אללעס דאס וואס איך האב דיר פֿון דיזען „מויל־מענש" דערציילט, און נאך מעהרערע פֿארדאָרבענע זאַכין, וועלכע איך ווייס פֿון איהם צו דערציילין, ווייס איך אויף זיכער קלאר אַז עס איז אַזוי. דען איך האב מיר דאס אללעס אליין איבערצייגט. נאכמעהר, גוטע און פֿרומע לייט שעמען זיך מיט איהם און זייא ווילין איהם ניט אָנערקענען, ניט אלס ברודער און ניט אלס פֿריינד, דען זייא, וועלכע קענען איהם נאָר, ווערין פֿארשעמט ווען זייא הערין נאָר זיין נאמען דערמאנען.

נאמן: איצט זעה איך דאס פֿון ריידין ביז טהון איז נאך זייער וויים. פֿון היינט אָן און וויימער וויל איך אויף דעם אונטערשיעד גוט מערקין.

משיחי: געוויסס, דאס זיינען צוויא פֿערשיעדענע זאַכין, זייא זיינען אַזוי פֿארשיעדען וויא דיא זעעלע פֿון קערפער, און אַזוי וויא דער קערפער אָן דיא זעעלע איז ניט מעהר וויא איין טויטער לייב, אַזוי איז ריידין אליין ניט מעהר וויא אַ טויטע זאַך. דיא נשמה פֿון רעליגיאָן איז דיא פֿרוכט פֿון דער אמונה, ד.ה. איין עהרליכעס, הייליגעס און געטליכ־עס לעבין צו פֿיהרען. „איין ריינער, ניט בעפֿלעקטער גלויבין פֿאר גאט אונזער פֿאטער, הייסט נאָר דער גלויבין, וועלכער בריינגט דעם מענשין, דיא אלמנות און יתומים אין זייער

גויט צו העלפֿעז, און פֿון דער וועלט ניט באַפֿרעקט צו זיין:" (יעקב א' כ"ז); אבער וועגען דעם דענקט מויל־מענש גאר ניט, ער מיינט מיט העריז און ריידין איז מעז שוין אַ קריסט, און מיט דעם בעטריגט ער זיין אייגינע נשמה! דאס הערין איז געגליכען צום פֿארזייען, און דאס ריידיז איז נאך קיין בעוויז ניט, דאס דיא זאמען האבין איז הארצין און אין לעבין פֿרוכט געבראכט. און מיר קענען גאנץ געוויסס וויססען אַז עס איז אַזוי; ד.ה. דאס, דאס ריידין איז גאר קיין בעוויז ניט אויף ריכטיגער אמונה, אַט פֿון דעם, דאס ביים יום הדין וועלין דיא־מענשין גע'משפט ווערין נאך דיא פֿרוכט־נאך פֿון זייער גלויביז; דאמאלס וועט געפֿרעגט ווערין „זייט איהר טהוערס אָדער נאָר ריידערס געוועז?" און וויא עס וועט זיך ארויסשטעללען! אַזוי וועלין דיא מענשין גע'משפט ווערין; דען דיא „ענדע דער וועלט איז געגליכען צו דיא צייט ווען מען זאממעלט צוזאמען דיא תבואה, און דאמאלסט וויסטו דאָך דאס מען קוקט נאָר אויף דיא פֿרוכט. איך מיין ניט דאמיט צו זאגיז דאס מיר קענען גאט געפֿעללען דורך אונזערע מעשים וועלכע זיינען ניט פֿון גרונד דער טיעפֿע אמונה, אבער איך זאג דיר דיעזעס, טאקי אום צו ווייזין וויא גלאַטעס ריידיז וועט גאר קיין ווערט ניט האבין ביים יום הדין.

נאמן: דאס דערמאנט מיר וויא משה בעשרייבט דיא בהמה טהורה; זיא איז ניט דעריבער טָהור ווייל זיא איז מעלה גֵרה נייערט ווייל זיא האט אויך צושפּאָלטענע קלויען. דער האָז חאָטש ער איז מעלה גרה פֿון דעסטוועגין איז ער דאך טמא ווייל ער האט קיין צושפּאָלטענע קלויען; דאס זעלבע איז אויך מיט אונזער מויל־מענש, חאָטש ער איז מעלה גֵרה, „ער קַייט ווערטער מיט זיין מויל," איז ער דאָך טמא ווייל ער איז ניט מפרים פרסה, „ער קעהרט זיך ניט

אָפּ פון זינדיגען וועג." יאָ, ער איז צום האָז גענליכען וועלכענ'ס פּים זיינען וויא דיא פּים פון דיא שלעכטע חיות, לייב, בער און הונד....

משיחי: דוא האסט טאַקי איצט מפרש געווען דיא ווערטער פון דיא תורה הקדושה נאך דער טיעפער בַוָנה־נאך; נאך דעם זין פון רוח הקדש. און איך וויל דיר נאָכוואָס זאגין, דער שליח פולוס גלייכט צו אזעליכע מויל־מענשין, צו קלינגענדעס קופער און צו אַ קול פון אַ שופר. דאס הייסט— וויא ער זאגט אנדערש וואו—„טויטע זאכין וועלכע: געבין פוז זיך ארויס אַ קלונג, אַ קול." טויט, דאס הייסט אַ מענש וועלכער האט ניט אין זיך דיא אמת'ע אמונה און חסד פון דיא בשורה הקדושה. אָדער ריכטיגער געזאגט, אַזעליכער וועלכער וועט קיינמאהל קיין פלאַץ ניט האבין אין מלכות השמים צווישען דיא, וועלכע הייסין „קינדער פון לעבין"; חאטש פון זייער שטימע, פון זייער ריידין, וואָלט מען געקענט דענקען, דאס זייא זיינען גאָר מלאכים, לעבענדיגע ברואים.

נאמן: גוט, וויא ליעב עס האט בייא מיר פריהערט געמענט זיין איהם אלס רייזע־ברודער צו האבין, איצט ביז איך פון איהם שוין זאַט!—אבער וויא אַזוי מאכט מען עס פון איהם פטור צו ווערין?

משיחי: פאָלג נאָר מיר און טהו וויא אַזוי איך וועל דיר זאגין וועסטו גלייך זעהן וויא ער וועט אויך פון דיר זאַט ווערין; סיידין גאט וועט זיין הארץ ריהרען און איהם ענדערין.

נאמן: וואס ווילסטו מיר זאגין איך זאל טהון?

משיחי: גייא צו איהם ווידער צו און לאָז זיך מיט איהם אריין אין איין ערינסטען שמועס איבער דיא קראַפט פון אמונה, ד.ה. וויא אַזוי דער אמת'ר גלויבין מאכט דעם מאמין'ס הארץ קרעפטיג ברוך הקדש, אום צו פיהרען איין

הייליגעס און געטליכעס לעבין. און נאכדעם וויא ער וועט צו דעם מסכים זיין,—און דאס וועט ער געוויסס טהון,— זאלסטו בייא איהם פשוט פרעגין, אויב דיא קראַפט פון אמונה איז אין זיין הארצין, אין זיין פאמיליען לעבין, און אין זיין לעבין אין דער וועלט?

דערבייא האט זיך נאמן תיכף אַוועגד געטהון צו מויל־מענש'ן און האט זיך צו איהם אפגערופען, נוא וויא גייט עס? וויא שטייט עס?

מויל־מענש: זייער שיין; איך דענק מיר וואָלטין דאָך אונטער דער צייט געקענט אַ היבשע ווילע צווישען זיך ריידין.

נאמן: ווען דוא האסט שטאַרק חֵשֶׁק קענען מיר איצט אָנהייבין. און וויל דוא האסט מיר געלאזין דאס רעכט צו בעשטימען איבער וועלכין ענין צו ריידין, דענק איך, אונזער געשפרעך זאל זיין איבער דיעזען ענין: „וויא אַזוי דערקענט מען עפּפענטליך, צו גאט'ס ישועה און חסד, גאט'ס הייליגער גייסט איז אין אַ הארץ פון אַ מענשין?"

מויל־מענש: איך מערק דאס אונזער געשפרעך וועט זיין, איבער דיא קראַפט און כח פון דער אמונה; יאָ, עס איז איין גרויסארטיגער ענין! און מיין ענפער איז דאריוף קורץ. ערשטינס, וואו דיא גנאַדע גאטעס איז אין הארצין, דאָ ווירקט זיא, און זיא ווייזט זיך ארויס דורך גרוים געשרייא געגען זינד. צווייטינס ——

נאמן: שְׁשְׁשָׁא, וואַרט! לאָמ'מיר ערשטינס בייס ערשטין שטיין בלייבין. איך מיין, דוא וואָלסט בעססער געדאַרפט זאגין, זיא ווייזט זיך ארויס דורך דעם דאס זיא מאכט אין מענשין'ס זעעלע אַ נאַטור דיא זינד צו פאַמיאוס'ן, ד.ה. איין פיינדשאַפט געגען זינד, דאס מען זאל דיא זינד ניט קענען דולדין און האלטין אין זיך.

מויל־מענש: נוא אָט, מע; וואס פֿאַר איין אונטערשיעד איז צווישען שרייען געגען דיא זינד אָדער דיא זינד מְמַאֵס זיין?

נאמן: אָ, אַ גאנץ גרויסער אונטערשיעד! דען אַ מענש קען געגען זינד שרייען וויא אַ צבוע'יאַק, נאָר דערפֿאר וויל ער וויל בייא דער וועלט שיינען וויא איינער וועלכער איז געגען זינד. אבער דיא זינד ווירקליך פֿון טיעפֿען הארצין פֿיינד צו האבין און מְמַאֵס זיין, דאס קען קיין מענש ניט, סיידין ער האט אין זיך, דורך גאט'ס חסד, בעקומען אַ נאַטור דיא זינד ניט ליידין צו קענען. יאָ, איך האב געהערט אַסאַך דַרשָנִים פֿון דער בִימָה שרייענדיג געוואַלד געגען זינד, וועלכע האבין אבער געהאַט דיא זינד אין זיך, אין זייער הארץ, אין זייערע הייזער, אין זייער פֿאמיליען לעבין, א. ז. וו. מיט איין וואָרט, אין זייער גאנצין האַנדלען און וואַנדלען איז געווען צו זעהן דאס זייא ליעבען דיא זינד, און דאס זייא ווילין זינדיגע מענשין בלייבין. פּוטיפר'ס ווייב האט געשריען געוואַלד אויף דיא זינד (ווען איהר מאַן איז אַ היים געקומען), און זיא טאַקי האט גרויס לוסט געהאַט צו טהון דאס וואס יוסף הצדיק האט ניט געוואָלט. און אַזוי זיינען טאַקי דאָ אַסאַך מענשין וועלכע שרייען געגען זינד, און זייא זיינען גלייך צו אַ מוטטער וועלכע שרייט אויף איהר קליינעם קינד וואס איז אין איהר שוים: „דוא ביסט שמוציג, מיאוס, אונריין, א. ז. וו.” און גלייך חאַפּט זיא דאס קינד צו דיא ליפּפּען און קושט עס און האַלזט עס.....

מויל־מענש: עס שיינט דוא ווילסט מיט מיר מדקדק זיין אויף'ן האָר מיך צו פֿאַקין בייא אַ וואָרט.

נאמן: איך זוך ניט צו פֿאַקין, אבער איך וויל דיא זאַך בריינגען צום רעכטין זין.—איצט נוא וואס'זֶשע איז דאס צווייטע וואס דוא האסט געוואָלט זאגין וויא אַזוי דיא קראַפֿט פֿון אמונה ווייזט זיך ארויס אין מענשינס לעבין?

מויל־מענש: עס ווייזט זיך ארויס אָן דאס פּיעלע קענען און וויססען פֿון דיא סודות דער בשורה הקדושה.

נאמן: דאס האסטו אייגענטליך גערדארפֿט פֿריהערט זאגין; נאָר עס בלייבט זיך גאַנץ גלייך צו דוא וואָלסט עס פֿריהערט געזאגט אָדער דוא זאגסט עס איצט, ווייל אויך דיעזעס איז גאַנץ פֿאַלש!—קענען און וויססען, זאָגאַר טיעפֿע קענטנים פֿון דיא סודות הבשורה קען אַ מענש האבין, און דער־בייא זאל זיין האַרץ דאָך ליעבען דיא זינד און ער זאל אין זיין זעעלע ניט האבין דיא קראַפֿט פֿון אמונה, דעם ריכטיגען חסד הבורא, דיא זינד ממַאָס צו זיין (זעה, א קורינטים קאפּ. י"ג). אַ מענש קען בייא אללע קענטנים דאָך בלייבין דער אלטער מענש, און ניט זיין געבאָרען נייא פֿון גאט'ס גייסט. „וויסט איהר דאס אללעס?"—האט ישוע המשיח געפֿרעגט זיינע תלמידים; און ווען זייא האבין געענפֿערט, יאָ, האט ער צו זייא ערשט דערנאך געזאגט—„וואויל איז אייך ווען איהר וועט אַזוי טהון!" ער האט ניט גענעבען דיא ברכה אויף זייער וויססען, נייערט בתנאי אויב זייא וועלין אַזוי טהון, דאס הייסט, פֿיהרען אַזאַ הייליגעס לעבין וויא ער לערינט זייא. ווייל עס איז דאָ אַסאָרט „קענען און וויססען" וועלכעס ברייננט קיין פּרוכט ניט, ד.ה. עס מאכט דעם מענשין ניט, „גוט און הייליג"; דאס איז אזעלכער „וועלכער וויים דעם וויללען פֿון זיין הערר, און טהוט עס ניט." אַ מענש קען וויססען און קענען וויא אַ מלאך און דאָך זאל ער קיין קריסט ניט זיין, און דארום איז דיין סִימן, וועלכען דוא האסט אנגעגעבין אום צו זעהן דיא קראַפֿט פֿון אמונה, גאר ניט ריכטיג.—געוויסס, קענען און וויססען, דאס איז אַ זאך וועלכעס געפֿעללט זייער גוט מויל־מענשין און פלוידערערס, אבער איין הייליגעס געטליכעס לעבין צו פֿיהרען, צו ממַאָס זיין זינד, און צו טהון גאט'ס רצון, איז אַ זאַך, וואס געפֿעלט גאט!

איך וויל מיט דעם ניט זאגין דאס אָהן וויססען קען איין מענשינם הארץ גוט ווערין; אָ ניין! דען אָהן ידיעת הבורא און אָהז צו וויססען זיינע הייליגע ליעבע צו אונז, איז דאס מענשליכע הארץ וויא פֿארשלאָססין. אבער איך וויל דיר מיט מיינע ווערטער איבערצייגין דאס עס זיינען דאָ צוויא סאָרטין „וויססען און קענען.“ איינע, וועלכע בריינגט דעם מענשין נאָר צום אָנזעהן און צום בעטראכטין דיא זאַכין; און איין אנדערע, וועלכע איז פֿערבונדען מיט דער קראַפֿט פֿון אמונה, מיט דעם חסד און אהבת הבורא, טאַקי וועלכע מאכט פֿון דעם מענשין אַ קינד גאטעס; אַמענשין וועלכער פֿיינדעט וואס איז שלעכט, און ליעבט צו טהון דעם רצון הבורא ית"ש פֿון טיעפֿען הארצין. דאס ערשטע „קענען און וויססען“ איז נאָר גוט פֿאר מויל־מענשין, אבער דאס אנדערע „קענען און וויססען“ איז פֿאר דיא אמתע תלמידים פֿון משיח, וועלכע זיינען אָהן דעם קיינמאל ניט צופֿריעדען מיט זיך. אַזוי וויא דוד המלך זאגט אין זיין תפלה (תהלים קי"ט ל"ד) „גיעב מיר פֿערשטאַנד און איך וועל היטען דיין לעהרע, איך וועל אפהיטען פֿון גאנצין הארצין.“

מויל־מענש: דוא זוכסט מיר ווידער נאָר צו פּאַקין; אָ, דאס בריינגט גאר קיין תועלת ניט צום נפש.

נאמן: גוט, ווען דוא ווילסט גיעב־אָן איין אנדער סימן וויא אַזוי דיא ריכטיגע קראַפֿט פֿון אמונה וויזט זיך אַרויס?

מויל־מענש: ניין, איך ניט; וויל איך זעה מיר ווערין קיינמאהל ניט איינשטימיג זיין.

נאמן: גוט, ווען דוא ווילסט ניט, ווילסטו מיר עס ערלויבין צו טהון?

מויל־מענש: גוט; עס שטייט דיר פרייא.

נאמן: יאָ, דיא פעולה פֿון דעם חסד האלהים אין אַ מענשליכע הארץ, דאס הייסט דיא קראַפֿט פֿון אמת'ע אמונה

און התדבקות פֿון איין אמת'ן מאמין בישוע המשיח, ווייזט זיך ארויס ענטוועדער צום מאמין אליין אדער אויך צו דיא, וועלכע זיינען נאהנט צו איהם. צום מאמין זעלבסט אָט אויף אַזאַ אופן: עס איבערצייגט דעם מאמין, פֿון טאג צו טאג אלץ מעהר, וואס זינד איז, בפרט וויא שרעקליך זיין מענשליכע נאטור ציהט איהם צו זינדיגען און וויא אונריין דיא זינד מאכין איהם; און מעהר פֿון אללעס איבערצייגט עס איהם, דאס דיא גרעסטע זינד און דער שורש פֿון אלעס שלעכטע איז דאס „ניט גלויבין," און דורך אַזעליכע איבערצייגונג בעקומט דער מאמין צו וויססען אויף געוויסס, דאס ער מוז דורך דיא זינד פֿערלאָרין גיין, ווען ער זאל ניט גערעטטעט ווערין בחסד הבורא ית"ש דורך דעם גלויבין אָן ישוע המשיח. אָט דיעזעס „וויססען און פֿארשטיין" ווירקט אין מאמין'ס הארץ, טרויעריג צו זיין און זיך צו שעמען איבער זיינע זינד; און דאס עפֿפֿענט דעם מאמין'ס נשמה־אויגין, דאס ער זעהט איממער פֿאר זיך שטיין דעם גואל צדק, דעם וועלט רעטטער; און אַזוי פֿיהלט דער מאמין אלץ מעהר, וויא נייטיג ער האט זיך מתדבק צו זיין צום משיח, אויף איהם צו בליקען, זיינע ריינקייט און הייליגקייט אין זיך איינצוזאָפּטהעמען און פֿון איהם אמת'עס געטליכעס לעבין צו שעפֿפֿין. און דאדורך הייבט דעם מאמין'ס נפש אָן צו הונגערין און צו דארשטין נאך איהם, נאך דיא קוועללע פֿון גערעכטיגקייט; און אלע הבטחות זיינען טאקי געגעבין, צו דיא, וועלכע הונגערין און דארשטין נאך גערעכטיגקייט (מתי ה' ו').

יאָ, אַזוי, נאָך'ן מאָס־נאָך, וויא דיעזער „הונגער און דארשטין" איז, און וויפֿיעל דיעזע שטארקייט אין גלויבין אָן משיח איז — אָט אַזוי פֿיעל טאַקי איז דעם מאמין'ס פֿרייד און פֿריעדען אין הארצין, ליעבע און הייליגקייט אין זיין

זעלע; און אַזוי פֿיעל און אַזוי שטארק איז דעם מאמין'ס רצון פֿון טיעפֿען הארצין דעם גואל צדק בעססער צו קענען, און איהם בעססער אין דער וועלט צו דיענען פֿון גאנצין הארצין.

און חאָטש דיא קראַפֿט פֿון אמונה איז זיך מתגלה צום מאמין אָט אויף. אַזא אופן וויא מיר האבין געזאגט; דאָך קומט עס זעלטען פֿאָר דאס דער מענש זאָל פֿיהלען דאס דיעזעם אללעם ווירקט אין איהם נאָר גאט דורך זיין חסד און בארמהערציגקייט. דאס הייסט, דורך דעם וואס גאט ערבאַרְמט זיך אויף'ן זינדיגען מענשין און זוכט איהם מיט ליעבע צו רעטטען. דער מענש זייער אָפֿט פֿיהלט עס ניט, וועיל זיין זינדיגע נאטור און זיין פֿערקעהרטער מוח, פֿאַרדאַרבען זייער אָפֿט זיין פֿארשטאנד און ער דענקט זייער שלעכט איבער דיעזען ענין. און דארום טאַקי, פֿאר אַ מענשין אין וועלכען גאטעס ווערק האט אנגעהויבין צו ווירקען איז אויך זייער נייטיג דאס ער זאל איין געזונדען פֿארשטאנד האבין איבער אַ זאַך ריכטיג צו דענקען, אום ערשט דאמאלס בעגרייפֿין צו קענען, דאס דיעזעס אללעס איז אין איהם נייא געבאָרין געוואָרין, דורך חסד און אהבת הבורא ית"ש, וועלכער איז מלא רחמים און זוכט איהם צו רעטטען, און ער שיינקט איהם דיא קראַפֿט, פֿון דיא זינד צו אנטלויפֿין צום לעבין, אָ, צום אייביגען לעבין!

דאס צווייטע, וויא אַזוי דער חסד הבורא וועלכער איז אין נפש פֿון דעם מאמין איז זיך מתגלה צו דיא, וועלכע זיינען נאהענט צום מאמין, איז אויף אַזא אופן: ערשטינס, דורך דעם מאמין'ס הערצליכעס, פֿרייליכעס, אָפֿפֿענעס מודה זיין פֿאָר דיא גאנצע וועלט, דאס ער גלויבט פֿון טיעפֿען האַרצין אין גואל צדק ישוע המשיח. צווייטינס, דורך דעם דאס דער מאמין פֿיהרט איין הייליגעס געטליכעס לעבין; אַ לעבין וואס אַ מענש דארף פֿיהרען נאך דער אמונה פֿון

ישוע המשיח. ד.ה. דאס הארץ זאל זיין ריין, גוט און הייליג; ווייט פֿון אללע תאות רעות, און גרייט צו טהון אללעס' וועלכעס איז גוט נאך דעם רצון הבורא ית"ש; אין זיין הויז, אין דער פֿאמיליע, איין הייליגעס לעבין איינצופֿיהרען, און טרייא, אמת און הייליג צו זיין אין האנדעל און וואנדעל מיט דער גאנצער וועלט. אָט אַזא לעבענדיגער גלויבין לערינט דעם מענשין אלע־ווייל זיך צו באַרעכנען וויא ער שטייט פֿאַר דעם הייליגען גאט ב"ה, אלע־ווייל אַ „חשבון הנפש" מיט זיך צו מאכין, און איננערליך זיך צו שעמען איבער זיינע זינד; זיך צו פֿאַרמיאוס'ן אלס זינדיגער מענש, און צו זוכען דיא זינד פֿון זיך עוקר מן השורש צו זיין; דיעזער לעבענדיגער גלויבין עפֿפֿענט זיינע אויגין אויף צו זעהן וויא זיין פֿאמיליע לעבט, און צו זוכען אויסצו־וואָרצלען אללעס פֿארדאָרבענע און זינד פֿון דיא הערצער פֿון זיינע הויז־מענשין; און דיעזער לעבענדיגער גלויבין מאכט אין איהם אַ גרויסען חשק און גיט איהם קראַפֿט אין דער וועלט הייליגקייט און גערעכטיגקייט צו פֿאַרברייטין, אָ, ניט בלויז דורך ריידין—וויא צבוע'יאַקעס און ליפפען מענשין האבין דיא געוואָהנהייט צו טהון—נייערט, דורך איין גוטעס און הייליגעס לעבין, אַ לעבין וועלכעס איז פֿון דער קראַפֿט גאטעס און וועלכעס קען יעדין איבערציייגין, וויא קרעפֿטיג גאט'ס וואָרט איז, דעם מענשין אויפֿין רעכטען וועג צו שטעללען. און איצט, הערר, אויב דוא האסט עפעס צו זאגין געגען מיינע ווערטער וואס איך האב ביז אַהער געשפראכען, זאג עס ארוים! און ווען ניט, ערלויב מיר דיר איין אנדערע פֿראַגע צו שטעללען.

מויל־מענש: ניין, עס איז ניט איצט מיינע זאַכע אריינ־צוריידין, נייערט צו הערין; דארום לאָמ'מיר הערין דיין צווייטע פֿראגע.

נאמן: איך וויל דיר נאָר פֿרעגין: פֿיהלסטו אין דיין נפש אַזא אמונה וויא איך האב דאָ צופֿאַר בעשריעבען? און איז, וויא דיין ריידין, אויך דיין לעבען, האנדעל און וואנדעל, איין עדות, דאס אין דיין נפש עקסיסטירט דיא קראַפֿט פֿון אמונה וועלכע מאכט דעם מענשין הייליג? אדער בעשטייט דיין גאנצע אמונה נאָר אין ריידין, ליפּפּען בעוועגונג, אבער ניט אין ווירקען און אמת? איך בעט דיך זייער, אויב דוא ווילסט מיר דאַרויף ענפֿערין זאלסטו נאָר זאגין אַזעליכעס, וואס אויף דעם זאל גאט אין הימעל זאגין אמן, און נאָר אַזעליכעס, וואס דוא ווערסט אין זיך טיעף פֿיהלען, דאס גאט וועט דיר עס פֿאר גוט רעכנען; „דען ניט וועלכער לויבט זיך אליין איז ווירקליך בעגלויבט, נייערט דעם וועלכען גאט לויבט.” אויסער אללעס, איז עס אַגרויסע נאַרישקייט צו זאגין אויף זיך דאס מען איז „דאס” און „יענעס” און פֿון דיא אויפֿפֿיהרונג, וועלכע איז אויך גוט בעקאנט צו דיא שכנים, זאל זיך דערנאך ארויסשטעללען דאס מען איז אַ ליגנער.

ביא דיא ווערטער האט מויל־מענש דעם נאָז אַ ווײלע אַראָפּגעלאָזין; אבער באלד האט ער אביססעל דעם אָטהעם אפגעחאַפּט און האט זיך אפגערופֿען „דוא ביסט איצט געקומען צו ריידין פֿון לעבענדיגען גלויבין, פֿון דיא ווירקונג פֿון אמונה אין מענשינס נפש, פֿון גאט; און דוא קומסט נאָך גאט פֿאר איין עדות צו רופֿען ער זאל בעשטייטיגען דאס וואס איז געשפּראָכין געווארין. צו אַזא מין שמועס האב איך מיר גאָר ניט מסדר געווען; און מיר ווילט זיך גאָר ניט ענפֿערין אויף אַזעליכע פֿראגעס, וויל איך פֿיהל מיך גאר ניט מחויב צו ענפֿערין; סיידין דיר ווילט זיך מיין רבי ווערין. און ווען עס ווילט זיך דיר, וויל איך עס אבער ניט; דען איך וויל ניט דוא זאלסט איבער מיר אַ שופט זיין. אבער איך בעט דיך, זאג מיר נאָר, וויא קומסטו עפּעס מיט אַזעליכע פֿראגעס?

נאמן: ווייל איך זעה דאס בייא דיר רעדט זיך עס אַזוי שנעלל און איך ווייס ניט צו דוא האסט אנדערעס, אלס נאָר ווערטער אין מויל; אויסער דעם וויל איך דיר זאגין דעם ריינעם אמת, איך האב געהערט דאס דוא ביסט אַ מענש וועלכער זיין גאנצע רעליגיאָן בעשטייט נאָר אין ריידין; און דאס דיין גאנצעס לעבין, דיין האנדעל און וואנדעל אין דער וועלט איז פונקט להיפוך וויא דוא רעדסט. מ׳זאגט, דאס דורך דיר ווערט צו שאנד דער נאמען קריסט; און דאס דיא רעליגיאָן וועלכע איז דאס ליכט פֿאר דיא גאנצע וועלט, ליידעט שאנדע דורך דיין אונגעטליכעס לעבין; מ׳זאגט דאס אַסאך זיינען שוין געשטרויכעלט געווארין דורך דיינע שלעכטע אויפֿפֿיהרונג, און דאס אַסאך שטייען אין סכנה דורך דיר פֿון גאט אבצופֿאללען. אָך, אַ רעליגיאָן וועלכע פֿערטראגט זיך גוט מיט שכור׳ן, מיט תאות רעות, מיט אונריינקייט, מיט פֿאלש שווערין, מיט ליגען און בעטריגען, מיט פֿערדאָרבענע געזעלשאפֿט דיא צייט אין וועלט־לוסט צו פֿערטרייבין! מ׳זאגט דאס אויף דיר איז צו זאגין דאס שפרוכ־ווארט וואס דיא וועלט זאגט אויף אַ זונה „דיא זונה איז אַ שאנד פֿאר אללע ווייבער" אַזוי ביסטו אַ שאנד פֿאר אללע וועלכע זיינען מודה אין ישוע המשיח.

מויל־מענש: נאכדעם דאס דוא ביסט אַזא מענש וועלכער איז גרייט צוזאמען צו זאמלען דאס וואס מ׳זאגט, און דוא ביסט אַזוי איילִיג דיין משפט אפצוזאגין, קען איך נאָר מיר דענקען דאס דוא ביסט עפעס אַ צוטראָגענער אדער מרה־שחורה׳דיגער מענש, און עס איז גאר ניט דא מיט וועמען זיך ארייצולאזען אין אַ שמועס. און אַזוי, אַדיע!

דאמאלסט איז משיחי צו נאמן׳ען צוגעגאנגען און האט צו איהם געזאגט; זעהסטו ברודער, איך האב דיר געזאגט וויא עס וועט זיין. געוויסס, דיינע ווערטער און זיינע תאות

רעות קענען זיך גאר ניט פֿארטראָגין. ער וויל בעססער דיך ניט פֿאר אַ ברודער איידער זיין לעבין צו פֿארבעססערין. נוא, איצט איז ער אוועק אַזוי וויא איך האב דיר געזאגט, לאז איהם נאָר גיין זיין וועגס; דען דעם שאָדין וועט קיינער ניט ליידין נאָר זיין אייגענער נפש. ער האט אונז נאָר דיא מיה ערשפּארט זיך פֿון איהם צו שיידין; ווייל ער, נאכדעם דאס ער בלייבט וויא ער איז (וואס דאס איז כמעט זיכער), וואלט ער נאָר געוועזן אַ שאַנד אין אונזער געזעלשאפֿט. איוסער דעם, דער אפאסטעל זאגט אין איין בריעף צו (טימוטיות ג׳ ח׳) „פֿון אַזעליכע זאלסטו דיך ערוויטערין."

נאמן: אבער עס פֿרייט מיך דאס איך האב מיט איהם געהאט דעם קליינעם שמועס. עס איז מעגליך דאס ער וועט אמאל קומען נאכצודענקען איבער דאס וואס ער האט פֿון מיר געהערט. נאָר יאָ, עס מעג מיט איהם זיין וויא עס וויל, איך האב מיט איהם גאנץ איינפֿאך און דייטליך געשפּראכען, און דארום ווען ער וועט פֿאַרלאָרין גיין, בין איך פֿאר איהם ניט שולדיג.

משיחי: דוא האסט גאנץ גוט געטהון מיט איהם אַזוי איינפֿאַך און דייטליך צו ריידין וויא דוא האסט גערעדט. היינטיגע צייטין זיינען דא זייער וועניג וועלכע זאלין זיך אַזוי בתמימות מתוכח זיין מיט דיא, וועלכע זיינען אויף׳ן שלעכטין וועג, און דאס פֿערמיאוס׳ט דיא רעליגיאָן בייא פֿיעלע; אָט אַזעליכע דומע מויל-מענשין, וועלכע זייער גאנצע רעליגיאָן בעשטייט נאָר אין ריידין, און זייא זיינען זייער אנגעבלאָזין איבער זייער געשפּרעך זיינען איינגערעכינט בייא דער וועלט צווישען דיא פֿרומע, זייא מאכין אויף יעדין אַ שלעכטין איינדרוק, און זייא מאכין דיא תמימים טרויעריג. איך וואלט געווּנשען מ׳זאל מיט אלע מויל-מענש׳ן אַזוי איינפֿאַך און אָפֿפֿענטליך ריידין וויא דוא האסט געטהון; ווייל נאָר אַזוי

איז מעגליך איינס פֿון דיא ביידע; אדער זייא וועלין פֿארבעססערין זייער לעבין, וויא דער משיח וויל האבין פֿון זיינע מאמינים, אדער דיא געזעלשאפֿט פֿון דיא תמימים וועט פֿאר זייא זיין צו היים.... און זייא וועלין זיך שיידין! דארויף האט נאמן אנגעהויבין צו זינגען:

אָ, וויא האט מויל־מענש זיך אַזוי געהויבין!
אָ, וויא בראַוו האט ער געשיינט דורך זיין ריידין!
מען וואלט געקענט גאַנץ איינפֿאַך דענקען, גלויבין,
ער איז אַ מלאך, זיין האַרץ אַ גן־עדן.

אבער וויא האט זיך עס גלייך אַרויסגעשטעלט
דאס אין זיין האַרץ רעגירט דער טייפֿיל, דיא וועלט;
און ער גלייכט מיט זיינעם קלאַפּין מיט דער צונג
צו טויטעס מעטאַל וואס גיט פֿון זיך אַ קלונג....

יאָ, ריידין איז נאָך קיין צייכין פֿון לעבין;
דען גאטס גייסט טהוט ניט אויף דיא ליפּפּען שְׁוֶועבין.
נאָר אין אַ האַרץ וואס גלוסט ריין, הייליג צו זיין—
דאָרט וויל גאט וואָהנען, דאָרט קומט זיין גייסט אַריין!

און אַזוי זיינען זיך, משיחי און נאמן, געגאנגען זייער וועגס וויטער, ריידענדיג און זיך דערציילענדיג אללעס וואס זייא האבין געזעהן אויף זייער רייזע. און אַזוי איז זייא דער וועג געוועזן לייכט, ווען ניט, וואלט עס זייא געוועזן איצט לאַנגווייליג, וויל זייא זיינען גראד איצט געגאנגען דורך אַ וויסטע.

## צוועלפטעס קאפיטעל.

דיא דיאביידע רייזענדער זיינען שוין באַלד געווען אין גאַנציין אַרוים פֿון דער וויסטע, האט נאמן אַ בליק געגעבין הינטער זיך און ער האט דערזעהן אַ מאַן קומענדיג צו זייא, און דער מאַן איז איהם טאַקי קענטליך געווען. אָ, האט זיך נאמן צו משיחי'ן אפגערופען, ווער קומט עס אונז נאך?—משיחי האט אַ קוק געגעבין און האט גלייך געזאגט: דאס איז טאַקי מיין גוטער פֿריינד מבשר. „און אויך מיין גוטער פֿריינד"—האט נאמן געזאגט—„דען ער האט מיר טאַקי אַרויף געבראַכט אויף'ן וועג צום שמאלען טהויער'ל."—און אַזוי איז מבשר צו זייא צוגעקומען און האט זייא בעגריסט מיט דיא ווערטער: שלום צו אייך, טייערע און געליעבטע, און שלום צו דיא אללע וועלכע העלפֿען און שטיצען אייך.

משיחי: ברוך הבא, ברוך הבא, טייערער מבשר! אַ בליק אין דיין פנים דערמאַנט מיר אללע דיינע חסדים וואס דוא האסט מיט מיר אַמאָל געטהון און דיין גרויסע מְיה מיך אויף אייביג גליקליך צו מאַכין.

נאמן: יאָ, טויזנד ברוך הבא'ס! אָ, דיין חברותא, זיססער מבשר, וויא גוט און נוצליך איז זיא פֿאר אונז אָרימע רייזענדער!

מבשר: נוא זאגט'זשע מיר ברידערלאך וויא איז עס מיט אייך געגאנגען זייט דער צייט דאס מיר האבין זיך ניט געזעהן? מיט וואס און וועלכעס האט איהר אייך באַגעגענט און וויא אַזוי האט איהר זיך אויפגעפיהרט דיא גאַנצע צייט?

אויף דעם האבין איהם משיחי און נאמן דערציילט אללעס וואס איז מיט זייא אויף זייער וועג פֿאָרגעקומען; און אַללעס וואס זייא האבין געהאט אויסצושטיין און צו ליידין ביז זייא זיינען אָט צו דיעזען אָרט צוגעקומען.

„אָ, עס פֿרייט מיך זייער!״—האט מבשר געזאגט—„און ניט דערפֿאר ווייל איך האבין געטראָפֿין אַזוי פֿיעל נסיונות, נייערט ווייל איהר האט זייא אויסגעשטאַנען און מנַצֵח געווען; און טאַקי ווייל—חאָטש איהר זייט אַזוי שוואַך—זייט איהר אַלץ ווייטער אין גאַנג אויף'ן ריכטיגען וועג ביז היינטיגען טאג. יאָ, איך זאג עס פֿרייט מיך און מיין פֿרייד איז אום אייערט וועגען און אום מיינעט וועגען; דען איך האב געזייט און איהר האט געשניטטען. און עס וועט נאָך קומען אַ טאג ווען עס וועלין זיך פֿרייעןביידע, דיא וועלכע האבין געזייט, און דיא וועלכע האבין דיא פֿרוכט געשניטטען! דאס איז אַללעס גערעדט, קינדער, ווען איהר וועט נאָר פֿעסט שטיין אין דער קראַפֿט פֿון אמונה און זיך ניט אויסגליטשען; אין דעם בעשטימטען טאג וועט איהר דיא פֿרוכט צוזאַמענקלייבין ווען איהר וועט נאָר ניט פֿויל ווערין! יאָ, דיא קרוין איז פֿאר אייך און זיא קען ניט פֿארדאָרבין ווערין; דאַרום לויפֿט אום איהר צו בעקומען. איך מוז אייך זאָגין: עס זיינען אַסאַך געווען וועלכע האבין אנגעהויבין צו לויפֿין אום דיא קרוין צו בעקומען אבער נאכדעם וויא זייא זיינען שוין אַ שטיק וועגס אפגעלאָפֿען זיינען זייא שטיין געבליעבען, און אַזוי איז גאר איין אנדערער געקומען, פֿאַר זייא, און האט דיא קרוין אַוועקגענומען דאַרום זייט פֿעסט, דאַמיט איהר זאלט דיא אייביגע קרוין האבין און אייערע זאל ניט אַוועקגעגעבין ווערין צו איין אנדערין. יאָ, איהר זייט נאָך ניט אַרויס גענצליך פֿון דאס לאַנד, וואו דער טייפֿיל קען נאָך שיססען אויף דיא רייזענדער; איהר האט נאָך ניט מלחמה געהאלטין מיט'ן

לעצטין טראָפּין בלוט געגען דיא זינד און איהרע קראַפֿט. דאס הימלישע גליק זאל אלע מאָהל שטיין וויא פֿאר אייערע אויגין; און גלויבט פֿעסט אין דאָס, וואס איז נאָך איצט פֿארבאָרגין, וואס דאס פֿליישליכע אויג פֿון מענשין קען עס נאָך ניט זעהן. זעהט, דאס אַללעס וועלכעס איז געגען מלכות השמים זאל אויף אייך גאר קיין שליטה ניט האבין. מעהר פֿון אַללעס, גיט אַכט זייער גוט אויף אייער אייגינעם הארץ און צו דיא געלוסטונגען, וועלכע זיינען דאָרט זייער פֿיעל; וויל דיא תַאֲוֹת בעטריגען דעם מענשין זעהר, און זייא זיינען גאר אָהן אַ ספק זעהר שלעכט. זייט מענשין! און פֿעסט אין גלויבין! דען אַללע אמת'ע קרעפֿטין אין הימעל און אויף דער ערד שטייען אייך צו הילף."

אויף דיעזע ווערטער, וועלכע האבין זייא זייער פֿיעל קוראַזש געגעבין, האט משיחי מבשר'ן זייער פֿיעל געדאנקט און ער האט איהם ווייטער געבעטין, דאס ער זאל צו זייא מעהר ריידין, אַזעליכעס וואס זאל זייא קראַפֿט און קוראַזש געבין אויף זייער וועג ווייטער צו גיין. און טאַקי דערפֿאר האט ער דאס פֿון איהם פֿערלאַנגט, וויל זייא האבין געוואוסט דאס ער (מבשר) איז אַ נביא; ער ווייס צו זאגין פֿאראויס וואס עס וועט מיט זייא פּאַססירען, און וויא אַזוי זייא וועלין קענען מנַצֵח און גוֹבֵר זיין דיא שלעכטע מאַכט. דאס זעלבע האט אויך נאמן בייא מבשר'ן פֿערלאַנגט.

און אַזוי האט מבשר אנגעהויבין ווייטער צו זייא צו זאגין: מיינע ליעבע קינדער, איהר האט געהערט דורך דיא בשורה הקדושה, דאס אין מלכות השמים מוזט איהר אַריינקומען דורך פֿיעל יסורים און ליידין; און אויך דאס אין יעדער שטאדט זיינען דאָ געגען אייך אַסאַך שונאים, צרות און שמערצין (פעלי השליחים י"ד כ"ב; כ' כ"ג), און דארום קענט איהר געוויס ניט האָפֿפֿען דאס איהר וועט אַ לאַנגע צייט

אויף אייער רייזע זיין אָהנע זיך מיט זייא צו בעגעגענען.
יאָ, מיט אַסאַך פון זייא האט איהר זיך שוין ביז אַהער
באַגעגינט, און נאָך אסאַך מעהר, וועט איהר אויף דער רייזע
ווייטער געוויס ערשט פאר זיך האבין. איצט ברידער זייט
איהר—וויא איהר זעהט עס געוויסס—כמעט באַלד אַרויס פון
דיעזער וויסטע, און באַלד וועט איהר צוקומען צו אַ שטאדט
וואס דאָרט וועט איהר פון שונאים אַרום־גערינגעלט ווערין,
וועלכע ווערין זיך דאַצו פעסט בעשליססען, אייך דאס לעבין
צו נעהמען. און זייט געוויס מיינע ליעבע, דאס איינער פון
אייך וועט געוויס האבין ממַלֵא צו זיין דעם רצון הבורא
ית"ש, מיט זיין אייגינעם בלוט צו אונטערשרייבין ד.ה. צו
בעווייזין דעם אמת פון דעם, אַט צו וועלכען איהר געהערט.
אבער זייט געטרייא ביז צום טויט! זיין מוזט איהר אויף
געוויס, דאס דיא קרוין פון עביגעם לעבין איז פאר אייך!
אָ, יענער פון אייך וועלכער מוז דאָרט שטאַרבין, האָטש זיין
טויט וועט זיין אַ שרעקליכער דורך דיא הענד פון דיא
ערגסטע שונאים, דאָך איז זיין גורל אַסאַך אַ בעססערער פון
זיין חבר'ס, וועלכער וועט לעבין בלייבין. און טאַקי ניט נאָר
דערפאַר אַליין, ווייל ער וועט פריהערט אריינקומען אין דער
הימלישע שטאדט, נייערט אויך דערפאַר, ווייל ער וועט שוין
דאַמאלסט פטור ווערין פון אַסאַך יסורים און נסיונות וועלכע
זיין חבר וועט נאָך האבין אויסצושטיין און דורכ־צומאַכין
אויף דער לאַנגער רייזע ביז ער וועט זוכה זיין צו צוקומען
צום הימלישען טהויער. זעהט, ווען איהר וועט אין דער
שטאדט אריינקומען און עס וועט מיט אייך אַזוי פאַססירען
וויא איך זאג אייך איצט פאָראויס, זאָלט איהר אייך דערמאַנען אָן
דיא ווערטער פון אייער פריינד, און איהר זאָלט דערבייא
טרייסט בעקומען און קראַפט, אַללעס מיט געדולד און
גלויבין צו דערטראָגין. זייט מענשין! האַלט אייך צופריעדען,

פֿעסט אין גלויבין! פֿארלאָזט אייערע נשמות אין גאנצין אויף גאט, לעבט היילִיג און געטרייא, און גיט זיך גאט איבער; אַזוי וויא מען דארף זיך פֿערטרויען אויף דעם בורא ית"ש!

דערנאך האב איך געזעהן אין חלום, דאס וויא זייא זיינען ארויסגעקומען פֿון דער וויסטע, האבין זייא פֿאַר זיך דערזעהן אַ שטאדט וועלכע מען רופֿט „הֲבֵל הֲבָלִים." אין יענער שטאדט איז אַ יריד וועלכען מ'רופֿט „דער יריד פֿון הבל הבלים," וועלכער איז טאַקי דאָרט אַ גאַנץ יאָהר, טאג און נאַכט. מ'רופֿט דעם יריד בייא דיעזען נאָמען, וויל דיא שטאדט אין וועלכע דיעזער יריד איז, איז פֿון לויטער הֶבֶל; און אויך טאַקי דערפֿאר, וויל דער גאַנצער האַנדעל און וואַנדעל אויף דיעזען יריד איז פֿון לויטער הֶבֶל-סחורה. וויא דער חכם זאגט אין קֹהלת „הכֹל הָבֶל." אט דיעזער יריד איז נִיט קיין נייע זאַך; אָ, ער איז זייער אַלט, און ער איז דאָרט פֿון גאַנץ אַלטע צייטין. לאָזט מיר אייך דערציילין דיא היסטאָריע פֿון דיעזען יריד. פֿאַר אַ 5 אדער 6 טויזינד יאָהר זיינען זיך אויך אָרענטליכע מענשאלאך געגאַנגען אויף דער רייזע צו דער הימלישע שטאדט, אַט אַזוי וויא דיא צווייא רייזענדער פֿון וועלכע מיר דערציילין דאָ אין אונזער ספר. אבער „בעל זבוב" „טייפֿיל" און „אשמדאי" מיט זייער גאַנצע קאָמפּאַניע האבין גלייך געמערקט אַן זייערע פֿיס-טריטט דאס זייער וועג וועט זיין דורך דיא שטאדט „הבל הבלים," און דארום האבין זייא בעשטימט אין דיעזער שטאדט אַ יריד צו גרינדען; וואס דאָרט זאָל אַ גאַנץ יאָהר געהאַנדעלט ווערין מיט אַללערלייא הבָלים. אויף דעם יריד ווערין טאַקי פֿערהאַנדעלט הייזער, גיעטער, שטעללען, הויך-שטאַנדען, פֿריוהייטין, טיטלען, לייט און לענדער, קעניגרייכין, לוסטיג-קייטין פֿערגניגונגען, פֿרעססערייען, זויפֿערייען און הורערייען, מאַן, ווייב און קינד, הערען און קנעכט, לעבען און בלוט,

לייב און זעעלע, זילבער און גאָלד, פעריל און דימאַנטען,
(ששי און מפטיר, רבנות און חזנות, מזרח וואַנד און גבאות);
און ווער ווייס וואס נאָך? אויסערדעם קענט איהר אויף
דיעזען יריד צו יעדער צייט געפינען כשוף מאַכעריייא,
בעטריגערייא, קארטין שפיעל, שכירים, טפשים, משוגעים,
אַפּפּען, שווינדלער, בייטעל שניידער, רויבערס, צבוע׳יאַקעס
און ליגנערס פֿון אַללערלייא מינים.

דאָ אין יריד קען מען נאָך זעהן, אָהן א קאָפּיגע געלד
צו שפּענדין, גנבות, רציחות, נאוף, פֿאַלש שווערערייא, און
דיא אין מאַנטלען איינגעוויקעלטע וועלכע זיינען רויט וויא
בלוט. און טאַקי אין דיעזען גרויסען וועלט יריד, וויא אין
דיא קליינע יריד׳לאך, זיינען דאָ גאַססין און אונטער
געססאלאך, וועלכע ווערין גערופֿען מיט נעמען נאָך דיא
פֿארשיעדענע סחורות-נאָך, וועלכע ווערין דאָרט פֿארהאַנדעלט.
אַזוי טאַקי זיינען דא אין דיעזען גרויסען יריד געוויססע
פלעצער (דאס הייסט גאַנצע לענדער און קעניגרייכין), וואו
דיא ספּעציעלנע סחורות אָט פֿון דיעזען יריד זיינען דא צו
בעקומען. דאָ איז דיא יודישע און דאָרט דיא ענגלישע גאַס;
דאָ דיא פֿראַנצייזישע און דאָרט דיא דייטשע גאַס; דאָ דיא
איטאַליענישע און דאָרט דיא רוססישע גאַס; דאָ דיא טערקישע
און דאָרט דיא אינדיאַנישע אָדער חינעזישע אָדער גאר נעגרישע
גאַס וואו עס ווערין אַללערלייא סחורות פֿון הבל הבלים
פֿערקויפֿט. יאָ, אבער אַזוי וויא אין יעדער יריד איז דאָ
געוויססע סחורות וועלכע ווערין אַם מייסטין אַנגעבאָטען און
זעהר געליעבט בייא דיא יריד-סוחרים אלץ דיא בעסטע
אויסגעצייכענטע סחורות, אַזוי איז אויך אין דיעזען יריד דאָ
ספּעציעלנע סחורות, וועלכע דיא סוחרים זוכען אַם מייסטין
צו פֿערקויפֿען. איך וויל נאר אנרופֿען צווייא וועלכע זיינען
זייער בעקאַנט, דאס זיינען דיא „תלמודישע און ריימישע

קאַטאָלישע סחורה" אָט דיא צווייא מינים הייסין בייא פֿיעלע יריד־לייט דיא בעסטע סחורות; נאָר פֿיעלע פֿון דיא ענגלענדער און נאָך איינינע נאַציאָנען האבין דיא סאָרטין סחורה ממאָס געווען.

און אַזוי וויא איך האב שוין געזאגט, גייט דער וועג צו דער הימלישע שטאדט, גערארע דורך יענע שטאדט וואו דיעזער גרויסער יריד איז. זעה, ווען איינער זאָל וועלין גיין צו דער הימלישע שטאדט ניט אָט דורך דיעזען יריד, וואָלט ער געדאַרפֿט גענצליך אַרויס פֿון דער וועלט. דער שר השרים אַליין ווען ער האט אויף אונזער עולם אַ וויזיט געמאַכט, איז ער געגאנגען צו זיך אַ היים טאַקי אויך דורך דיעזע שטאדט, און דורך דיעזען יריד אין מיטין העלין טאָג, ווען דער יריד איז געווען געפּאַקט מיט סוחרים. און מיר שיינט טאַקי דאס „בעל־זבוב" איז דאַמאלסט געווען דער יריד־פּריץ, און ער האט געוואָלט האבין דאס דער שר השרים זאָל קומען זיך אַנזעהן דיא סחורה פֿון יריד און איינקויפֿין זיינע הבלים; נאָכמעהר דער יריד־פּריץ האט איהם געוואָלט מאַכין פֿאר גובערנאַטער איבער דער שטאדט הבל הבלים, באופן דאס ער (דער שר השרים) זאָל פֿאַר דיא מענשען איהם כבוד געבין, ווען ער וועט דורך־פּאַססירען דיא שטאדט. און ווייל „בעל־זבוב" האט פֿאָר זיך דאַמאלסט געהאט דעם בעסטין און עדעלסטין פֿון דער גאַנצער וועלט, דאַרום האט ער איהם טאַקי גענומען און האט איהם געפֿיהרט פֿון גאַס צו גאַס, און האט איהם גאר אין אַ קליינע ווײלע געוויעזען אַללע ממלכות פֿון דער וועלט; דען „בעל־זבוב" האט געמיינט דורך דעם וועט ער ערגעץ אויף איין אופֿן קענען מאַכין, דאס דער הייליגסטער זאָל איבערגערייעדט ווערין, און זאָל עפּעס קויפֿין פֿון זיינע הבָלים. אבער פֿון זיינע אלע המצאות איז געוואָרין אַ נישט. דער עדלער פּרינץ

האט ניט געוואָלט שפּענדין אַ צובראָכענעם גראָשין אויף דיא אַלע הבלים, און ער איז פֿון יריד אַרויס ריין וויא ער איז געקומען. גאָר אַסאַך וואָלט געווען צו דערציילין פֿון דיעזען יריד; דען ער איז איין זייער אַלטער יריד, טאַקי פֿון טויזינדער יאָהר!

נוא, וויא מיר האבין שוין געזאגט, דיא צווייא רייזענדער, משיחי און נאמן, האבין דעם יריד גערדאַרפֿט דורכגיין, און דאס האבין זייא געטהון. אבער זעה וויא זייא זיינען נאָר צוגעקומען צום יריד, האבין זיך אַלע ירידלייט געגען זייא אויפֿגעריהרט, אַזוי שטאַרק, דאס עס האט געשיינט דאס דיא גאַנצע שטאדט איז איבער זייא צורודערט. אַלע האבין זייא אַרום גערינגעלט און עס איז געוואָרין אַ גרויסע אויפֿלויפֿינעש, טאַקי איבער דרייא סָבות: ערשטינס, וויל דיא רייזענדער האבין אויף זיך געטראָגין אַ מאַנטיל וויים וויא שנייא, (מעיל צדקה), וועלכער איז געווען גאַנץ פֿערשיעדען פֿון דיא אַללע קליידער פֿון דיא ירידלייט. אַללע אויף׳ן יריד האבין זייא אנגעקוקט מיט גרויסע אויגין: אייניגע האבין געזאגט זייא זיינען חסר דעת; אַנדערע האבין געזאגט זייא זיינען משוגעים; אַנדערע ווידער האבין געזאגט זייא זיינען אויסלענדער.—צווייטינס, דיא יריד לייט האבין זיך פֿאַרוְוּנדערט אויף זייער לשון, וועלכעס איז געווען אַזוי פֿארשיעדען גראד וויא זייער מאַנטיל. זייער ווענינ לייט אויף׳ן יריד האבין געקענט פֿאַרשטיין אַ וואָרט וואס דיא רייזענדער ריידין, דען דיא רייזענדער האבין נאַטירליך געשפּראָכין דיא שפּראַך פֿון דיא נביאים און פֿון משיח, דיא הימלישע שפּראַך; אבער דיא יריד לייט וויל זייא זיינען דאָך עולם הזה׳ניקעס האבין זייא אַ וואָרט ניט רעכט פֿארשטאַנען, און דאריבער האט עס ביים גאַנצין עולם אויף׳ן יריד געשיינט דאס דיא רייזענדער ריידין צווישען זיך עפּעס טאַטעריש.—דריטענס, און טאַקי

דאס האט דיא יריד לייט זייער אויפגערייצט, דאס בייא דיא צוויא רייזענדער האבין דיא אללע סחורות פון יריד גאר קיין ווערטה ניט געהאט; זייא האבין אפילו ניט געוואלט א קוק געבין אויף אללעס וואס דארט ווערט געהאנדעלט און גע־טריעבען. און ווען מ׳האט זייא איינגעלאדען עפעס צו האנדלען האבין זייא זיך דיא אויערין פערשטאפט פון צו הערין, און האבין געשריען „ווענדע אפ מיינע אויגין פון צו זעהן הבלים״ (תהלים קי״ט ל״ז). און זייא האבין זייערע אויגין אויפגעהויבין אין דער הויך, צו ווייזין, דאס זייערע אוצרות און האנדעל איז דארט אין דער הויך, אין היממעל!

א יריד מעקלער וועלכער האט אויף זייא געבליקט שפאטענדיג און מיט בזיון אויף זייער מאנטעל, האט זיך גראד צו זייא אפגערופען „וואס ווילט איהר קויפין?״ אבער זייא האבין איהם אנגעקוקט זייער ערינסט, און האבין איהם געענפערט „מיר קויפין דעם אמת!״—און טאקי דאס איז געווען דיא גרעסטע סבה דאס דיא הבל־הבלים מענשין האבין זייא אנגעהויבין מעהר צו שענדין. אייניגע האבין פון זייא געשפאטעט און געלאכט; אנדערע האבין זייא געזידעלט און געפלוכט; און גרעססערע עזות פנים׳ער האבין אלע זייערע גוטע ברידער צוזאמען־גערופען מען זאל זיך צו דיא רייזענדער נעהמען און זייא גוטע קלעפ אריינוואַרפין. ענדליך איז פון דעם געווארין א גרויסע ריידע אין דער גאנצער שטאדט, און דער גאנצער יריד איז געווען פולל מיט מהומה, אזוי שטארק, דאס עס איז געווארין איין איבערקערינעש אין הבל־הבלים, און דער גרויסער פריץ פון יריד האט דערפון צו־וויססען בעקומען. ער איז גלייך ארונטערגעקומען, און האט אויסגע־ווייל א גרויסע באנדע פון דיא בעסטע פון זיינע קאזאקין און ער האט זייא געשיקט זייא זאלין גיך גיין ברייננגען דיא מענשין, וועלכע דורך זייא איז שיער דער גאנצער יריד

איבערגעקעהרט געוואָרין, אום צו זעהן וואס איז עס עפּעס אויף איין מאָהל געשעהן?

אַזוי זיינען דיא צוויא רייזענדער געבראַכט געוואָרין פֿאַר דעם געריכט פֿון הבל־הבלים!

דיא וועלכע האבין זיך געזעצט זייערע שופטים צו זיין האבין בייא דיא רייזענדער געפֿרעגט: פֿון וואו זייא קומען, וואוהין זייא גייען, און וואס זייא טהוען דאָ עפּעס מיט אַזעליכע פֿרעמדע קליידער? דאַרויף האבין דיא רייזענדער געענטפֿערט, דאס זייא זיינען רייזענדער און גֵרים אין דער וועלט, און דאס זייא זיינען איצט אויף'ן וועג צו זייער לאַנד וועלכע איז דיא „ירושלים של מעלה" (ירושלים אין הימעל); און דאס זייא האבין דיא שטאדט לייט אָדער דיא סוחרים אויף'ן יריד מיט קיין זאַך ניט געררייצט דאס זייא זאָלין זייא אַזוי שלעכט בעהאַנדלען און זייא אויפֿהאַלטין אויף דער רייזע; נאָר דאס איינע, „ווען איינער האט אונז געפֿרעגט, וואס מיר ווילען קויפֿין? האבין מיר איהם געזאגט דאס מיר קויפֿין נאָר דעם אמת!"

דיא אבער וועלכע האבין זיך געזעצט דיא רייזענדער צו משפּט'ן האבין אַנדערש ניט געגלויבט, נאָר דאס דיא צוויא פֿרעמדע זיינען חסר דעה אָדער משוגע, אָדער דאס זייא זיינען אַזעליכע, וועלכע זיינען נאָר געקומען אין יריד אום אַ מהומה אָנצומאַכין. און דעראיבער האבין זייא זיך צו דיא רייזענדער גענומען מיט כעס, און האבין זייא געשלאָגין און באַשמירט מיט בלאָטע, און האבין זייא איינגעשפּאַרט אין איין אייזערנע שטייג דאס זייא זאָלין זיין צום שאַנד און צום שפּאָט ביים גאַנצין יריד עולם.

דיא אָרעמע רייזענדער זיינען דאָרט אין דער שטייג אַזוי אַ צייט געלעגין און זייא זיינען געוואָרין צום ציעל פֿון שפּאָט, רִשעות און נקמה. דער יריד פּריץ איז דאָרט געזעססין און

געקוואָלין איבער דאס אַללעס, וואס דיא רייזענדער האבין געהאט צו ליידין. ווייל אבער משיחי און נאמן האבין אַללעס פאר ליעב אנגענומען, און האבין זיך געהאלטין זייער געדול־דיג; זייא האבין ניט באַצאהלט אַ קללה פאר אַ קללה, נייערט פארקעהרט, זייא האבין געבענשט דיא וועלכע האבין זייא געשאָלטין, און האבין גוטע ווערטער אויף שלעכטע ווערטער געענטפערט; עדלע ווערטער אויף זידלערייא און ליידין וואס דיא יריד מענשין האבין זייא אנגעטהון — טאַקי דאס האט באריהרט אייניגע פון דיא שטאדט לייט, אָט דיא וועלכע האבין אַ ביססאלע בעססערין פארשטאנד, און וועלכע זיינען ניט אַזוי שטארק פארדאָרבין און ניט אַזוי פולל מיט אבזריות — זייא האבין אנגעהויבין זיך צו קריגען מיט דעם געמיינעם עולם, און האבין געשריען דאס עס איז אַ חרפה אַזוי שרעקליך דיא רייזענדער צו בעהאַנדלען. דאס געמיינע געזינדעל אבער, אנשטאט רוהיגער צו ווערין, זיינען זייא נאָך מעהר אויפגערייצט געוואָרין; דיא האבין אנגעהויבין אויך צו זידלען דיא מענשין וועלכע האבין זייא אַביססעל אויסגע׳מוסר׳ט און האבין אויף זייא אנגעהויבין צו שרייען „אָ, איהר זייט ניט בעססער פאר זייא; איהר זייט מיט דיא פרעמדע אין איין בונד געשלאָססין, און אייך דאַרף מען אויך געבין אַזא חֵלֶק וויא זייא האבין בעקומען!״ דיא פארשטענדיגערע האבין דאַרויף געענטפערט: „וויא ווייט מיר קענען נאָר זעהן, זיינען דיא רייזענדער רוהיגע מענשין און אונשולדיג, און ווילען קיינעם קיין שלעכטס ניט טהון; דאָ אין יריד, זיינען דאָ פיעלע, וועלכע האבין עס גיבער פארדיענט מ׳זאָל זייא אין דער שטייג אריינזעצען, יאָ מ׳זאָל זייא אויך אויף׳ן דאַך פון באָד ארויסשטעלען, איידער דיעזע אונשולדיגע מנעשין ליידין אנצוטהון!״

בכֵן, נאך אַסאַך וִכוחים און קריגערייא און זידלערייא

צווישען דיאביידע צדדים, איז צווישען זייא געווארין אַ שטארקער געטומעל, ביז זייא האבין זיך שטארק צו שלאגין און האבין זיך איינע דיא אנדערע מיט גוטע קולאַקעס מכבד געוועז, און זיך דיא פּנים'ער גוט צודראַפּעט. דיא צווייא איינגעשפּאַרטע אין דער שטייג אבער האבין זיך וויא זייער שטייגער אויפגעפיהרט, זייער פֿאַרשטענדליך, רוהיג און געדולדיג, קיינעם קיין ערגערנים ניט צו טהון.

דאָך, דאמאלסט האָט מען דיא צווייא רוהיגע רייזענדער נאָכאַמאָהל געפּיהרט פֿאַר דיא, וועלכע האבין זיך געזעצט זייא נאָכאַמאָהל אויסצופֿרעגין און צו משפּט'ן. און דיעזע שופטים האבין דיא רייזענדער בעשולדיגט, דאס זייא זענען דיא סִבה פֿון דיא מהומה און פֿון געשלעג וועלכע האָט פּאַססירט אין יריד. און אַזוי האבין זייא ערשט דאמאלסט דיא צווייא רייזענדער געהייסין אבזריש שמייסין און שמיעדען אין אייזערנע קייטין; און אַזוי געשמיעד'טערהייט אין דיא קייטין האָט מען זייא ארום געפּיהרט דעם גאַנצין יריד, כדי יעדער זאָל עס זעהן און יעדין אַ פּחד צו מאכין דאס עס זאָל זיך מעהר קיינער ניט אונטערשטעלן אַ גוט וואָרט פֿאַר זייא צו ריידען; בפרט זיך עפּעס מיט זייא אַנצוגעהערין אדער טהון דאס וואס זייא טהון.

אבער משיחי און נאמן האבין זיך אלץ מעהר געדולדיג געהאלטין; זייא האבין מקבל באהבה געוועז דיא אַלע חֲרפּות און בושה'ס וועלכע דיא יריד לייט האבין זייא אָנגעטהון, אלעס האבין זייא געליטטען מיט אַזאַ עֲנָוות און געדולד, דאס זייא האבין דורך דעם באַריהרט און צו זיך צוגעצויגין דיא הערצער פֿון איינינע לייט; אבער טאַקי נאָר איינינע, דען דיא וועלכע זיינען געוועז געגען זייא, זיינען געוועז זייער פֿיעל. און דאס האָט אונזערער רייזענדער'ס שונאים נאָכ־מעהר אויפגערייצט; אזוי שטארק, דאס זייא האבין זיך

בעשלאָססין, זייא מוזין דיא צווייא רייזענדער טייטין. און אַזוי האבין דיא יריד לייט גלייך דיא רייזענדער צְווִיססען געגעבין, דאס זייא וועלין ניט פֿארטיג זיין מיט דער תפיסה אין דער אייזערנע שטייג, מיט דיא אייזערנע קייטין און מיט אַלעם וואס זייא האבין געליטטען, נייערט׳ דאס מען וועט זייא נאָך אויף׳ן פֿייער פֿאַרברענען, פֿאַר דערפֿאַר ווייל זייא האבין אין יריד אַזאַ געטומעל געמאכט.

דערווייל האָט מען משיחי׳ן און נאמן׳ען צוריק איינ־געשפאַרט אין דער אייזערנע שטייג, און זייערע פֿיס האָט מען פֿעסט צום וואַנד צוגעשמידט, זייא זאָלין דאָרט אַזוי בלייבין, ביז דער יריד „בית המשפט” וועט וויטער זעהן וואס מ׳האָט מיט זייא צו טהון.

דאָ האבין זיך דאמאלסט דיא רייזענדער גוט דערמאַנט און נאָכגעדענקט אָן דיא ווערטער וועלכע זייא האבין געהערט פֿון זייער טרייען פֿריינד מבשר, וועלכער האָט זייא דאס אללעם פֿאָראויס געזאָגט. און דאדורך זיינען זייא אין גלויבין געשטאַרקט געוואָרין, גערולדיג צו ליידין און צו דערטראָגין אללעם וואס זייא האבין אויסצושטיין אויף זייער רייזע. זייא האבין אויך איינער דעם אנדערין געטרייסט, מיט דיא ווערטער, דאס וועלכער פֿון זייא וועט האבין מעהר צו ליידען דער וועט אויך האבין טרייער און בעססער געדיענט דעם מלך מלכי המלכים; און טאַקי דעריבער האָט יעדער איינער פֿון זייא, בייא זיך אין הארצין געוְוּנשען, דאס ער זאָל זיין דער איינער, וועלכער זאָל דיא כּחות האבין מעהר צו ליידין פֿאַר דעם פרינץ וועלכער האָט אום זייערט ווילען מעהר געליטטען. זיך איבערגעבענדיג אין דיא הענד פֿון דעם, וועלכער רעגירט און פֿיהרט אללעם אין דער וועלט נאָך זיין הייליגען רצון, האבין זייא זיך צופֿריעדען און גערולדיג גע־האלטין אין דעם מצב אין וועלכען זייא זיינען דאמאלס

געוועז, וואַרטענדיג אויף דער צייט, ווען זייער לאַגע וועט זיך ענדערין און זייא וועלין צו אנדערעס צוקומען.

אין אַ בעשטימטע צייט האבין דיא ירידז לייט געזוכט דיא רייזענדער פאַר דאס געריכט צו ברייננגען אום זייא צום טויט צו פאַרמשפט'ן; און ווען דיא צייט איז געקומען זיינען דיא רייזענדער געבראַכט געוואָרין פאַר דיא יריד שופטים, זייערע שונאים, זייא זאָלען זייא פאַרמשפט'ן דעם ראש־בית־דין האט מען גערופען „ר' פיינד־פון־גוטעס." דיא טענות געגען דיא רייזענדער זיינען געווען, חאָטש אַביססעל אנדערש געשלייערט, אבער דאך דיא זעלבע טענות וואס פריהערט. היינו „דאס דיא רייזענדער זיינען שונאים פון יריד מסחר און זייא זוכען איהם צו שאדין; דאס זייא האבין אין דער שטאָדט „הבל הבלים" און אין יריד אָנגעמאַכט גרויסע קריגערייא און שלעגערייא, און זייא האבין צו זיך צוגעצויגען אַ פאַר־טייא, וועלכע האַלטין, דאס זייערע מיינונגען זיינען גוט, אַזעלכע מיינונגען וועלכע זיינען געגען דיא מנהגים און דאס געזעץ פון דעם גרויסין יריד־פריץ."

אויף דעם האָט נאמן געענטפערט: דאס ער האָט זיך נאָר אַנטקעגין געשטעללט געגין דעם, וועלכער האָט זיך אַנטקעגין געשטעללט געגין מלך מלכי המלכים, וועלכער איז דער העכסטער. און וועגין דיא מהומה אין יריד וואס מען בעשולדיגט איהם, קען ער נאָר אַזוי פיעל זאָגען, דאס ער האט קיין מהומה געמאכט, דען ער אַליין איז איין רוהיגער מענש, אַ מענש וועלכער ליעבט נאָר שלום. „דיא פאַרטייא וועלכע שטימט צו צו אונזערע מיינונגען" — האט נאמן ווייטער געזאָגט — „איז נאָר דאדורך ענטשטאַנדין, ווייל זייא האבין דעם אמת אַביססעל דערקענט, און זייא האבין איינגעזעהן דאס מיר זיינען אונשולדיג, און מיט דעם האבין זייא נאָר (דיא פאַרטייא מענשין) זיך אָפגעקעהרט פון

שלעכטיי צום גוטען וועג. און וועגין דאס וואס איהר קלאָגט דאס מיר זיינען געגען אייער פריץ, קען איך אייך טאַקי זאָגין, דאס אַזוי לאַנג וויא דער אַשמדאַי איז אייער פריץ— דער שונא פֿון אונזער מלך—וויל איך איהם און זיינע אלע שֵׁדים ניט קענען און וויססען." דארויף האָט מען געלאָזט אין יריד אויסרופֿען: „ווער עס האט נאָר עפעס צו זאָגין געגען דיא געפֿאַנגענע רייזענדער לכבוד דעם יריד־פריץ און קייסער, זאָל קומען און עדות זאָגין געגען זייא!"

גלייך זיינען געקומען צולויפֿען דרייא פֿון יריד אום עדות צו זאָגין, פונקט אַזוי וויא דיא שופטים האָבין געוואלט. איינעם פֿון דיא עדות האָט מען גערופֿען—קנאה, דעם אנדערין —פֿאַלשער־גלויבען, דעם דריטטען—לשון־הרע'ניק. דער ראש־בית־הדין האָט בייא דיא עדות אַ פֿרעג געטהון אויב זייא קענען דיא צווייא געפֿאַנגענע וועלכע שטייען אום פֿארמשפט צו ווערין, און אויב זייא האָבין עפעס צו זאָגין געגען דיא געפֿאַנגענע לכבוד דעם פריץ פֿון הבל הבלים?

„געוויסס"—האָט קנאה גלייך געענטפֿערט—„איך קען אָט דיעזען (נאמן'ען) זייער גוט שוין פֿון לאַנג, און איך בין גרייט צו שווערין, דאָ פֿאַר דעם כסא המשפט, דאָס——"

דער ראש־בית־דין: האַלט! גיט איהם אַ שבועה. קנאה האָט גלייך אפגעשוואָרין, און האָט ווייטער געזאָגט: „מיין הערר, דיעזער מאַן חאָטש ער האָט אַ שיינעם נאָמען, איז ער דאָך איינער פֿון דיא געפֿעהרליכסטע מענשין אין אונזער לאַנד; ער פֿרעגט ניט נאָכ'ן פריץ, ניט נאָך דאָס פֿאָלק, ניט געזעץ, ניט מנהגים. ער טהוט נאָר אַללעס וואָס ער קען אום אין דאָס פֿאָלק איינצופֿלאַנצין זיינע דעות; דעות וועלכע ער רופֿט „עקרים פֿון אמונה און הייליגעס לעבין." איך אליין האָב פֿון זיין מויל געהערט וויא ער האָט געזאָגט דאס „אמת'ע אמונה" און „דיא מנהגים פֿון אונזער שטאָדט הבל הבלים,"

זיינען גענצליך מִתְנַגֵד איינער דעם אַנדערין; און דאָס זייא וועלין קיינמאָהל ניט פֿאראייניגט ווערין. אָט מיט דיא ווערטער, מיין הערר, טהוט ער ניט נאָר מְבַזֶה זיין אַלע אונזערע מנהגים און אונזער אַרט לעבין, נייערט אויך אונז פערזענליך, וועלכע פֿיהרען זיך נאָך דיא מנהגים פֿון אונזער לאַנד, און לעבין אַזאַ סאָרט לעבין."

דער ראש-בית-דין: האָסטו נאָך וואָס צו זאָגין?

קנאה: מיין הערר, איך וואָלט נאָך געקענט אַסאַך מעהר זאָגין, נאָר איך וויל ניט מיט מיין עדות אַסאַך צייט אַוועק-נעמען. דאָך ווען עס וועט נאָר נייטיג זיין—אום איהם אויס-צוראָטטען פֿון דער וועלט—נאָך דעם ווען דיא אַנדערע עדות וועלין שוין האבין געענדיגט, וועל איך נאָך מעהר האָבין צו זאָגין געגען איהם.—און אַזוי איז קנאה געבעטין געוואָרין ער זאָל זיך שטעללען אָן אַ זייט, און מען האָט גלייך „פֿאַלש-גלויבען" צוגערופֿען ער זאָל אויך זאָגין געגען דעם געפֿאַנגענעם לכבוד זייער פריץ

אַזוי האָט מען אויך „פֿאַלש-גלויבען" בעשוואָרין און ער האָט אָנגעהויבין צו ריידין: מיין הערר, איך האָב קיין גוטע בעקאַנטשאַפֿט מיט דיעזען מענשין, ניט אַמאָהל ווילט זיך מיר עפעס צו וויססען פֿון איהם. דאָך וויים איך דאָס ער איז געפֿעהרליך וויא אַ מגפה. דאָס וויים איך דורך אַפאָר ווערטער וואָס איך האָב פֿון איהם ערשט נעכטין געהערט, וויא ער האָט געזאגט, דאס אונזער גאַנצע רעליגיאָן איז פֿאַלש, און דאָס קיינער פֿון אונז האָט דאָס רעכט צו דענקען דאס דורך אַזאַ רעליגיאָן וועט ער גאָט געפֿעללען. איצט, מיין הערר, קענט איהר אייך שוין אליין דענקען וואָס אַזעליכע ווערטער קענען בריינגען און וואָס אַזעליכע ווערטער ווילען זאָגין, דאָס אונזער גאָטעס דיענסט, איז איין עבודה וועלכע איז גאָר ניט ווערטה, און דאָס מיר זיינען נאָך אַללע אין אונזערע זינד, און דאָס

מיר וועלין אַללע ענדליך ביים יום הדין פֿאַרלוירין גיין!— יאָ דאָס דאַכט מיר איז גענוג געזאָגט!

איצט האט מען „לשון־הרע׳ניקען" בעשוואָרין און איהם אויך געפֿרעגט וואָס ער האָט צו זאָגין געגען דעם געפֿאַנגענעם לכבוד דעם פּריץ? אַזוי האָט לשון־הרע׳ניק זיין מויל אויפֿגעמאַכט און געזאָגט: מיין הערר, און איהר אַללע מיינע טייערע הערריז, אָט דיעזען קערל קען איך שוין פֿון אַ צייט; און איך האָב איהם געהערט ריידענדיג אַזעליכעס, וואָס איך וויל עס גאר ניט אויף מיין מויל ברייגגען. וויל ער האט געשפּאָט און געלאַכט פֿון אונזער גרויסין פּריץ, און ער האט גערעדט שענדליכעס איבער זיינע בכבודיגע פֿריינד, וועלכע זיינען דאָך בעקאַנט מיט זייערע טייערע נעמען: הערר „אַלטער־מענש," הערר „פֿליישעס־לוסט," הערר „לוקסוס־טרייבער," הערר „פֿאַלשין כבוד־זוכער," דער אלטער לאָרד, הערר „פֿיעדלער" און דער פֿירסט, הערר „בעל תאוה׳ניק"; און אויף אונזערע אללע עדעל לייט. און ער האט נאך מעהר געזאגט, ווען אַללע מענשין זאלין זיין אין זיינער מיינונג, וואלטין אַזעליכע פריצים געווים מעהר ניט געוועזן צו זעהן אויף דער וועלט. אויסערדעם האט ער זיך גאָר ניט געשראָקין אויך פֿון דיר, מיין הערר,—וואס דאַרפסט איצט זיין שופט זיין—צו שפּאָטען, און דיך צו רופֿען מיט שענדליכע נעמען „גאָטלוויזער" „שלעכטער מענש," און נאָך מעהרערע שענדליכע נעמען מיט וועלכע ער האט בעשפּאָטעט כמעט אללע נויבעלע לייט פֿון אונזער שטאדט.

וויא לשון־הרע׳ניק האט זיין דערציילונג געענדיגט, האט זיך דער ראש־בית־דין אָפּגערופֿען צו נאמן׳ען, וועלכער איז פֿאר איהם געשטאנען: דוא ימחשמו׳ניק, משומד, פֿאַלשער מענש, האסטו געהערט וואס דיא עהרליכע לייט האָבין דאַ פֿון דיר געזאגט?

נאמן: האב איך דאס רעכט איינינע ווערטער צו זאגין, אום מיינע גערעכטיגקייט איבער־צו־ווייזין?

דער ראש־בית־דין: שטות, שטות, ביסט ניט ווערטה דיך גאָר לענגער לעבין צו לאָזין, נייערט דיך אויף'ן פלאַץ אָט שוין צו פֿאַרברענען. דאָך, מענשין זאָלין חאָטש זעהן דאס איך פֿיהר מיך מיט דיר אויף וויא איין עדעלמאַן, רעד, לאָם'מיר הערין וואס דוא זוכסט נאָך צו זאָגין.

נאמן: ערשטינס וויל איך זאָגין אויף דעם וואס „קנאה" האָט דא גערעדט, דאס אַללעס וואס איך האב געשפּראכין האב איך קיין אַנדערעס וואָרט ניט געזאגט, נאר דאס, דאס יעדער לעהרע, געזעץ, מנהג אַדער קהלה, וועלכע זיינען מתנגד צו דאס, וואס גאָט וויזט אונז אין זיין הייליגעס וואָרט וועלכעס ער האט מגַלֶה געווען דורך דיא נביאים זיינען אויך מתנגד צו דיא אמונה פֿון משיח. ווען איך זאג דאס מיט אונרעכט, זייט'זשע איהר אַזוי גוט, און וויזט מיר מיין טעות, נאָר ווען איהר קענט ווייזין דאס איהר זייט גערעכטער פֿאַר מיר וועל איך מבטל זיין דאָ פֿאַר אייך אללעס דאס וואס איך האָב געזאגט!

צווייטינס, וויל איך זאגין אויף דעם וואס „פֿאַלש־גלויבין" האט געגען מיר געזאגט, איך זאָג, אום גאָט צו דיענען, מוז מען האבין אַ גלויבען וועלכען גאָט ב"ה אליין גיט אונז. אבער אַ גלויבען פֿון גאָט ב"ה קען אין דער וועלט ניט זיין אָהן א התגלות אלהים, דורך וועלכעס גאָט זאגט אונז זיינע מחשבות און זיין רצון. און דאַרום קען איך עס פֿעסט זאָגין, דאס יעדער זאַך, וועלכעס מען האט אריינגעמישט אין דער רעליגיאָן, און עס שטימט ניט איין מיט דיא התגלות אלהים, קען נאָר געהאַלטין ווערין דורך אמונה אין מענשין, וועלכע האבין דאס און דער רעליגיאָן אריינגעמישט. אַזאַ רעליגיאָן קען אָבער דיא מענשין ניט אייביגעס לעבין געבין.

דריטטענס, וויל איך זאָגען דעם אויף דעם וואָס לשון־הרע'ניק האָט געטענה'ט געגען מיר: טאַקי דער פריץ פֿון דיזער שטאַדט, מיט דיא אַלע מורדים, זיינע דיענערס; אָט דיא אַללע וועלכע הערר לשון־הרע'ניק האט זייא אַנגערופֿען בייא דיא נעמען, פֿאַססען ווירקליך אללע בעססער אין גיהנום צו זיין, איידער דאַ אין דיזעס לאַנד.

יאָ! טאַקי אַזוי; גאָט האב רחמים אויף מיר!

דאַמאלסט האט דער ראש־בית־דין צוזאממען גערופֿען אללע דַיָנִים וועלכע זיינען ביז איצט געשטאַנען פֿון וויטינס און זיך צוגעהערט צו דיא טענות, און ער האט זיך צו זייא אפגערופֿען: טייערע רבנים דַיָנִים, דא זעהט איהר דעם מענשין וואס איבער איהם איז געוואָרין אַזאַ מהומה אין דער שטאַדט; אויך האט איהר געהערט וואס דיא עדלע מעננער האבין אויף איהם עדות געזאגט, אויך וואס ער האט געענטפֿערט און וואס ער האט מיט זיין מויל מודה געווען. איצט איז ער אין אייערע הענד דאס איהר קענט מיט איהם טהון וואס איהר ווילט, היינגען אדער דאס לעבען שיינקין; דאָך דענק איך, עס וועט גוט זיין אויך צו דערמאַנען דיא געזעצין פֿון אונזערר חושן משפט.

נאָך אין דיא צייטין פֿון פרעה הגדול (אַ טרייער דיענער פֿון אונזער פריץ) איז אַ געזעץ אַרויסגעגבין געוואָרין דאס מען זאל קינדער אין טייך וואַרפֿין כדי עס זאלין זיך ניט פֿאַר־מעהרין און ניט זיך שטאַרקין, אָט דיא, וועלכע זיינען געגען זיין רעליגיאָן. אויך אין דיא צייטין פֿון נבוכדנאצר הגדול— אויך אַ טרייער דיענער פֿון אונזער פריץ—איז נאָכאַמאהל אַ געזעץ אַרויסגעגעבין געוואָרין דאס יעדער איינער וועלכער וועט זיך ניט וועלין בוקין צו זיין גאָלדענעם געטש זאָל מען איהם אין פֿייער וואַרפֿען. אויך אין דיא צייטין פֿון דָרְיָוֶש איז אַ געזעץ אַרויסגעגעבין געוואָרין, דאס יעדער איינער וועלעכער

וועט תּפלה טהון ניט צו איהם, זאָל געוואָרפֿין ווערין פֿאַר דיא ווילדע לייבין. נוא אָט זעהט איהר דאס דיעזער מורד האט עובר געוועזן אויף דיא אַללע געזעצין, ניט נאָר במחשבה — וואס דאס אליין איז שוין אַ גרויסער פֿאַרברעך — נייערט אויך דורך זיין ריידין און טהון. עס איז שרעקליך. אַזעליכען איז אונמעגליך לעבין צו לאָזין! דען איהר זעהט דאָך, פּרעה, דער גרויסער, האט דאס געזעץ געמאכט, נאָך איידער עפּעס איז נאָך געשעהן, כדי טאַקי קיין שלעכטס זאָל ניט דערלעבין צו קומען, אבער דא איז שוין דאס שלעכטע פֿאַר אונזערע אויגען. און ווייטער קענט איהר איהם בעטראכטין דורך דאס צווייטע און דריטע געזעץ וועט איהר דאָך זעהן, דאס ער האט מעהר קיין רעכט צו לעבין, דען ער רעדט געגען דיא רעליגיאָן, אויך איז ער אַ מורד במלכות, וויא ער האט אַליין פֿאַר אייך מודה געוועזן. ער האט ניט אנדערעס פֿאַרדיענט נאָר דעם טויט!

דער ראש־בית־דין האט זיין דרשה געענדיגט און דיא דַיָנים זיינען אריינגעגאנגען זיך וועגען דעם ענין צו באַקלערין.

איך בין אַ בעל'ן דיא דינים אויסצורעכנען בייא זייערע נעמען: רבי בלינדער, רבי ניט־גוטער, רבי צוֹרֵר, רבי חיה־רעה, רבי טויטע־נשמה, רבי האַרט־נאַקין, רבי גאוה, רבי שנאה, רבי שקרן, רבי אכזר, רבי ליכט־פֿיינד און רבי האַרט־האַרץ. אָט יעדער איינער פֿון זייא האט זיין דעה געזאגט איבער דעם געפֿאַנגענעם און ענדליך האבין זייא אַללע צוזאממען בעשלאָססין, איהם פֿאַר'ן ראש־בית־דין מחיב מיתה צו זיין. רבי בלינדער, וועלכער איז געוועזן דער גרעסטער פֿון דיא דַיָנים, האט געזאגט: איך זעה דייטליך דאס דיעזער מענש איז אַ כופר בעקר. רבי ניט־גוטער האט געזאגט: אַזאַ קעריל מוז מען אַוועקמאכין פֿון דער וועלט. אַי יאָ, — האט רבי צורר אונטערגעברומט — שוין זיין בליק

קען איך ניט ליידען. רבי חיה־רעה: אוי, איך קען איהם ניט דולדין. רבי טויטע־נשמה: אויך איך ניט, דען אַללע צייטין זאגט ער, דאס איך גייא אין וועג פֿון טויט. רבי האַרט־נאַקין: אָ דיא תליה! נאַר דיא תליה האט ער פֿאַרדיענט! רבי גאוה: אָ ער איז אַ שאַנד פֿאַר דיא מענשין. רבי שנאה: אָ, מיין גאַנצעס האַרץ האט איהם פֿיינד. רבי שקרן: ער איז איין ליגנער און בעטריגער. רבי אכזר: אָ, דיא תליה איז נאָך פֿאַר איהם צו וועניג! רבי ליכט־פֿיינד: מיר דאַרפֿין איהם וואס גיכער אַראָפּשאַרין פֿון וועג.—צום לעצט האט רבי האַרט־האַרץ געענדיגט און באַשטייטיגט דעם פּסק, און געזאגט „ווען מ'זאָל מיר אויך דיא גאנצע וועלט געבין, וואלט איך איהם דאָך ניט געקענט מוחל זיין; לאָזט אונז וואס גיכער אויף איהם דעם טויט אונטערשרייבין."

נאָכדעם וויא עס איז בייא זייא בעשטימט געוואָרין זיינען זייא צום ראש־בית־דין ארויס, און האבין גלייך דעם פּסק־דין פֿאַרטיג געמאכט, דאס נאמן מוז געמשפּט ווערין צום טויט. גלייך האט מען איהם פֿאַרמשפּט דאס ער זאָל געפֿיהרט ווערין פֿון דעם אָרט וואו ער איז איצט געוועזן צום אָרט פֿון וואו ער איז גענומען געוואָרין, און דאָרט זאָל מען איהם טייטין מיט דעם שרעקליכסטען טויט. און אַזוי האבין זייא איהם אַרויסגעפֿיהרט, מיט איהם צו טהון אַזוי וויא זייער חשן משפּט האט געהייסין. ערשטינס האבין זייא איהם מיט בייטשין געשמיססען און אין פנים געפּאַשט און זיין פֿלייש מיט מעססערם צוריססען; דערנאָך האבין זייא איהם מיט שטיינער פֿאַרוואָרפֿין און מיט שפּיזען צושטאָכין, און דערנאָך ערשט האבין זייא איהם, וויא געזאגט, צו אַש פֿאַרברענט.

אַזוי איז דער טרייער נאמן פֿון דער וועלט בעהאַנדעלט געוואָרין, אבער ער איז פֿון איהר לויז געוואָרין און איין בעססערע

בעקומען, דען איך האב געזעהן, וויא הינטער דעם ווילדען הויפען פון דיא הבל הבלים לייט, איז געשטאַנען אַ גאָלדענער וואָגען מיט פייעריגע פערד געשפאַנט, און גלייך וויא זיינע פיינד האבין איהם שוין מעהר גאָר ניט געקענט טהון, איז ער ארויפגענומען געוואָרין אויף'ן וואָגין און איז אויפגעהויבין געוואָרין אין הימעל, וואו עס האָט זיך גלייך געהערט געוואָרין אַ שטאַרקעס שופר בלאָזין, און איין פרייליכער „ברוך הבא" פון דעם, וועלבער זיצט אויף דעם שטול אין דער הויך און איז דער קעניג פון אַללע קעניגין; און אַללע צדיקים און מלאכים האבין געזונגען פאַר פרייד, הללויה! הללויה!

יאָ, דאס איז געוועז דער נאָהנסטער וועג צום אייביגען גליק.—ניט אַזוי אבער איז עס געגאַנגען מיט משיחי'ן. איהם האבין דיא יריד לייט ניט אַזוי שטאַרק באמערקט, דארום האבין זייא צו איהם ניט אַזאַ שטאַרקע פיינדשאַפט געהאט. איהם האט מען צוריקגעפיהרט אין דער תפיסה וואו ער איז נאָך אַ צייט לאַנג געבליבען איינגעשפאַרט; אבער דער, וועלבער רעגירט און פיהרט אַללעס אין דער וועלט נאָך זיין רצון נאָך, און וואס אין זיינע הענד זיינען אויך אַללע קרעפטין און געוואַלד—ער האט דיא זאַך אַזוי געפיהרט, דאס משיחי איז ענדליך פון זייערע הענד געגנצליך ארויס, און איז זיך ווייטער זיין וועג געגאנגען; און גייענדיג אויף זיין וועג האט משיחי געזונגען:

אָ, נאמן, דיא ערד איז נאָך נאַס פון דיין בלוט
און דוא האסט שוין עררייכט דאס אייביגע גליק!
גליקליכער!—ווער קען שוין איצט רויבין דיין מוטה?
ווער קען דיר שאַדין אדער טרייבין צוריק?
לויז ביסטו פון טייפיל, פיין, שמערץ און ליידין;
אָה, וויא זעה איך מיר שוין אויך אויף יענער זייט?
וואו אללעס אָטהעמ'ט נאָר לופט פון גַן־עֵדֶן
וואו אַללעס רוהט אין דעם שוים דער אייביגקייט!

# דרייצענטעס קאפיטעל.

אויצט האב איך געזעהן אין חלום, דאס ווען משיחי איז ארויס פֿון דער שטאָדט „הבל הבלים" איז ער אויף זיין וועגס ווייטער ניט אַליין געווען, דען מיט איהם איז געוועזן איינער, וועלכען מ'האט גערופֿען „האָפֿנונגספֿולל." אט דיעזער, ווען ער האט געזעהן אַללעס, וואס משיחי און נאמן האבין געליטען אום זייער אמונה וועגין, אויך זעהענדיג וויא גוט און געטליך זייא האבין זיך ביידע אויפֿגעפֿיהרט דיא גאַנצע צייט—האט ער משיחי'ן אַזוי ליעב בעקומען, דאס ער האט זיך צו איהם צוגעשלאָססין מיט איהם צוזאַמען צו רייזין צו דער הימלישע שטאדט. און טאַקי אַזוי האב איך בעטראַכט, חאָטש איינער האט דעם טויט געליטען אום דעם אמת מיט זיין בלוט צו פֿאַרזיעגעלן (אונטערשרייבין), איז דאָך גלייך איין אנדערער ארויסגעוואַקסען, וויא געזאגט, פֿון אונטער דעם הויפֿין אַש, צו זיין אַ ברודער צו משיחי'ן אויף דער גאַנצע רייזע. דיעזער מאַן, האָפֿנונגס-פֿולל, האט אויך משיחי'ן געזאגט, דאס עס זיינען נאָך דאָ אַסאַך מעהר צווישען דיא יריד לייט, וועלכע וועלין געווים באַלד דאס זעלבע טהון וואס ער, היינו, רייזענדער ווערין צו דער הימלישע שטאדט.

און אַזוי האב איך ווייטער געזעהן, דאס וויא זייא זיינען נאָר ארויס פֿון יריד פלאַץ האבין זייא געטראָפֿין אַ מאַן וועלכער איז פֿאָר זייא געגאַנגען; איהם האט מען גערופֿען הערר „זייטין-וועג." זייא האבין איהם געפֿרעגט וואס פֿאר אַ לאַנדסמאַן ער איז? און וויא וויט ער גייט אויף'ן וועג?

דאַרויף האט ער געענטפערט, דאס ער איז פון דער שטאדט „שיין־ריידין" און דאס ער איז אויף דער רייזע צו דער הימלישע שטאדט. זיין נאָמען אבער האט ער זייא ניט געזאגט.

משיחי: פון „שיין־ריידין?" וואו? זיינען דאָרט דא מענשין וועלכע זיינען פיר דאס מלכות השמים?

זייטין־ווּעג: יאָ' איך מיין אַזוי.

משיחי: וואָלט איהר מיר ערלויבין אייער נאָמען צו וויססען?

זייטין־וועג: אָ, איך בין אייך גענצליך פרעמד, אויך איהר מיר. ווען איהר גייט אויך דעם וועג וועט עס מיר זייער גוט זיין מיט אייך צוזאַמען צו רייזין; אבער ווען ניט, מוז איך זיין צופריעדען אָט וויא עס איז.

משיחי: וויא עס געדיינקט זיך מיר האב איך געהערט דאס „שיין־ריידין" איז אַ געגענד פון עשירות.

זייטין־וועג: געוויס, דאס קען איך אייך פאַרזיכערין; און איך האב דאָרט אויך רייכע פריינד.

משיחי: נעהמט עס מיר ניט פאַראיבעל, קענט איהר מיר זאגין ווער אייערע פריינד זיינען דאָרט?

זייטין־וועג: כמעט אַ יעדער דאָרט. בפרט דיא גבירים, הערר „דרייענדיגער," הערר „צייט־מענש," הערר „שיין־ריידער" (וואם דיא שטאדט וועט טאַקי גערופען אויף זיין נאָמען); אויך הערר „גליטש־מאַן," הערר „אויף־אַללע־זייטין" הערר „אַללערלייא"; און אויך דער מגיד פון אונזערע קהלה הערר „צוויי־צונגיג"; ער איז מיין מוטער'ס ברודער פון פאַטער'ס צד. און איך וועל אייך דעם גאַנצין אמת זאגין דאס אויך איך בין געוואָרין איין בכבוד'יגער מאַן אין דער וועלט פון דער בעססטע קלאַססע מענשין; האָטש מיין עלטער זיידע איז נאָר געוועזן אַ שיפסמאַן וועלכער האט געקוקט צו דעם ברעג

און געפֿאָהרען צו יענעם ברעג, און איך אַליין בין טאַקי געקומען צו מיין גליק אָט דורך אַזעליכע קונצין.

משיחי: האָט איהר אַ ווייב?

וייטין־וועג: יאָ; און מיין ווייב איז טאַקי אַ צנועה בת צנועה, מאַדאַם צבועה'ס טאָכטער. זיא שטאַמט אַרויס פֿון גרויסין יחוס, און אָט ד'ריבער איז זיא ארויפֿגעקומען צו אַזאַ הויכע מדרגה אין בילדונג, דאס זיא וייס וויא אַזוי בייא יעדין איינעם איין גוטען איינדרוק צו מאכין, ביים הויכען עולם וויא ביים ניעדעריגען. אמת, מיר שטימען ניט פונקטליך איין אין רעליגיאָנ'ס זאַכין מיט דיא, וועלכע זיינען אונז צו עקשן'דיג, אבער דער אונטערשיעד איז אין גאַנצין אין צוויא קלייניגקייטען: ערשטינס, מיר גייען ניט געגען ווינד און שטורם. צווייטינס, מיר ווערין ערשט דאַמאלסט רעכט ערינסט אין דער רעליגיאָן, ווען דיא רעליגיאָן גייט אָנגעטהון מיט זילבערנע שיכאַלאַך; מיר האבין דאַמאלסט ליעב צו גיין מיט דער רעליגיאָן שפּאַציערען ווען דיא זון שיינט אויף איהר, און ווען דיא מענשין ציעהען פֿאַר איהר דעם הוט אַרונטער.

דאַמאלסט האב איך געזעהן וויא משיחי האָט זיך אַוועקגעטהון צו זיין חבר האָפֿפֿנונגס־פֿולל און האט צו איהם געזאגט: עס שיינט מיר דאס דיעזער איז איינער וועלכען מ'רופֿט „זייטין־וועג פֿון דער שטאדט שיין־ריידין," און ווען עס איז אַזוי וויא איך דענק, האבין מיר איצט צווישען אונז איינעם פֿון דיא גרעסטע בּמָאים וועלכע זיינען דא זייער פֿיעל אין דיעזער געגענד. ד'רויף האט האָפֿפֿנונגס־פֿולל געזאגט: פֿרעג איהם גאַנץ איינפֿאַך אויב ער איז עס? מיר שיינט ער וועט זיך ניט שעמען צו זאגין וויא ער הייסט.

אזוי האט משיחי נאָכאַמאהל אָנגעהויבין מיט איהם צו ריידין און האט צו איהם געזאגט: הערר, איהר רעדט גלייך

וויא איינער וואס ווייס עפעס מעהר אַלס אנדערע, און אויב איך האב נאָר קיין טעות ניט, דאַכט זיך מיר דאס איך ווייס שוין באַלד מעהר וויא האַלב ווער איהר זייט; איז ניט אייער נאָמען „הערר זייטין־וועג פֿון שיין־ריידין?"

זייטין־וועג: אַזוי היים איך ניט. אָט דיעזער ביינאמען ווערט מיר געגעבין פֿון יענע מענשין, וועלכע קענען מיר ניט ליידין, איך מוז דיעזע שאַנדע געדולדיג טראגין, גלייך וויא אנדערע גוטע מענשין פֿאָר מיר האבין אַזעליכע בזיונות געליטען.

משיחי: אבער האט איהר זיך ניט אַזוי אויפֿגעפֿיהרט דאס דיא מענשין זאָלין רעכט האבין אייך מיט דיעזען נאמען צו רופֿען?

זייטין־וועג: קיינמאהל, קיינמאהל ניט! דאס ערגסטע, וועלכעס איך קען מיר דענקען דאס איך האב געטהון, וועלכעס זאָל דיא סִבָּה זיין זייא זאלען מיר אַזאַ נאמען געבין, איז נאָר דאס, דאס איך האב אַלע מאָהל דאס גליק געהאַט אַזוי צו דענקען און צו לעבין אָט וויא עס פּאַסט זיך צו דער נייע צייט, און דאַדורך טאַקי מצליח צו זיין און האבין דאס וואס ווילט זיך מיר. אָט אַללעס וואס איז מיר דאַדורך געקומען זעה איך אָן וויא אַ ברכה פֿון גאט; אבער געוויס, ד'ריבער דאַרפֿין שלעכטע מענשין איבער מיר קיין לשון־הרע ריידין.

משיחי: נוא, איך האב עס מיר אבער געדאַכט, דאס איהר זייט טאַקי דער־מאַן פֿון וועלכען איך האב געהערט. און אייך זאגען מיינע מיינונג, האב איך מורא, דאס דער נאמען פּאַסט אייך נאָך מעהר וויא אייך ווילט זיך דאַצו מסכים זיין.

זייטין־וועג: גוט, ווען אייך ווילט זיך אַזוי, קען איך טאַקי ניט העלפֿין. איהר וועט אבער ערפֿאַהרען דאס איך בין איין

גוטער רייזע ברודער, ווען איהר וועט מיר נאָר ווייטער האבין אין אייער קאָמפּאַניע.

משיחי: אויב איהר ווילט מיט אונז צוזאַמען רייזין, מוזט איהר גיין געגען ווינד און שטורם; אבער — האט משיחי ווייטער געזאגט — וויא איך בעמערק איז עס געגען אייער ווילען. אויך מוזט איהר דיא רעליגיאָן טרייא בלייבין, ווען זיא איז אין אָרימען שטאַנד, גלייך וויא ווען זיא איז אין רייכין שטאַנד, און איהר מוזט זיך אַלס איהר טרייער דיענער בעווייזין, ווען זיא איז אין אייזערנע קייטין געשמידט גלייך וויא ווען יעדער ציהט פאַר איהר דעם הוט...

זייטין־וועג: איהר מוזט אויף מיר קיין שווערין יאָך אַרויפלייגין, און איהר מוזט איבער מיר קיין הערר ניט זיין אין גלויבין; לאָזט מיך בייא מיינע פרייהייט און לאָזט מיך גיין מיט אייך צוזאַמען.

משיחי: קיין איינציגען שריטט מיט אונז ווייטער! סיידין איהר ווילט אַזוי טהון וויא מיר, אַזוי וויא איך האב עס אייך געזאגט.

זייטין־וועג: איך וועל קיינמאָהל ניט טהון אנדערש וויא עס ווילט זיך מיר, זאָלאַנג איך זעה אין דעם קיין שאָדין ניט, און עס טראָגט מיר נאָך גוט איין. ווען איך זאל מיט אייך גיין מוז איך טהון אָט אַזוי וויא איך האב געטהון איידער איהר האט מיר באַגעגינט; ניט אנדערש, ווען איך זאָל אויך דאַרפין גאַנץ אַליין גיין ביז יעמאַנד וועט צו מיר צוקומען, וועלכער וועט זיין צופריעדען מיט מיר צוזאַמען צו רייזין.

איצט האב איך געזעהן וויא משיחי און האָפּפנונגס־פולל האבין זיך פון איהם געשיעדען, און זיינען זיך ווייט פון איהם, ווייטער זייער וועג׳ס געגאַנגען. אבער נאָך אַ קורצער ווייל, וויא איינער פון זייא האט אַ בליק געגעבין הינטער זיך,

האט ער דערזעהן וויא דרייא מעננער גייען מיט זייטין־וועג'ן. וויא דיא דרייא זיינען צו איהם צוגעקומען האט ער זיך פֿאַר זייא טיעף געבוקט, און אויך זייא האבין איהם געמאַכט איין זייער גרויסען קאָמפּלעמענט. דיא נעמען פֿון דיא דרייא מעננער איז געווען: הערר „וועלט־מענש," הערר „געלט־ליעבער," הערר „גייציגער־האַלז." לייט, מיט וועלכע הערר זייטין־וועג האט אַלטע בעקאַנטשאַפֿט געהאַט, דען אין זייער יוגענד זיינען זייא געגאַנגען אין איין חֶדֶר און האבין געלערינטביים רבי'ן „האַפּער־לאַפּ"; יענער בעריהמטער מלמד אין דער שטאדט „אהבת בצע" וועלכע איז טאַקי אַ מאַרקעט־שטאדט אין דער גובערניע „תאוה" ביים יַם הַקֶרח, וועלכער האט זייא גוט אויסגעלערינט דיא קונצין וויא אַזוי צו גדולה אין דער וועלט צו קומען, ענטוועדער דורך געוואַלד און שווינדעל אדער דורך חנופה, שקר און צביעות.—טאַקי דיזע פיער העררען וועלכע האבין זיך צוזאַמענגעטראָפֿין, האבין עס אין דער קונץ פֿון זייער רבי'ן אַזוי וויט געבראַכט, דאס יעדער איינער פֿון זייא וואָלט שוין געקענט זיין אַ ראש־ישיבה וואו אַזעליכע קונצין זאָלין געלערינט ווערין.

נאַכדעם וויא זייא האבין זיך אַזוי איינער דעם אנדערין מיט אַ גרויסען ברוך־הבא בעגריסט, האט זיך הערר געלט־ליעבער אָפּגערופֿען צו זייטין־וועג'ן: וועלכע זיינען עס אָט יענע צווייא, וועלכע גייען דאָרט אויף'ן וועג פֿאַר אונז? (דען משיחי און האָפֿנונגס־פֿולל האבין נאָך פֿון זייא געקענט געזעהן ווערין).

זייטין־וועג: דיא קומען פֿון אַ וויט לאַנד און גייען נאָך זייער שטייגער־נאָך, אויף דער רייזע.

געלט־ליעבער: אבער וואָרום האבין זייא ניט געוואַרט דאס מיר זאָלין אַללע צוזאַמען גיין? עס וואָלט דאָך אַסאַך היימליכער געווען; דען מיר זיינען דאָך אַללע רייזענדער.

זייטין־וועג: עס פֿאַרשטייט זיך, מיר זיינען עס; אבער דיא צווייא דאָרט, זיינען אַזוי האַרט, און האבין אַזוי ליעב זייערע אייגינע מיינונגען, און בייא זייא האבען אַזוי קיין ווערטה ניט דיא מיינונגען פֿון אנדערע, דאס זייא וואָלטין דעם פֿרומסטען מאַן פֿון זייער קאָמפּאַניע ארויסגעשטויסין ווען ער זאָל נאָר ניט איינשטיממען אין אַללעס אָט וויא זייא דענקען.

גייציגער־האַלז: דאס איז שלעכטע נאַטור. מיר לעזען טאַקי פֿון אַזעליכע, וועלכע זיינען בייא זיך צו פֿרום; און נאָך זייערע שטרענגע מנהגים וואָלטין זייא אויף יעדין זייער משפט ארויסגעגעבין, נאָר אויף זיך ניט.—אבער איך בעט דיך זאג מיר דאך, וועלכע און וויפֿיעל זאַכין זיינען עס געוועזן, וואָרין איהר האט זיך ניט געקענט פֿערגלייכין?

זייטין־וועג: פֿרעגסט נאָך פֿראַגעס?—אָט זייא, נאָך זייערע עקשן׳דיגע מיינונגען זאגין, דאס עס איז אַ חיוב צו לויפֿין אויף דיא רייזע געגען ווינד און שטורם. זייא האלטין בּיים זאַץ דאס אללעס מוז מען מפקיר זיין פֿון גאָט׳ס וועגין, אבער איך בין דאַפֿיר, יעדער זאַך גוט צו היטטען אום מיין לעבין און פֿאַרמעגין צו פֿאַרזיכערין; זייא ווילען זייערע מיינונגען פֿעסט האלטין, חאָטש אַללע מענשין מעגין זיין געגין זייא, איך אבער בין פֿאַר דיא רעליגיאָן נאָר אַזוי וויים און נאָר אין אַזעליכעס, וועלכעס פאסט זיך פֿאַר דיא צייט און וועלכעס האַלט מיין פֿאַרמעגין אין זיכערהייט; זייא זיינען פֿאַר דיא רעליגיאָן ווען זיא גייט אויך אין שמאַטעס, און אין קייטין געשמידט, איך אבער בין פֿאר דיא רעליגיאָן ווען זיא גייט אָנגעטהון מיט גאָלדענע שיכאַלאַך, ווען זיא קען ארויס פֿאַר דעם שיין פֿון דער זון און יעדער זאָל פֿאַר איהר דעם הוט ציהען.

וועלט־מענש: אָ דוא האסט רעכט! דערבייא זאלסטו טאקי בלייבין גוטער פֿריינד זייטין־וועג; דען איך קען נאָר

פֿאַר אַ טִפֵּש אָנזעהן אָט דעם, וועלכער קען זיין כבוד און פֿאַרמעגין פֿאַרזיכעריז, און ער זוכט עס דאָך מיט זיינע דומהייטין צו פֿאַרליערען. לאָמ'מיר נאָר קלוג זיין וויא דיא שלייגג. אין אַ שיינעם טאָג קלייבט מען רויזען. דיא בינען ליעגען דעם גאנצען ווינטער שטילל, און זייא ריהרען זיך נאָר דאמאלסט ארויס, ווען זייא זעהן דאס עס איז שיינעם וועטער אוז זייא קענען זיססען האָניג מאכין. גאָט מאכט רעגענען, אבער ער שיקט אויך אַרויס דיא זון זאָל איבער אונז שיינען; און עס מעגין זיין טִפּשים וועלכע ווילען אונטערין רעגין גיין, מיר אבער ווילען וואַרטין אויף שיינעם וועטער. איך האַלט נאָר יענע רעליגיאָן פֿאַר דיא בעסטע, אָט דיא, וועלכע פֿאַרזיכערט אונז גאָט'ס ברכות; דען יעדער איינער, וועלכער גייט נאָך זיין געזונדען מענשין־פֿערשטאנד, קען ער דען אַנדערשט דענקען, וויא נאָר, דאס גאָט וועלכער גיט אונז אללעם גוט'ס צום לעבין, וויל אויך געוויסס דאס מיר זאָלין זייא געניעססען? אברהם און שלמה המלך זיינען בייא דער רעליגיאָז רייך געוואָרין; און איוב זאגט „אַ גוטער מענש קלייבט צוזאמען גאָלד וויא שטויב." יאָ אַזאַ מענש קען דאָך ניט זיין גלייך צו דיא צווייא וועלכע גייען דאָרט פֿאַר אונז, ווען זייא זיינען ווירקליך וויא דוא האסט זייא בעשריעבען.

גייציגער־האַלז: איך דענק, מיר האבין אללע דיא זעלבע מיינונג און דאַרום איז גאָר ניט נייטיג מעהר איבערדעם אַ וואָרט צו פֿאַרליערען.

געלט־ליעבער: טאקי, עס איז ניט נייטיג איבער דיעזען ענין נאָך אַ וואָרט צו פֿאַרליערען; דען דער, וועלכער גלויבט ניט אין דיא הייליגע ספרים און אויך ניט אין זיין אייגינעם געזונדען־פֿאַרשטאנד (וואס דיא ביידע זאָבין האבין מיר דאָך פֿאר אונז), יענער פֿאַרשטייט אויך ניט זיינע אייגינע פֿרייהייט, אויך זוכט ער גאָר ניט זיין גליק אין דער וועלט.

זייטין־וועג: ליעבע ברידער, מיר זיינען, וויא איהר זעהט, אללע אויף דער רייזע; און אום מיר זאלין זיך ניט מתעסק זיין מיט אזעליכע זאכין, וועלכע זיינען ניט גוט פֿאר אונז, וואָלט איך אייך בעטין איהר זאָלט מיר ערלויבין אייך אַזא פֿראַגע צו שטעלין:

למשל; אַ מאַן, אַ כלי־קֹדש'ניק אדער איינפֿאַך אַ סוחר זעהט פֿאר זיך דאס ער קען צום גליק אין דער וועלט קומען, נאָר באופן, ווען ער זאָל זיך, פֿון איצט־אָן און ווייטער, ארויסשטעללען פֿאַרפֿרומט אין אַזעליכע רעליגיאָנס זאכין, אום וועלכע ער האט זיך קיינמאָהל ניט געקיממערט — נוא, וואס זאגט איהר — דאַרף ער עס ניט טהון אום זיין צוועק צו ערדייכין, און דערבייא נאָך איין גאַנץ עהרליכער מאַן צו בלייבין?

געלט־ליעבער: איך פֿארשטייא טאקי דיין פֿראגע ביז צו איהר תהום! — און בְרשות אונזערע בכבודיגע רייזע ברידער, וויל איך מיר דיא מיה נעהמען אייך איינע רעכטע אנטוואָרט צו געבין. ערשטינס וועלין מיר ריידען וועגען דעם וואס דיין פֿראַגע וויל זאָגין בְנוֹגֵעַ איין כלי־קֹדש'ניק. שטעללין מיר זיך־פֿאָר, אַ מַגִיד, אַ כלי־שְׁלֵמה, וועלכער האט אבער נאָר אַ גאנץ קליינע קהִלה מיט אַ קליינע הכנסה וועלכע קלעקט ניט פֿאר אללעס וואס ער דאַרף האבין, און ער זעהט פֿאר זיך ארויס אַ שטעללע אין אַ קהִלה וועלכע קען איהם ווירקליך גליקליך מאכין, אבער צו יענער שטעללע קען ער נאָר צוקומען, באופן דאס ער זאל פֿיעל מעהר אנהויבין צו דרשה'נען און דאס ער זאל זיינע דרשות בעססער אויספוצען, און באופן דאס ער זאל אנהויבען דרשה'נען מיט אַסאַך אַ שאַרפֿער'ן טאָן אלס פֿריהערט, און דאס ער זאל אויך זיינע דעות ענדערין כדֵי ער זאל ארייין פאַסין פֿאר אַ מגיד אין יענער קהִלה וואו דיא גוטע שטעללע איז צו בעקומען —

יאָ, איך זעה אין דעם גאר קיין עַוְלָה ניט ווען ער טהוט טאקי אַזוי ווען עס מאכט זיך איהם אַזא גוטע געלעגענהייט; און ווען אויך נאך אַסאַך מעהר צו טהון, דאך אַ גאַנץ עהרליכער מאַן דאבייא צו בלייבין. דען:

ערשטינס: זיין פֿערלאַנג אַ גרעססערע הכנסה צו האבין איז גאר קיין עולה ניט; דען קיינער קען דאך אנדערשט ניט זאגין, וויא נאָר, דאס עס ווערט געגעבין בהשגחה. און אָט ד׳ריבער דארף ער עס בשמחה אָננעהמען, גאר ניט איבער־צוקלעהרען.

צווייטינס: דאס פֿערלאַנגען מעהר הכנסה צו האבין שאַרפֿט אויך אויס זיין מוח, און מאכט איהם אויך פֿאר איין שאַרפֿער׳ן מגיד, און דורך דעם אויך פֿאר איין בעססערין מענשין. יאָ, עס מאכט דאס ער בילדעט זיך מעהר אויס, פונקט וויא גאט וויל עס האבין.

דריטענס: מיט דעם וואס ער זוכט זיך ארייןצופאַסין אין יענער קהלה, וואס אום איהרעט וועגין ווארפֿט ער אַוועק אַסאַך פֿון זיינע דעות און יסודות אין דער אמונה, אָט דורך דעם ווייזט זיך ארויס (1 דאס ער שטייט אויף אַ גרויסע מדרגה פֿון עֲנָוָה, זיין „איך” צו פֿארלייקנען אום זיין חבר׳ס וויללען. (2 דאס ער ווייס וויא דורך ליעבע דיא מענשין צו געווינען. (3 דאס ער איז דאדורך ראוי צו זיין אַ מגיד און אַ מַנהיג פֿון אַ קהִלה מאמינים.

פֿיערטענס: און מיט דעם וויל איך ענדליך שליעססען, דאס דער מגיד וועלכער זוכט צו פֿארבייטין זיין אָרימע שטעללע אויף אַ רייכערע און אַ גרעססערע, ווען ער טהוט עס, קען מען איהם ניט אָפּ׳משפט׳ן און זאגין דאס ער איז אַ געלט־מענש; ניין, גראַד פֿאַרקעהרט וויל ער זוכט דערבייא זיך אויסצובעססערין, זיין שטעללע צו פֿאַרבעססערין און פֿיעל מעהר פֿלייססיגער צו זיין קען מען נאָר זעהן דאס ער טהוט

וויא עס זיך ווירקליך פּאַסט פֿאַר אַ מגיד און דאס ער ווייסט וויא אַזוי געלעגענהייט גוט אויסצונוצען צום גוטען צוועק.

איצט ווידער אַ פּאָר ווערטער בנוגע איין איינפֿאַכין סוחר, למשל: איינער וועלכער שטייט אויף איין ארימע מדרגה אין דער וועלט, אבער דורך דעם וואס ער וועט זיך פֿרום, חסידיש אויפֿפיהרען, קען ער אויך זיין האנדעל פֿארגרעססערין — פֿיעללייכט איין ווייב מיט פֿיעל פֿארמעגין בעקומען, אדער רייכערע און בעססערע קונדשאַפֿטען אין זיין קראָם — זעה איך גאָר ניט קיין עולה אין דעם, און גאָר קיין גרונד ניט וואָרום ער זאל עס ניט מיט רעכט קענען טהון. דען:

ערשטינס: פֿרומקייט איז דאך זייער אַ! גוטע מידה עס מעג זיין איבער וועלכעס עס וויל, אַביא פֿרום זיין.

צוויוטינס: עס איז אויך ניט קיין עולה אַ רייכע ווייב צו הייראַטהען אדער גוטע רייכע קונים צו בעקומען.

דריטטענס: דער מענש וועלכער בעקומט אַזעליכעס דורך פֿרום ווערין בעקומט דאך דאס וועלכעס איז גוט, פֿון גוטע מענשין און דורך דעם וואס ער זעלבסט ווערט דערבייא גוט. איך זעה דארין נאָר גוטעס, אַ גוטע ווייב אַ גוטען קונה און גוטע הכנסה, און טאקי דאס אללעס דורך פֿרומקייט וועלכעס איז געוויס אַ גוטע זאַך. און דארום טאקי שליסס איך דערמיט, דאס פֿרום צו ווערין אום צו בעקומען אָט דאס אללעס, איז אַ גוטע און פֿערדיענסטליכע המצאה.

דיעזע פֿון הערר געלט-ליעבער געגעבענע אנטוואָרט אויף הערר זייטין-וועג׳ס פֿראגע איז זייא אללע אַזוי גוט געפֿעללען דאס זייא האבין אללע איינגעשטימט דאס דיעזע אנטוואָרט איז ווירקליך גרויסאַרטיג און זיא לערינט גוטעס און גרויסעס אין דער רעליגיאָן! און ווייל עס האט זייא געשיינט דאס געגען דיא ווערטער קען שוין קיינער קיין וואָרט ניט זאגין, האבין זייא בעשלאָססין דאס זייא זאלען דאס זעלבע נאכאַמאהל מיט

משיחי'ן און האָפּפנונגס־פּולל בעשפּרעכען גלייך וויא זייא וועלין זייא אָנטרעפען; דען משיחי און זיין חבר זיינען נאָך ניט צו וויט פּאָראוים געווען. וויא זייא האבין דאס בעשלאססין האבין זייא משיחי'ן און זיין חבר צוגערופען זייא זאלין זיך אַוויילע אָפּשטעללען. משיחי און זיין חבר האבין אביססעל געוואַרט ביז זייא זיינען צו זייא צוגעקומען. און גייענדיג צו משיחי'ן און זיין חבר, האבין דיא פּיער צווישען זיך בעד־שלאָססין, דאס ניט זייטין־וועג זאל מיט זייא איצט ריידין, נייערט דער אלטער הערר „וועלט־ליעבער"; דען זייא האבין זיך געקלעהרט ווען הערר וועלט־ליעבער וועט איצט מיט זייא ריידין וועט לכל הפחות ניט זיין צווישען זייא דיא הִתְנַגדות און דער כַּעַס וועלכער איז שוין ענטשטאנדען צווישען זייא און זייטין־וועג, בְּעֵת זייא האבין זיך דאדורך צושיידעט. אַזוי זיינען זייא איינע צו דיא אנדערע צוגעקומען און נאך איין זייער קורצין שלום־עליכם האט הערר וועלט־ליעבע זיינע ווערטער פּאר משיחי'ן און זיין חבר פּאָרגעלייגט, און ער האט זייא אויפגעפאָדערט זייא זאלין אויף זיינע ווערטער ענפּערין אויב זייא האבין וואס געגען זייא צו זאגען.

אויף דעם האט זיך משיחי אָבגערופען: אָ, אַ קינד אין גלויבען קען שוין אויף טויזנד אַזעלכע פראַגעס דיא ריכטיגע אנטוואָרט געבין. דעם משיח נאכצוגיין אום אַ ברויט צו בעקומען* איז שוין געמיין, אבער נאכמעהר אונווירדיג איז עס אויס דער רעליגיאָן אַ געשעפט צו מאכין אום געלט אין דער וועלט צו בעקומען. אַזעלכעס טהון געצין־דיענער, צבוע'יאַקעס, טייוואָלים און מכשפים.

חמור בן שכם דער געצין דיענער, ווען איהם האט זיך געגלוסט יעקב'ס טאכטער און זיין פּארמעגין — און זעהענדיג

---

* זעה יוחנן ו׳ כ"ו־כ"ז.

דאס ער וועט איהר אנדערשט ניט בעקומען סיידין זייא וועלין מִילָה מקַיֵם זיין — האט ער געזאגט צו זיינע שטאדט'ס לייט: „ווען מיר וועלין אללע אונזערע זכרים בעשניידין אַזוי וויא זייא טהון, דאמאלסט וועט דאך זייער גאנצער פֿארמעגין און זייערע בהמות אונז געהערין." יאָ, אללעס וואס זייא האבין געזוכט דורך דיא רעליגיאָן צו ערייכין איז געווען יעקב'ס טאכטער און זיין פֿארמעגין; זייא האבין דיא רעליגיאָן געוואָלט מאכין פֿאר אַ מיטטעל וויא אַזוי זייערע תַּאֲוֹת מְמַלֵא צו זיין.

דיא נביאים און „ברית החדשה" דערציילין אונז פֿון דיא אלטע יודישע צבוע'יאַקעס וועלכע האבין זייער פֿיעל געפֿאַסט און געדאַוועַנט און דאס איז בייא זייא נאָר געווען אַ מיטטעל צו ראַבוועַן יתומים און אלמנות. זייא האט דער משיח פֿאר זייערע צביעות עפֿענטליך געשטראַפֿט.*

יהודה איש קריות, האט זיך פֿאַרפֿרומט אום ער זאל ווערין דער גִזְבָר אויף דאס געלד פֿון דיא ארימע, און בייא דעם זאל ער האבין פֿון וואס צו גַנב'נען. אבער וואס איז זיין סוף געוועַן? ער איז געווארין דער בן־אַבַדון, פֿארלאָרין אויף אייביג.

שמעון דער מכשף (זעה מפעלות השליחים ח' פֿון פסוק ט' ביז פסוק כ"ג) האט אויך געהאט אַזא מין רעליגיאָן? ער האט געוואלט רוח הקדש האבין אום געלט צו מאכין, געשעפֿט צו מאכין. — איך (האט משיחי וויטער געזאגט) קען מיר גאָר אנדערש ניט דענקען נאָר, דאס דער מענש וועלכער ווערט פֿרום אום דיא וועלט צו האבין, דערזעלבער וועט זיינע פֿרומקייט באלד אַוועקווארפֿין ווען ער וועט נאָר זעהן, דאס ער קען אויף איין אנדער אופן צו דיעזען ציעל קומען.

---

* זעה מתי כ"ג פסוק י"ד, לוקס כ' מ"ו—מ"ז.

יהודה איש קריות, טראכטענדיג דיא וועלט צו האבין, האט ער מודה געווען דאס ער גלויבט אין משיח. אבער גלייך וויא עס האט זיך איהם געוויזען אַ מיטעל געלט צו בעקומען פֿון משיח'ס שונאים, האט ער זיין גלויבין־מאַסקע פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿין און האט דעם משיח פֿארקויפֿט פֿאַר געלט. דארום קען איך שליעססען, דאס יעדער וועלכער דענקט עס איז גוט פֿרום צו זיין אום דיא וועלט צו בעקומען — אַזוי וויא איך מערק מיר דאס איהר דענקט אויך אַזוי — יענער האט געדאנקען פֿון געצין־דיענער, צבוע'יאקעס, טייוואָלים און מכשפים, און דיא ענדע פֿון אַזעלכען וועט זיין נאָך זיינע מעשים נאָך.

דיא ווערטער הערינדיג האבין זייא מיט אויסגעגלאָצטע אויגין איינער דעם אנדערין אָנגעקוקט און האבין געשוויעגען, ניט אַ וואָרט געהאט צו ענפֿערין. אויך משיחי'ס חבר האט איינגעשטימט צו דיא ווערטער וועלכע משיחי האט געשפּראָכין; און אַזוי איז אַ היבשע ווײַלע צווישען זייא פֿארגאַנגען אָהנע איינער צום אַנדערין אַ וואָרט צו ריידין. און בינו לבינו זיינען זיך „זייטין־וועג" און זיינע חברים צוריקגעבליעבען, דאס משיחי און זיין חבר זאָלין פֿאָראויס גיין און זיך פֿון זייא דער ווייטערין. דאמאלסט האט זיך משיחי צו האָפּפֿנונגס־פֿולל אָבגערופֿען: זעה מיין חבר, ווען דיא לייט קענען ניט באַשטיין פֿאַר אַ משפט פֿון מענשין, וויא אַזוי וועלין זייא קענען באַשטיין ביים יום הדין? און ווען זייא מוזען פֿאַר־שטוממען ווען אַ בשר ודם ווייזט זייא וואס זייא זיינען, וואס וועלין זייא קענען זאָגין ווען זייא וועלין צום משפט גערופֿען ווערין בייא אַ שטיממע וועלכע איז וויא אַ ברענענ־דיגער פֿייער? — דאמאלסט זיינען זיך משיחי און זיין חבר פֿון זייא אַוועק, און זיינען זיך אַזוי ווייטער געגאנגען ביז זייא זיינען צוגעקומען צו אַ גלייכין אָרט וועלכען מען

רופט „מנוחה,״ און דאָרט זיינען זייא שוין מיט פארגעניגען געגאנגען.

דער וועג אבער אויף יענעם אָרט איז געווען זייער שמאָל, און דאַרום זיינען זייא זיך אַביססעל אָן אַ זייט פאַרגאַנגען, — און דאָרט ווייטער אַוועק פון דיעזען פלאַץ איז געווען אַ בערגאַלע וועלכען מען רופט „געלט-לוסט״ וועיל אין דעם בערגיל איז דאָ אַ גאָלד גרוב. אָט צו דיעזען אוצר זיינען פיעלע רייזענדער צוגעגאנגען אום צו בעטראַכטין דאס וואס איז בייא זייא איינפאַך איין וואונדער געווען צו זעהן. אבער וויא זייא זיינען צוגעקומען צום מויל פון דער גרוב — און דער באָדין אונטער זייערע פיס איז ניט פעסט געווען — האט זיך דיא ערד אונטער זייערע פיס געעפענט און זייא זיינען דאָרט אין גרוב אריין געפאַללען און זיינען דאָרט פארשלונגען געוואָרין אויף אייביג. אנדערע וויעדער האבין דאָרט גרויסע רסוק-אֵברים געליטען און זיינען קריפעלם (קאַליקעס) געבליעבען ביז זייער טויט. און איך האב געזעהן אין חלום וויא דאָרט אַנטקעגין דער גאָלד גרוב — אַביססעל אָן אַ זייט פון וועג — איז געשטאַנען אַ מאַן מיט'ן נאָמען „דימָם״ (איין בעריהמטער געלט-מענש) וועלכער האט אויס-געזעהן וויא אַ רייכער פריץ, און וועלכער זיין עֲבודה איז געווען דיא רייזענדער צו צורופען זייא זאָלין צוגיין און זיך אָנזעהן דיא גאָלד גרוב. אָט דיעזער הערר דימָם האט זיך צו משיחי'ן און צו זיין חבר אָפגערופען: קומט אַהער וועל איך אייך וואס וויזען.

משיחי: איז עס ווערטה אַזוי פיעל דאס מיר זאָלין אונזער וועג פארלאָזין אום עס צו זעהן?

דימָם: הָע, דאס איז פאַר אייך אַ גאָלד גרוב און דאָ נעבען דער גרוב איז דאָ פאַר אייך גוטע געלעגענהייט אוצרות צו זוכען. ווען איהר וועט נאָר אַהער צוגיין וועט

איהר דורך גאָר ווייניג מִיה נִתְעַשֵׁר ווערין און איהר וועט האבין קינדם קינדער צו פֿארזאָרגין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: לאָמ'מיר אַהין אַ גיי־טהון און זעהן.

משיחי: איך וועל אַהין ניט גיין דען איך האב שוין געהערט איבער יענעם אָרט, דאס דאָרט זיינען אַסאַך אריינגעפֿאַללען און האבין זייער לעבין פֿארלאָרין. אויסערדעם, יענע גרוב איז אַ נעץ, אַ ווערג שטריק פֿאר אללע וועלכע זוכען יענעם אוצר, און עס שטעללט אָפּ פֿיעלע רייזענדער אין מיטען וועג. און אַזוי האט משיחי געשריען צו דִימָס'ן: איז ניט יענער אָרט מסוכן? זיינען ניט פֿיעלע דורך איהם אפגעשטעלט געוואָרין פֿון זייער רייזע?

דִימָס: עס איז מסוכן נאָר פֿאַר דיא, וועלכע ווייסין זיך ניט וויא אַזוי צו היטען און געבען ניט גוט אַכט. אבער בייא דיא ווערטער רײדינדיג איז דימס'עס פנים רויט געוואָרין פֿאר בושה.

משיחי (צו זיין חבר): מיר וועלין ניט אַ טריט פֿון וועג אַוועקגיין; מיר מוזין אונזער וועג ווייטער גיין!

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: איך זאָג דיר זיכער ווען זייטין־וועג וועט אַהער צוקומען און ער וועט דאָ צוגערופֿען ווערין, וויא מיר זיינען גערופֿען געוואָרין, וועט ער געוויס זיך אַהין אַוועקקעהרין אום צו זעהן.

משיחי: גאר קיין ספק ניט; וויל זיינע מחשבות און זיינע דעות וועלין איהם פֿיהרען אָט אַהין, און עס איז געוויס דאס ער וועט דאָרט אומקומען.—דימס האט אבער נאָכגעמאַכט זייא גערופֿען און געזאגט: ווילט איהר ניט אַהער צוגיין אַ בליק צו טהון? דאַרויף האט משיחי זייער דייטליך געענטפֿערט: דִימָס, דוא ביסט אַ שונא פֿון דרך הַיָשָׁר וועלבער איז געליעבט ביים הערר דער מושל פֿון דיעזען וועג. און דוא ביסט שוין לאַנג פֿאַר'משפּט געוואָרין דורך

איינעם פֿון אונזער הערר'ס טרייע דיענער, ווייל דוא האסט זיך פֿון דרך הישר אָבגעקערט* היינט וואַרום זוכסטו נאָך אויך אונז צו ברייננגען אַזוי פֿאַר'משפט צו ווערין? אויסער דעם, ווען מיר ווע‍לין זיך. נאָר פֿון וועג אבקעהרין, וועט דאָך דאס אונזער מלך געווים וויססען, וועט עס דאָך אונז צו שאַנד מאַכין אַנשטאַט צו בלייבין עהרליך און טרייא.—דימס אבער האט ניט אויפֿגעהערט צו שרייען אויף'ן הויך'ן קול, דאס ער איז אויך אַ רייזענדער געווען און טאקי פֿון דער־זעלבע געזעלשאַפֿט; און ווען זייא ווע‍לין נאָר אַ ווײלע דאָרט שטיין בלייבין וועט ער מיט זייא צוזאַמען גיין.

משיחי: וויא רופֿט מען דיך? איז ניט דיין נאמען וויא איך האב דיך גערופֿען—דימס?

דימס: יאָ, דאס איז מיין נאמען און איך בין אַ בן אברהם.

משיחי: אָ, איך קען דיך גוט. גחזי איז דיין זיידע און יהודה איש קריות איז דיין טאַטע. און דוא גייסט אין זייערע פֿוס־טריט. דוא בענוצט דיך נאָר מיט שטן'ס המצאות און תחבולות. דיין טאַטע האט זיך דאָך אַ מעשה אָן געטהון דורך זיין געלט־גייץ און פֿאַלשקייט, און דוא האסט אויך קיין בעססערין סוף צו דערוואַרטין. וויים, ווען מיר ווע‍לין ארויפֿקומען צום מלך ווע‍לין מיר איהם פֿון דיינע מעשים דערציילין.—און אַזוי זיינען זיך משיחי און זיין חבר אַוועק זייער וועג.

במשך הזמן זיינען אויך זייטין־וועג און זיינע חברים צוגעקומען אַהין פֿאַר דער גאָלד־גרוב—(וואו משיחי און זיין חבר האבין זייא נאָך געקענט זעהן פֿון ווייטינס)—און וויא זייא זיינען דאָרט צוגעגעקומען, אויף דימס'עס ערשטין וואונק,

* זעה צווייטער בריעף צו טימאָטיאוס קאפיטעל ד' פסוק י'.

זיינען זייא צום גאָלד־גרוב צוגעגאנגען. מען קען ניט בעשטימט זאגין וואס מיט זייא איז דאָרט געשעהען, צו זייא זיינען דאָרט אין גרוב אריינגעפאַללען ווען זייא זיינען דאָרט ביים מויל געשטאַנען, צו זייא זיינען דאָרט אראָפּ אוצרות צו זוכען, אָדער זייא זיינען דאָרט דערשטיקט געוואָרין פון דעם עפּוש׳דיגען גרוך וועלכער שטייגט אויף פון דער גרוב — מען קען עס ניט בעשטימט זאגין. איינס קען איך נאָר זאגין, דאס אויף׳ן מלך׳ס וועג האט מען זייא שוין מעהר קיינמאהל ניט געזעהן.

דאַמאלסט האט משיחי אַזוי געזונגען:

זייטין־וועג און דימס האבין איין פאַרלאַנג;
איינער רופט, דער אנדערער לויפט, גראָבין גאָלד
זייא גראָבין זיך אַ קבר, זוכען אַ שלאַנג;
דאָרט איז זייער סוף, וואו זייא האט זיך געוואָלט!

דערנאך האב איך געזעהן, דאס גראד אויף דער אנדערע זייט פון יענעם פּלאַץ וואו דיא רייזענדער זיינען איצט געווען, אָט ביים וועג, איז געשטאַנען אַ זייל. ביידע רייזענדער האבין ערשטווינט געקוקט אויף דעם זייל, דען עס האט זייא געשיינט דאס עס איז איין פרוי געווען וועלכע איז פערוואַנ־דעלט געוואָרין אין אַ זייל. זייא האבין זיך דאָרט אַ ווײלע אויפגעהאלטין אום דעם זייל צו בעטראַכטין פון אללע זייטין. אבער אַ היבשע ווײלע האבין זייא דאריבער געקלעהרט און האבין ניט געוואוסט וואס דאס בעדייטעט. ענדליך האט האָפּפנונגס־פולל ערבליקט גאַנץ ביים שפּיץ געשריעבענע ווערטער פון איין אונבעקאַנטע שריפט. און ווייל ער איז קיין געלעהרטער מענש געווען אום דיא שריפט לעזען צו קענען, האט ער גלייך עס משיחי׳ן געוויעזען, פיעללייכט וועט ער אים־שטאַנד זיין אָט דיא זעלטענע שריפט צו לעזען — דען

משיחי איז איין געלעהרטער מאַן געווען.—משיחי נאכדעם דאס ער האט דיא שריפֿט גוט בעטראַכט האט ער ארויס־געפֿונען דאס עס שטייען דאָרט געשריעבען אָט דיא ווערטער: „געדענקט לוט'ס ווייב." ער האט דיא ווערטער געלעזען פֿאר זיין חבר, און זיאביידע האבין דערפֿון גלייך פֿארשטאַנעי דאס דער זייל איז דיא שטיק זאַלץ וועלכע איז געוואָרין פֿון לוט'ס ווייב, ווייל זיא האט צוריק געבליקט צו סדום מיט אַ הארץ פֿולל לוסט, אין דער צייט ווען גאט האט פֿאר איהר אַ וועג געמאַכט צו אנטלויפֿין פֿון סדום. דאס האט די ביידע רייזענדער ארויפֿגעבראַכט אויף אַזא געשפרעך:

משיחי: אַך ליעבער ברודער; דאס דאָ איז אונז צוגעשיקט געוואָרין פונקט אין דער צייט ווען עס איז נייטיג פֿאר אונז, אָט גראד נאכדעם וויא דימס האט אונז איינגעלאדין צום בערגיל געלט־לוסט. וואָלטין מיר אַהין צוגעגאנגען (אַזוי וויא דיר ליעבער ברודער האט זיך געוואָלט), וואָלט פֿון אונז דאס זעלבע געוואָרין וואס פֿון לוט'ס ווייב, און מיר וואָלטין אַזוי געשטאנען פֿאר אַ וואָרנונג און פֿאר אַ שפרוך־וואָרט, פֿאר דיא אויגין פֿון יענע, וועלכע וועלין נאָך אונז רייזין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: עס איז מיר אַ הארץ וויטיג דאס איך בין אַזוי נאַריש געווען, גרייט געווען דימס'ן צו פֿאָלגען. אָ, און וואס פֿאר אַ גרויסער וואונדער איז עס פֿון השי"ת דאס איך בין שוין איצט ניט וויא לוט'ס ווייב! דען וואס פֿאר איין אונטערשיעד איז צווישען מיינע און איהרע זינד? זיא האט נאָר אַ בליק געטהון הינטער זיך, און מיר האט זיך געגלוסט אַהין צו גיין און צו זעהן. גרויס איז דער חסד פֿון אונזער מלך! איך אבער שעם זיך דאס איך האב אין מיין הארץ אַזא תּאַוה רעה געהאט.

משיחי: לאמ'מיר זיך עס נאָר גוט אין הארצין ארייננ־געהמען אָט דאס וואס מיר האבין דאָ געזעהן, כדי עס זאָל

אונז פֿאר דיא אויגין שטיין מיר זאָלין פֿון היינט אָן און ווייטער פֿאָרזיכטיג זיין. זעה, לוט׳ס ווייב איז ארויסגעראַטעוועט געוואָרין פֿון דעם משפט וועלכער איז איבער סדום געקומען, און דאָך איז זיא דערנאך פֿארלאָרין געוואָרין דורך דעם משפט וועלכער איז אויף איהר דערנאך געקומען; אַזוי וויא מיר זעהן דאס עס איז פֿון איהר געוואָרין אַ שטיק זאַלץ.

האָפּפֿנונגס־פֿולל: אמת. און דיעזער משפט מעג אונז פֿאר דיא אויגין שטיין, פֿאר אַ וואָרנונג מיר זאָלין זיך דערוויטערין פֿון זינד און שלעכטע מחשבות; און זיא מעג פֿאר אונז אַ צייכין זיין צו זעהן גאָט׳ס משפט אויף דיא אללע, וועלכע וועלין זיך ניט אפהיטען פֿון צו זינדיגען. אויך קורח, דתן ואבירם און דיא צווייהונדערט און פֿופֿציג זייערע חברים, וועלכע זיינען פֿארלאָרין געגאנגען דורך זייערע זינד, זיינען אַ וואָרנונג פֿאר יעדין צו זעהן גאָט׳ס משפט אויף דיא, וועלכע גייען אַוועק פֿון רעכטין וועג. איך זאג דיר ברודער, עס איז גאר ניט צו בעגרייפֿין, וויא אַזוי דימס און זיין גלייכין קענען אַזוי רוהיג שטיין און זיך בעשעפֿטיגען מיט געדאנקען פֿון וועלט־לוסטיגקייט׳ין, וואס טאַקי איבער אַזעליכע מחשבות האט לוט׳ס ווייב אַזא סוף געהאט. מיר קענען זעהן פֿון דיא כתבי הקֹדש דאס לוט׳ס ווייב איז ניט ארוים אפילו אַ טריט פֿון וועג, זיא האט נאָר צוריק געבליקט מיט אַ הארץ פֿולל לוסט צו סדום, און שוין דערפֿאר אליין האט זיא אַזא סוף געליטין. נאכמעהר, איהר עוֹנֶש איז דאָך פֿאר זייערע אויגין; דען זיא שטייט דאָך גראד דאָ פֿאָר דעם אָרט וואו דִימָס און זיינע חברים שטייען איצט; אָ, ווען זייא זאָלין נאָר דיא אויגין אויפֿמאַכין אום אויף איהר אַ בליק צו טהון קענען זייא איהר דאָך גלייך זעהן!

משיחי: דאס איז טאַקי ניט צו פֿארשטיין! און דאס קען אונז נאָר ווייזין דאס זייערע הערצער זיינען אַזוי פֿארשטאָפּט

און פֿארשטיינערט, דאס זייא האבין גאר קיין געפֿיהל ניט, און זייא שפּיערען גאר ניט פֿון גאט׳ס שרעקליכען משפּט וועלכער שטייט וויא פֿאר זייא. איך קען זייא נאָר צוגלייכין צו גנבים, וועלכע שטעקין אריין דיא האַנד אין אַ מאַן׳ס קעשענע בעֵת זייא שטייען פֿאַר׳ן ריכטער; אָדער צו גזלנים וועלכע רויבין אַ מענשין צווישען אַ הויפֿין מענשין, וועלכע שטייען און קוקין, וויא מען הייגגט אֵ רויבער איבער רויבערייא. פֿון דער תורה הקדשה שיינט דאס סדום׳ס זינד זיינען דערפֿאר אַזוי שרעקליך געוועזן, ווייל זייא האבין עס געטהון פֿאר גאט׳ס אויגין, דאס הייסט, זייא האבין גאַנץ גוט געקענט זעהן גאט׳ס חסדים—דען עס שטייט געשריעבען אַז סדום איז געוועזן וויא אַ גן עדן—און דאָך האבין זייא געגען גאט אַזוי שרעקליך געזינדיגט; און טאַקי דערפֿאר איז אויף זייא אַזא שרעקליכער משפּט געקומען. פֿון דעם קענען מיר ענדליך שליעססען, דאס דיא אללע וועלכע זינדיגען און ווילען ניט אויפֿהויבין זייערע אויגין אום צו זעהן דאס וואס גאט שטעלט פֿאר זייא, פֿאר אַ צייכין, זייא צו וואָרנען, דאס זייא זאָלין אין איהם ניט מורד זיין, דיא אללע וועלין אַם שרעקליכסטען גע׳משפּט ווערין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: דוא האסט זייער ריכטיג געזאגט. און איצט זעה איך טאַקי וויא גרויס גאט׳ס חסדים זיינען צו אונז דאס מיר זיינען נצול געוואָרין פֿון צו ווערין צום שאַנד־צייכין פֿאר אללע, וועלכע וועלין נאך אונז קומען. בפּרט זיין גרויסען חסד צו מיר! דאס זאָל אונזער הארץ אנפֿיללען מיט לויב און דאנק צו גאט ב״ה, און מיט מורא; מיר זאָלין אימּמער געדענקען דעם משל פֿון לוט׳ס ווייב.

## פיערצענטעס קאפיטעל.

דערנאך האב איך געזעהן אין חלום וויא משיחי און האָפּפנונגס־פּולל זיינען זיך ווייטער געגאנגען אויף זייער רייזע, ביז זייא זיינען צוגעקומען צו אַ טייך. דוד המלך רופט דעם טייך „פֶּלֶג־אלהים" (גאט'ס שטראָם) און דער שליח יוחנן רופט איהם „מַים חַיים"; און זייער וועג האט זיך געצווייגין ביים ברעג פון טייך. דאָרט זיינען זייא זיךביידע געגאנגען מיט פערגעניגען, זייא האבין פון דיא מים חיים געטרונקען און האבין זייער נפש דערפּרישט. אויסערדעם, אויף ביידע זייטין פון טייך זיינען געוועזן טייערע פרישע ביימער פול מיט גוטע פֵּרות, און זייערע בלעטער זיינען אַ רפואה געוועזן צו פארשיעדענע קראנקהייטין וועלכע קומען פון זיך־איבערעססען מיט שלעכטע שפייזין, און צו קראַנקהייטין וועלכע קענען קומען פון בלוט צוהיצונג אויף דער לאנגער רייזע. אויך איז אויף ביידע זייטין פון טייך געוועזן שיינע גרינע פעלדער בעוואַקסין מיט שיינע רויזין און בלומען וועלכע בלייבין אַ גאַנץ יאָהר פריש. דאָרט האבין זיך משיחי און האָפּפנונגס־פּולל אַביססעל אויסגערוהט, ווייל דאָרט איז גראד דער אָרט געוועזן וואו זייא האבין זיך געקענט רוהיג און זיכער אויפהאלטען. נאכדעם האבין זייא ווידער געגעססין פון דיא פרות און געטרונקען פון דיא מַיִם חַיים און האבין זיך ווידער אַ ווײלע צוגעשפּאַרט אויסצורוהען. אַזוי האבין זייא איינינע זיסע טעג פערבראכט און האבין זיך געזונגען:

דער הימעל איז איצט פֿאר אונז אָפֿפֿען
דער גיהנם איז פֿאר אונז צו.
מיר קענען גלויבין, ליעבען, האָפֿפֿען,
מיר האבין שלום, ברכה, רוה,
איין ענפֿער אויף אללע בקשות,
מתּנות, פֿאר יעדין שאָדין:
און אַ נחלה פֿון גאט, פֿולל ברכות,
תענוג, אייביג זיך צו באָדין.

דערנאך, איידער זייא האבין זיך צוגעגרייט ווייטער צו רייזין (דען זייא זיינען נאָך ניט צוגעקומען צום מלך׳ס פּאַלאַץ) האבין זייא ווידער זייער נפש דערפֿרישט מיט דיא טייערע פּֽרות און דאס זיססע קלאָרע וואססער און זיינען זיך אויף זייער רייזע ווייטער געגאנגען.

דערנאך אבער האב איך געזעהן אין חלום דאס זייא זיינען נאך גאר ניט וויט אָפּגעגאנגען און זייער וועג האט זיך אַלץ ווייטער אַוועק געצויגין פֿון ברעג טייך. דאס האט דיא רייזענדער ניט וועניג געערגערט; דען זייא האבין דאָך זייער וועג ניט געקענט פֿארלאָזין אוז דאס זיססע וואססער איז איצט פֿון זייא וויט געבליעבען. נאָך־מעהר, פֿון דאָרט־אָן איז דער וועג געוועזן זייער ניט גלאַט: אויך זייערע פֿים זיינען שוואַך געוועזן פֿון דער לאנגער רייזע. און אַזוי האבין דיא רייזענדער אַסאך קרעפֿטין פֿארלאָרין גייענדיג אויף דאס שווערע שטיק וועג; און טאַקי דאַרום האט זיך דיא צווייא רייזענדער געגלוסט אויסצוגעפֿינען אַ בעססערין וועג. און זעה! אַביסאלע ווייטער דאָרט לינקס פֿון וועג האבין זייא דערזעהן אַ פֿעלד, וואס נאָר איין טרעפּ־אַראָפּ האט דיא צווייא רייזענדער אַהין צוגעבראַכט. דאס פֿעלד רופֿט מען „אָן־אַ־זייט.‟ משיחי האט זיך דאמאלסט אָפּגערופֿען צו זיין חבר, „ווען דיעזעס פֿעלד ציהט זיך אין דער זייט

פֿון אונזער וועג. אַזוי לאָמ'מיר אַהין אריבער גיין." און אַזוי ריידינדיג איז ער אַ טרעפּ אראָפּ געגאַנגען און האט דערזעהן אַ סטעטשקע וועלכע האט איהם געשיינט דאס זיא ציהט זיך גלייך מיט'ן דרך המלך. יענע סטעטשקע איז טאַקי געווען אונטער דער מויער וועלכע האט אבגעצאָמט דעם וועג וואו רייזענדער דארפֿין גיין. „אָ,"—האט משיחי ווייטער געזאגט—„דיעזע סטעטשקע איז טאַקי וואס איך האב נייטיג, דאָ גייט זיך עס זייער לייכט, קום ליעבער האָפּפֿנונגס-פֿולל לאמ'מיר אַהין אריבער גיין."

האָפּפֿנונגס-פֿולל: אבער וואס וועלין מיר טהון ווען דיעזע סטעטשקע וועט אונז אראָפּפֿיהרען פֿון אונזער וועג?

משיחי: דאס קען גאר ניט זיין; דען זעהסטו דען ניט דאס דיא סטעטשקע ציהט זיך גלייך מיט אונזער וועג?

האָפּפֿנונגס-פֿולל איבערגערעדט פֿון זיין חבר, איז איהם נאכגעגאַנגען דעם טרעפּ-אראָפּ און זייא האבין אויף דער סטעטשקע זייערע פֿיסס לייכטער געפֿיהלט; און וויא זייא האבין פֿאַר זיך אַביססעל געבליקט האבין זייא דערזעהן אַ מאַן, אַקוראַט וויא זייא, וועלכען מען האט גערופֿען „פֿאַלשער-בטחון" זייא האבין דעם מאַן אַ רוף געטהון און בייא איהם געפֿרעגט וואוהין דער וועג פֿיהרט? „צום שַׁעַר-הַשָּׁמַיִם"—האט דער מאַן זייא געענפֿערט.

„זעהסטו"—האט משיחי געזאגט זיין חבר—„האב איך דיר ניט געזאגט אַז עס איז אַזוי? איצט קענסטו זעהן דאס מיר זיינען אויף'ן ריכטיגען וועג."

און אַזוי זיינען זייא ביידע געגאנגען נאך דעם מאַן-נאך וועלכער איז געגאנגען פֿאַר זייא. אבער מיט אַ מאהל איז גאר נאַכט געוואָרין, און עס איז פֿאַר זייא אַזאַ פֿינסטערנים געווען, דאס דיא ביידע וועלכע זיינען געגאנגען פֿון אונטען האבין ניט געקענט זעהן דעם מאַן, וועלכער איז געגאנגען

פֿאַר זייא. און טאַקי איבער דיא פֿינסטערנים, יענער מאַן, פֿאַלשער־בטחון, וועלכער איז געגאַנגען פֿאַר זייא, האָט מעהר קיין וועג ניט געזעהן פֿאַר זיך, און איז פּלוצלונג אריינגעפֿאַללען אין אַ טיעפֿע גרוב (וועלכע איז דאָרט געמאַכט געוואָרין דורך'ן פריץ פֿון יענע מקומות, אום צו פֿאַנגען דיא טפשים וועלכע האָבין זיך ליעב גרוים צו מאַכען דורך אייגינע מחשבות) — און דאָרט אין דער גרוב האט ער רסוק אברים געליטען.

משיחי און זיין חבר האָבין פּלוצלונג דער הערט זיין פֿאַלל, און דעריבער האָבין זייא צו איהם גערופֿען און איהם געפֿרעגט וואס איז מיט איהם געוואָרין? אבער אֵין קול ואֵין עונה! זייא האָבין נאָר געהערט וויא איינער ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט. דאמאלסט האט זיך האָפֿפֿנונגס־פֿולל צו משיחי'ן אָפּגערופֿען: „אוי, וועה וויים וואו מיר זיינען איצט פֿאַרקראָכין!" משיחי איז וויא שטום שטיין געבליעבען, פֿולל מיט פחד דאָס ער האָט אויך זיין חבר פֿון רעכטין וועג אראָפּגעפֿיהרט. און דאמאלסט האָט אנגעהויבין שטאַרק צו רעגנען, דונערין און בליצען האָבין זיך געהערט און געזעהן און דאָס וואססער איז זייא געשטיעגען ביז צום האַלז. דאמאלסט האָט האָפֿפֿ־נונגס־פֿולל אנגעהויבין זייער שטאַרק צו זיפֿצען און צו זאגין: ווייא איז מיר, הלואי וואָלט איך געבליעבען אויף'ן גלייכין וועג און וואָלט מיך פֿון איהם ניט אָפּגעקערט.

משיחי: ווער זאָל עס וויססען דאָס דיעזע סטעטשקע וועט אונז אראָפּפֿיהרען פֿון דרך הישר?

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: איך האָב מיר אבער שוין אַם אָנפֿאַנג דערפֿאַר געשראָקין און דאַריבער האָב איך דיר מרמֵז געוועזן דיך צו וואָרנען. איך האָב דיר געוואָלט בפֿרוש דאָס זאגין, אבער איך האָב עס מיר ניט אונטערשטעללט וויל איך בין דער יונגערער, דען דוא ביסט אַסאַך עלטער פֿון מיר.

משיחי: אוי, עס איז מיר אַ הארץ ווייטיג דאס איך האב אַזוי נאַריש געטהון אויך דיר פֿון גלייכין וועג אַראָפּ צו פיהרען, און דיך צו ברייננגען אין אַזעליכע סכנות. אָ ברודער זאָל דיך ניט פֿארדריסען, זייא מיר מוחל ווייל איך האב עס ניט געטהון במֵזיד און האב קיין שלעכטעס דערבייא געוואָלט.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: זייא געטרייסט, ברודער; איך בין דיר באמת מוחל. גלויב דאס גאט ב"ה וועט עס אללעס צו גוטען פֿיהרען.

משיחי: עס איז מיר אַ טרייסט דאס איך האב נעבען מיר אַ ברודער וועלכער איז מיר אַזוי גנעדיג!—נון, עס איז דאָך ניט גוט פֿאר אונז דאָ צו בלייבין, קום לאמ'מיר פרובירען, אפשר איז מעגליך זיך אומצוקעהרין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: אבער טייערער משיחי לאז מיר דאָך פֿאראויס גיין.

משיחי: אָ ניין, איך בעט דיך; לאז מיר צוערשט גיין. דען איז דאָ אַ סכנה פֿאר אונז, זאל עס מיר טרעפֿין ווייל איך האב אויך דיא שולד דאס מיר האבין ביידע דעם וועג פֿערלאָרין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: ניין, דוא זאלסט איצט ניט גיין פֿאָראויס; דען דורך דעם וואס דיין זעעלע איז איצט אַזוי פֿולל מיט טרויעריגע מחשבות קענסטו ווידער נאָר אָ פֿאַלשען וועג פֿיהרען.—דערנאך, אום זייא אַביססעל קוראַזש צו געבין, האבין זייא אַ שטיממע געהערט וועלכע האט צו זייא גערופֿען דיא ווערטער פֿון ירמיה הנביא „גיעב דיין הארץ צו דער אויסגעטראָטענע ליניע, און קעהר צוריק צום וועג אין וועלכין דוא ביסט געגאנגען" (שיתי לבך למסִלָה ושוב בדרך אשר הלכתָ). אבער דאמאלסט איז דאס וואססער שוין געוועזן אַזוי הויך, דאס זיך אומצוקעהרין איז

דיא סכנה געווען זייער גרויס. דאמאלסט האבען זייא בייא זיך געטראַכט: אָ עס גייט פֿיעל לייכטער צו פֿארליערען דעם דֶרֶך־הַיָשר ווען מיר זיינען אויף דער רייזע, איידער צוריק דעם ריכטיגען וועג צו טרעפֿין ווען מיר האבין זיך פֿאַראירט!

דאָך, זייא האבין זיך אָנגעשטרענגט צוריק צום וועג צו קומען; אבער עס איז דאמאלסט פֿאַר זייא אַזוי פֿינסטער געווען, און דער וואַססער שטראָם איז אַזוי הויך געוועז, דאס בעֵת זייער פרובירען צוריק צו גיין, זיינען זייא בַיין אדער צעהן מאהל שיער דערטרונקען געוואָרין. דארום איז עס זייא אויך אונמעגליך געווען, חאָטש זייער גרויסע בעמיהונג, אין יענער נאַכט צוריק צום טרעפֿ צו טרעפֿען. וויא זייא האביז ענדליך, איין קליינעם שוטץ־פלאַץ געפֿונען האבין זייא זיך דאָרט צוגעזעצט ביז עס זאל טאג ווערין; אבער זייענדיג זייער מיעד זיינען זייא דאָרט איינגעשלאָפֿען.

נון, ניט וויט פֿון דאָרט וואו זייא זיינען געלעגען און געשלאָפֿען, איז געווען אַ שלאָס, וועלכען מען האט גערופֿען „צווייפֿיל־שלאָס" און דער בעל־הבית פֿון יענעם שלאָס איז געווען דער ריעז „קיין האָפֿפֿנונג" און אָט אויף זיינע פֿעלדער זיינען דיא צווייא רייזענדער איצט געשלאָפֿען. יענער ריעז, אויפֿוואַכענדיג ווען עס איז נאך גאַנץ דונקעל געווען, און אַרום שפּאַציערענדיג אויף זיינע פֿעלדער, האט געפּאַקט משיחי'ן און זיין חבר ליעגענדיג אין שלאָפֿען. מיט גרימצאָרין און געוואַלדין האט ער זייא אויפֿגעריססען פֿון שלאף און האט זייא געפֿרעגט, פֿון וואו זייא קומען און וואס זייא טהון אויף זיינע פֿעלדער? זייא האבין איהם דערציילט דאס זייא זיינען רייזענדער און דאס זייא האבין פֿארלאָרין זייער וועג. ד'רויף האט דער ריעז געזאגט צו זייא: איהר האט זיך בייא מיר דיעזע נאַכט פֿארשולדיגט מיט דעם וואס

איהר זייט אין מיין נחלה אריין און אויף מיינע פעלדער געשלאָפען; און דארום מוזט איהר מיט מיר מיטגיין. אַזוי זיינען זייא ביידע געצוואונגען געווען מיט איהם צו גיין; דען ער איז פיעל שטאַרקער געווען אלס זייא. זייא האבין אויך כמעט גאר ניט געהאט וואס צו ענפּערין, ווייל זייא האבין זיך געפיהלט שולדיג. דער ריעז, דאריבער, האט זייא געטריעבען פאַר זיך וויא פארלאָרינע שאָף און האט זייא איינגעשפאַרט אין זיין שלאָס, אין איין זייער פינסטערע תפיסה, וואו עס איז געווען פייכט און שטינקענדיג אין דיא נאזלעכער פון דיא צווייא רייזענדער. דאָרט זיינען זייא אַזוי געלעגען פון מיטוואָך פריהמאָרגין ביז שבת אבענד'ס אָהן אביסען ברויט אָדער אַ טראָפּען וואססער, אָהן אַ שטראַהל ליכט און אָהנע צו זעהן אַ לעבענדיגען מענשין פאר זיך. מען קען זיך שוין פאָרשטעללען אין וואס פאר אַ ביטטערע לאַגע זייא זיינען געווען און דאבייא נאָך קיין פריינד און קיין בעקאַנטשאַפט צו האבין. משיחי'ס הארץ־ווייטיג איז נאָך גרעססער געווען ווייל דורך זיין שלעכטע עצה האט ער, אויך אויף זיין חבר, דיא גרויסע צָרה געבראַכט.

נון, דער ריעז קיין־האָפנונג האט געהאט אַ ווייב מיט'ן נאָמען „קיין־פערטרויען" און אין דער נאַכט האט ער איהר דערציילט דאס ער האט צווייא רייזענדער געפאַקט און זייא אריינגעוואָרפען אין דער תְפִּיסה ווייל זייא האבין בעטרעטען זיינע פעלדער; אויך האט ער בייא איהר געפרעגט, וואס זאל מען מיט זייא ווייטער טהון? און נאכדעם וויא זיא האט בייא איהם געפרעגט, ווער זיינען דיא לייט? וואס איז זייער געשעפט? פון וואו זייא קומען און וואוהין זייא גייען? און ער האט איהר אַלעם געזאגט—האט זיא געזאגט, איהר עצה איז, דאס ביים אויפשטיין אם פריהמאָרגען זאל ער זייא אַכְזָרִיש שלאגין, טאַקי גאָר אָהן רחמנות. און אַזוי האט דער

ריעז אַם פֿריהמאָרגען געטהון. ער האט אָפּגעריססען אַ דיקע צווייג פֿון אַ ווילדען עפּפּעלבוים און איז צו זייא אַרונטער, און אין דער תפיסה איז ער זייא נאכגעשפּרונגען גלייך וויא זייא וואָלטין הינט געווען, חאָטש זייא האבין זיך שטיל געהאַלטין און איהם קיין בייזעס וואָרט געזאגט. דערנאך האט ער זייא אַזוי אַכְזָרִיש געשלאגין, אַזוי שרעקליך, דאס זייא זיינען אָהן כחות געבליעבען זיך צו העלפֿין אָדער אַ ריהר צו געבין. ווען דער ריעז האט דאס אָפּגעטהון האט ער זייא אַליין געלאָזין אויף זייער עלענד צו יאָמערן און זייער אומגליק צו בעוויינין. יענעם טאג האבין זייא צווישען זיך פֿערבראַכט נאָר אין זיפֿצען און ביטטערעס קלאָגין. אַם אָבענד ווען זיא האט ווידער אַמאָהל מיט איהר מאַן געשפּראָכען וועגין דיא צווייא רייזענדער, און מערקענדיג דאס זייא זיינען נאָך ביים לעבין, האט זיא צום ריעז געזאגט, זיא וואלט געראָטען דאס ער זאל זייא אַנ'עצה געבין, זייא זאלין מיט זיך זעלבערט איין ענדע מאַכין. אַם פֿריהמאָרגען איז ער מיט אַ בייזין פּנים וויא דאס פֿאָריגע מאָהל צו זייא אריין, און וויא ער האט נאָר געמערקט דאס זייא ליידין שרעקליכע שמערצין פֿון דיא קלעפּ וועלכע ער האט אין זייא נעכטין אריינגעלייגט, האט ער צו זייא געזאגט: אזוי וויא עס איז דאָך גאַנץ אונמעגליך צו דענקען, דאס זייא וועלין נאָך אַמאָהל פֿון יענעם אָרט ארויסקומען, דאַרום וואלט פֿאר זייא דאס בעסטע געווען מיט זיך זעלבסט איין ענדע צו מאַכין, זיך קוילען, הייננען אָדער פֿערסם'ען. „דען"—האט ער צו זייא ווייטער געזאגט—„וואס האט איהר פֿון אַזא לעבין, וועלכעס איז פֿערבונדען מיט אַזוי פֿיעל יסורים?" זייא אבער האבין געבעטין רחמים פֿרייא געלאָזין צו ווערין. ביי דיא ווערטער האט ער זייא אנגעקוקט וויא מען קוקט אויף מיאוס'קייטין. און וויא ער האט זיך האסטיג אַלאָז געטהון

אויף זייא צו בעפֿאַלען, וואָלט ער געוויס פֿון זייא איין ענדע געמאַכט, אבער גראַד דאַמאָלסט, בהשגחת הבורא, איז אויף איהם אַ שוואַכקייט געקומען, אַ האַרץ־קלאַפּין וועלכעס עס פֿלעגט איבער איהם קומען ווען עס איז שיינעס וועטער געוועזין און ווען דיא זון האט פרעכטיג געשיינט, און בייא דיעזער שוואַכקייט פֿלעגט ער פֿאַרליערען דיא קראַפֿט זיינע הענד צו בענוצען; און דאַרום איז ער דאַמאָלסט פֿון דיא אָרימע רייזענדער אַוועק און האט זייא אַליין געלאָזין, זייא זאלין צווישען זיך קלעהרין, וואס זייא דאַרפֿין טהון. דאַמאָלסט האבין דיא געפֿאַנגענע צווישען זיך אנגעהויבין צו בעטראַכטין זייער לאַגע און זעהן, צו איז גוט פֿאַר זייא אָנצונעהמען זיין עצה אָדער ניט. זייא האבין אָנגעהויבין צווישען זיך אַזוי צו ריידין:

„ברודער״—האט משיחי געזאגט—„וואס זאלין מיר טהון? דאס לעבען, וועלכעס מיר האבין איצט איז דאָך אַ יאַמער־ליכעס. איך וויס ווירקליך ניט צו איז עס גוט אַזוי צו לעבין אַדער בעססער גלייך צו שטאַרבין, איך וואָלט בעססער געוואָלט דערוואָרגין ווערין, איך וואָלט בעססער געוואָלט דעם טויט איידער דיעזע פֿינסטערע תפיסה, זאלין מיר בלייבין אין דיא הענד פֿון דיעזען ריעז?״

האָפּפּנוננס־פֿולל: אמת, אונזער לאַגע איז איצט שרעקליך, און דער טויט וואָלט מיר פֿיעל ליעבער געווען וויא אין אַזא לאַגע צו בלייבין, דאָך לאָמ׳מיר זיך נאָר גוט באַרעכענען, ברודער! דער הערר פֿון דאס לאַנד וואוהין מיר גייען האט געבאָטין „לא תִרְצָח״ (זאָלסט ניט מאָרדין). ווען עס איז אונז פֿערבאָטין איין אַנדערן׳ס בלוט צו פֿערגיעססען, וויא גרעססער וועט נאָך זיין אונזערע עֲבֵרָה ווען מיר וועלין דיא עֵצָה פֿון דעם ריעז הערין און אונזער אייגענעס לעבען רויבין; דען דער, וועלכער ערמאָרדעט זיין ברודער, טייטעט דאָך נאָר זיין

קערפער, אבער דער, וועלכער נעהמט זיך זיין אייגינעם לעבען טייטעט זיין קערפער און דיא נשמה צוזאַמען. נאָך־וואס,—מיין ברודער משיחי—דוא דענקסט פֿון רוהיג זיין אין קבר, דוא האסט אבער פֿאַרגעססין דעם גיהנם וואוהין מערדערס גייען! „קיין מערדער האט אייביגעס לעבען.‟ לאָז זיך אונז נאָר גוט באַרעכענען: ניט אַללעס איז אין דיא קראַפֿט פֿון דעם ריעז. וויא איך פֿאַרשטייא זיינען שוין פֿיעלע רייזענדער פֿון איהם געפֿאַנגען גענומען געוואָרין, גלייך וויא מיר ביידע, און פֿיעלע זיינען דאָך נצול געוואָרין פֿון זיינע הענד. ווער קען פֿאָראויסזאגין וואס גאָט, וועלכער האט דיא גאַנצע וועלט בעשאַפֿען, קען נאָך מאַכין? דער ריעז קען באַלד שטאַרבין, אָדער פֿאַרגעססין אונז איינצושליעססען, אָדער עס קען גאָר באַלד פֿאָרקומען דאס איהם זאל נאָכ־אַמאָהל בעפֿאַלען זיינע שוואכקייט און ער זאָל גאָר אויף דיא גליעדער געלעהמט ווערין. ווען דאס זאל ווירקליך נאָכ־אַמאָהל פֿאָרקומען, האב איך מיר בעשלאָססין האַרץ און קוראַזש צו האבין און צו זעהן מיט אַללע כחות פֿון זיינע הענד ארויסצוקומען. איך בין אַ נאַר געוועזן מיט דעם, דאס איך האב עס שוין ניט פֿריהערט געפּרובירט. נון ברודער, זאל עס זיין וויא עס וויל, לאָמ׳מיר נאָר געדולדיג זיין און ליידין אַ צייט, דיא שעה קען באַלד קומען ווען מיר זאלין דאס גליק האבין בעפֿרייט צו ווערין, און לאָמ׳מיר נאָר ניט זיין אונזערע אייגינע מערדערס.

מיט דיא ווערטער האט האָפֿפֿנונגס־פֿולל זיין חבר אַביססעל בערוהיגט, און אַזוי זיינען זייא אויך יענעם טאג פֿערבליעבען אין זייער פֿינסטערע תפיסה, אין יאָמערליכען צושטאַנד.—געגען אָבענד איז דער ריעז ווידער אַמאָהל צו זייא אין תפיסה ארונטערגעגאנגען אום צו זעהן, אויב זייא האבין זיין עצה געפֿאָלגט. אבער ער האט זייא נאָך געפֿונען ביים לעבין,

טאַקי נאָר ביים לעבין; דען זייא האבין שוין אַזוי לאַנג ניט טועם געווען אַ שטיקעל ברויט אָדער אַביססעל וואַססער, און דורך דיא קלעפּ, וועלכע זייא האבין פון איהם בעקומען, איז אין זייא ניט מעהר געבליעבען וויא נאָר אַ שוואַכער אָטהעם. נון, וויא איך האב געזאגט, ער האט זייא נאָך געפונען ביים לעבין, וועלכעס האט איהם זייער צאָרניג געמאַכט און ער האט צו זייא געזאגט, אַזוי וויא ער זעהט דאס זייא האבין זיין עצה ניט געפאָלגט ווערט ער זייא ערשט וויייזין, דאס עס וואָלט שוין פאר זייא פיעל בעססער געווען, זייא וואָלטין אויף דער וועלט נאָר ניט געבאָרין געוואָרין.

דאס הערענדיג האבין זייא פאר שרעק געציטערט און מיר שיינט, דאס משיחי איז אין חַלָשות געפאַלען. ווען ער איז ווידער אַביססעל צו זיך געקומען האבין זייא ווידער צווישען זיך אנגעהויבין צו ריידין איבער דיא עצה פון דעם ריעז, צו זאל מען איהם פאָלגין, אָדער ניט. משיחי'ן האט געשיינט בעססער מען זאל עס טהון; אבער האָפּפנונגס-פולל האט ווידער דאַגעגען געזאגט: ברודער משיחי, געדענקסטו ניט דיין קוראַזש ביז אַהער? ניט טייפיל, ניט אַללעס, וועלכעס האט דיר בעגעגענט אין טאָהל פון טויט-שאָטין האט דיך געקענט מנַצֵחַ זיין. זעה, דורך וועלכע נסיונות, שרעק און סכנות דוא ביסט שוין דורכגעגאַנגען! איצט זאלסטו אַזוי איבערגעשראָקין זיין? דוא זעהסט, איך בין דאָ אין דער תפיסה גלייך מיט דיר, און איך בין דאָך פון נאַטור איין פיעל שוואַכערער מענש; דער ריעז האט מיר אַזוי פאַר-וואונדעט וויא דיר, און אויך איך ווער געהאַלטין אין הונגער, אָהן ברויט און וואַססער, און מיט דיר צוזאַמען קלאָג איך, אָהן אַ שטראַהל ליכט צו האבין. דאָך לאָמ'מיר אַביססעל מעהר געדולדיג זיין. געדענק וויא דוא האסט זיך אַזוי טרייא און בראַוו בענומען אויף'ן יריד הבל-הבלים און האסט זיך

ניט געשראָקין, ניט פֿאר דיא קייטין און ניט פֿאר דער שטייג אויך ניט אַמאָהל פֿאר'ן אכזרישען טויט. דאַרום לאָמ'־מיר מיט אַללע אונזערע כחות געדולדיג בלייבין אין אַללעס וואס מיר האבין צו ליידין: לכל הפחות דיא חֶרְפָּה צו פֿאַרמיידין, דען דאס פאַסט גאָר ניט פֿאר אַ מאַן, וועלכער זאגט דאס ער איז אַ מאמין אין משיח.

ווען עס איז ווידער נאַכט געוואָרין און דער ריעז און זיין וייב זיינען שלאָפֿין געגאנגען האט זיא איהם געפֿרעגט איבער דיא געפֿאנגענע און אויב זייא האבין געטהון וויא ער האט זייא גערעטין. אויף דעם האט ער געענטפֿערט, זייא זיינען גרויסע עַקְשָׁנִים, און ווילען ליעבער אללעס געדולדיג ליידין איידער זיך אליין דאס לעבין צו נעהמען. ד'רויף האט זיא געזאגט: מאָרגין פֿיהר זייא אריין אין הויף פֿון אונזער שלאָסס און וויז זייא דיא ביינער און דיא קעפּ פֿון אללע, וועלכע דוא האסט אומגעבראַכט, און זאלין זייא זיך דאס אין הארצין אַריינגעהמען דאס איידער דיא וואָך וועט זיין צו ענדע וועסטו זייא אין שטיקער צו האַקין אַזוי וויא דוא האסט עס געמאכט מיט מעהרערע זייער־גלַייכין, וועלכע זיינען דאָ פֿאר זייא געוועז.

אם פֿריהמאָרגען איז דער ריעז ווידער צו דיא גע־פֿאנגענע צוגעקומען און ער האט זייא אריינגעפֿיהרט אין הויף פֿון זיין שלאָסס און האט זייא געוויעזען, דאס וואס זיין פֿרוי האט איהם געהייסין זייא וייזין, און האט צו זייא געזאגט: זעהט איהר, דיא זיינען אויך געוועזן רייזענדער אַזוי וויא איהר, און אויך זייא זיינען זיך פֿארגאנגען און געקומען אין מיין גְּבוּל אריין וויא איהר, און אַזוי וויא איך האב פֿערשטאנען אַם־בעסטען, אַזוי האב איך מיט זייא געטהון, זייא צוריססען אויף שטיקער: און אַזוי טאַקי וועל איך עס מיט אייך מאכין נאך איידער עס וועלין צעהן טעג פֿארגיין. איצט

גייט אייך צוריק אין דיא תְּפִיסה.—אַזוי ריידענדיג האט ער זייא שטארקע קלעפּ געגעבין פיהרענדיג זייא צוריק אין דער תְּפִיסה; און דארום זיינען זייא ווידער וויא פריהער אין איין יאָמערליכען צושטאַנד געלעגין דעם גאנצין טאג שַׁבָּת.

אין דער נאַכט האט „קיין-בטחון,” דעם ריעז'ם פרוי, ווידער מיט איהר מאַן וועגין דיא געפאַנגענע גערעדט. טאַקי דער אלטער ריעז איז געווען גאנץ ערשטוינט, דאס ער האט בייא דיא רייזענדער בשום אופן ניט געקענט פּוֹעֵל'ן מיט זיך איין ענדע צו מאַכען, ניט דורך זיין צורעדען און אויך ניט דורך זיינע אכזריות. אויף דעם האט זיין וויב צו איהם געזאגט: מיר דוכט זיך, דאס דיא רייזענדער האבין נאך האָפּפנונג דאס איין רעטטער וועט נאך קומען אום זייא ארויסצוראַטעווען, אָדער זייא האבין בייא זיך שליססעל וועלכע קענען פּאַססין דיא תפיסה אויפצושליססען און פרייא צו ווערין. דארויף האט דער ריעז געזאגט: דאס דענקסטו מיין וויב? דארום וועל איך זייא טאַקי מאָרגין פריה דורכזוכען און דורכטאַפּין.

ארום האלבע נאַכט האבין משיחי און זיין חבר אנ־געהויבין שטארק מִתְפַּלֵּל צו זיין און האבין אַזוי פאר גאנ־זייער הארץ אויסגעגאָססין ביז עס איז באלד טאג געוואָרין. און זעה, ביים טאָג ווערין האט דער גוטער משיחי וויא פערוואונדערט אנגעהויבין צו ריידין מיט אַ שטימע, וועלכע ריהרט דאס הארץ: „אָ, וואס פאר אַ נאַר בין איך אַזוי אין אַ שטינקענדע תְּפִיסה צו ליעגען בעֵת איך קען דאָך זיין פרייא! איך האב דאָך אַ שליססעל אין בוזים וועלכען מ'רופט „הבטחה,” איד בין זיכער, מיט איהם וועל איך קענען עפענען אללע שלעססער פון דיעזער תפיסה „צווייפיל-שלאָס.”

האָפּפנונגס-פולל: אָ וויא ערקוויקט בין איך פון דיעזע נייעס! גוטער ברודער, נעם עס ארויס פון דיין בוזים און פּרוביר.

איצט האט משיחי ארויסגענומען דעם שליססעל פֿון זיין בוזים און האט אנגעהויבין צו פּרובירען עפֿענען דיא טהיר פֿון דער תפיסה; און טאַקי וויא ער האט מיט'ן שליססעל אַ דרייא געטהון האט זיך דיא טהיר לייכט און גלייך געעפֿענט אוןביידע רייזענדער זיינען גלייך פֿון תפיסה ארויסגעקומען. דערנאך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר וועלכע האט געפֿיהרט צום הויף פֿון שלאָסס און האט מיט דעם זעלבען שליססעל אויך יענע טהיר געעפֿענט. דערנאך איז ער צו צו דעם אייזערנעם שלאָסס-טהויער, דען אום גאנץ פֿרייא צו זיין האט מען געמוזט פֿון אייזערנעם טהויער ארויס; עס איז טאַקי געווען זייער שווער דיעזען גרויססען שלאָסס אויפֿ-צומאכען, דאך, ער האט זיך אויך אויפֿגעעפֿענט, גלייך וויא משיחי האט דעם שליססעל בענוצט. דאַמאלסט האבין דיא צווייא רייזענדער אַוואָרף געטהון מיט דער אייזערנע טהיר אום גיך ארויס צו גיין. ווען דער טהויער האט זיך געעפֿענט האט עס שטאַרק געסקריפּעט און דאַבייא האט זיך דער ריעז „קיין-האָפֿפֿנונג״ פֿון שלאף אויפֿגעכאַפּט, אבער גראַדע דאמאלסט, ווען ער איז אויפֿגעשטאנען דיא רייזענדער נאָכצויאָגען, האט איהם געפּאַקט דער קראַמפּ, אַזוי שטאַרק, דאס ער האט זייא בשום אופן ניט געקענט נאָכיאָגין. און דיא צווייא בעפֿרייטע זיינען זיך אַזוי גראד געגאנגען ביז זייא זיינען צוריקגעקומען אויף'ן דֶרֶך הַמֶלֶך און דאָרט זיינען זייא שוין געווען געשיצט ווייל זייא זיינען שוין געווען ארויס פֿון זיין ממשלה. ווען זייא זיינען ארויף צוריק אויף'ן טרעפּ צום קייזערליכען וועג, האבין זייא אנגעהויבין זיך צו בעדענקען, וואס פֿאר אַ צייכין זאלין זייא ביים וועג שטעלין, דאָרט ביים טרעפּ, אום צו בעוואָרנען אנדערע, וועלכע וועלין קומען נאך זייא, ניט אריינצופֿאַלען אין דיא הענד פֿון דעם ריעז „אָהן-האָפֿפֿנונג.״ זייא האבין ביידע בעשלאססין דאָרט אוועק

צו שטעלין אַ טאָוועל און אויף איהר אויסצוקריצען אָט דיא ווערטער: „אויף דער אנדערע זייט פֿון דיעזען טרעפּ גייט דער וועג צום „צווייפֿיל־שלאָסס," און דער מושל פֿון יענער געגענד איז דער ריעז „אָהן־האָפֿפֿנונג," וועלכער לעסטערט דעם הימלישען קעניג און ער זוכט צו מאטטערן און אומצובריינגען זיינע גוטע רייזענדער."—(דיעזע שריפֿט האבין שפעטער פֿיעלע רייזענדער געלעזין און זיינען נצול געוואָרין פֿון דיא גרויסע סכנה אין דער משיחי און זיין חבר זיינען געוועזן)—ווען משיחי און זיין פֿריינד האבין דאס געפֿערטיגט, זיינען זייא נאך פֿרייליכער געוואָרין און האבין געזונגען:

ארויס פֿון וועג זיינען מיר זיך פֿערגאַנגען.
מיר ווייסין, וואס הייסט אין „צווייפֿיל־שלאָס" צו זיין.
אוי, ביטטער איז עס דאָרט צו זיין געפֿאַנגען,
אין פֿינסטערניס, אָהנע האָפֿפֿנונג, אָהנע שיין!

מיר קענען אויך וואָרנען אללע אונז'רע לייט:
אַ רייזענדער, פֿערטרוי דיך אויף דיינען הערר;
גייא גלייך דיין וועג: דען גייסטו נאָר אָן אַ זייט
אַזוי קענסטו פֿאַללען, און ניט אויפֿשטיין מעהר.

# פופצעהנטעס קאפיטעל.

דערנאך זיינען זייא ווייטער געגאנגען ביז זייא זיינען צוגעקומען צו דיא „ליעבליכע בערג," יענע בערג וועלכע געהערין דעם מלך, פֿון דעם מיר האבין פֿריהער גֶעשפראָכין. אויף דיא בערג זיינען זייא ארויפֿגעגאנגען צו בעטראכטין דיא פאַרק'ן, דיא גערטנער, דיא כְּרָמים (וויינ־גערטנער), און וואססער־קוואַלען וועלכע זיינען דאָרט. דאָרט האבין זייא געטרונקען, געגעסין פֿון דיא פֵּרות, זיך געבאדין און זיך ערפֿרישט טאַקי וויא זייער הארץ האט געגלוסט. אויף דיא שפיצען פֿון דיא בערג ביים וועג האבין זייא געזעהן פאַסטאכער, וועלכע האבין זייערע שאף געפאַשעט. צו דיא פאַסטאכער זיינען זייא צוגעגאנגען, און שטייענדיג אנ־געשפאַרט אויף זייערע שטעקין—וויא מידע רייזענדער טהון ווען זייא שטייען שטיל און ריידין מיט דורכגייענדע מענשין—האבין זייא בייא דיא פאַסטאכער געפֿרעגט: וועמען געהערין דיא ליעבליכע בערג און דיא שאף וועלכע ווערין אויף זייא געפאַשעט?

דיא פאַסטאכער: דיעזע בערג זיינען דאס לאנד פֿון „עִמָנו־אֵל" און זייא ווערין געזעהן פֿון זיין שטאדט־אויס, אויך דיא שאָף זיינען זיינע, און ער האט זיין לעבין פֿאר זייא געגעבין.

משיחי: איז דאס דער וועג צו דער הימלישע שטאדט?

דיא פאַסטאכער: איהר זייט ריכטיג אויף דעם וועג.

משיחי: וויא ווייט איז עס נאך אַהין?

דיא פאַסטאכער: עס איז זייער ווייט אבער ניט פאַר דיא, וועלכע ווערין ווירקליך אַהין אריינקומען.

משיחי: איז דער וועג זיכער, אָדער מסוכן'דיג?

דיא פאַסטאכער: זיכער פאַר דיא וועלכע עס איז פאַר זייא זיכער, אבער רשעים ווערין אויף איהם געשטרויכילט און פאַללען (הושע י"ב ט').

משיחי: זיינען היער דא עפעס ערקוויקונגען פאַר רייזענדע, וועלכע זיינען מיעד און מאַט אויף'ן וועג?

דיא פאַסטאכער: דער הערר פון דיעזע בערג האט אונז בעפאָהלען ניט צו פאַרגעסין מַכְנִים אוֹרְחִים צו זיין, דאַרום שטייט פאַר אייך אללעס גוטעס פון דיעזען אָרט.

און אַזוי האב איך געזעהן אין חלום, דאס וויא דיא פאַסטאכער האבין געמערקט, דאס משיחי און זיין חבר זיינען רייזענדער, האבין זייא בייא דיא געסט געפרעגט: פון וואו קומט איהר? וויא זייט איהר אויף דעם וועג ארויפ־געקומען? דורך וועלכע קראַפט זייט איהר אויף דעם וועג ביז אַהער אימער ווייטער געגאנגען? „דען נאָר וויניגע" — האבין דיא פאַסטאכער געזאגט — „פון דיא וועלכע הויבין אָן אַהער צו גיין דערגרייכין ביז צו דיעזע בערג." און דיא רייזענדער האבין אויף דיא פראגען געענפערט וויא זייא פלעגטין צו ענפערין אויף אַזעליכע פראגעס. ווען דיא פאַסטאכער האבין געהערט זייערע אַנטוואָרטין און עס איז זייא געפעלין, האבין זייא אויף משיחי'ן און זיין חבר זייער ליעבליך געקוקט און האבין צו זייא געזאגט: ברוך־הבא אייך! איהר זייט הערצליך איינגעלאַדין צו דיא ליעבליכע בערג. — דיא פאַסטאכער מיט דיא נעמען „וויססען," „ערפאַהרונג," „וואַך־זַיין," „תמימות" האבין גענומען דיא צוויא געסט צו זיך אין זייערע צעלטין און האבין זייא איינגעלאַדין צום טיש,

צו דאס, וואס איז דאמאלסט גרייט געווען. אויך האבין זייא צו דיא געסט געזאגט: „מיר ווילען איהר זאלט בייא אונז אַ צייט בלייבין, מיט אונז גוטע בעקאַנטשאַפט מאַכין, אויך איהר זאלט אייך דערקוויקען און ערפרישען מיט אללע גוטע זאַכען, וועלכע זיינען דא אויף דיעזע ליעבליכע בערג.” אויף דיא ווערטער האבין דיא רייזענדער געענפערט, דאס זייא ווילען זעהר גערין דאָרט אַ צייט בלייבין. דאמאלסט זיינען זייא געגאנגען זיך אויסרוהען, דען דיא נאַכט איז שוין באַלד געווען פארבייא.

דערנאך האב איך געזעהן אין מיין חלום דאס אַם פריה־מאָרגען האבין דיא פאַסטאכער ארויפגערופען משיחי'ן און זיין חבר מיט זייא צו שפאַציערען אויף דיא בערג. און אַזוי זיינען זייא מיט דיא פאַסטאכער פאָרווערטס געגאנגען, און אַזוי גייענדיג האבין זייא געהאט אויף אללע זייטין זייער שיינע זאַכין צו זעהן. דאַמאלסט האבין דיא פאַסטאכער איינער דעם אנדערין געפרעגט: זאלין מיר אונזערע געסט אייניגע זעלטענהייטין ווייזין? און ווען זייא האבין עס צווישען זיך בעשטימט, האבין זייא דיא רייזענדער צוערשט ארויפגעפיהרט אויף דעם שפיץ פון אַ באַרג, וועלכין מען רופט „אִירטום,” און דיעזער באַרג איז אויף איין זייט זעהר מְשופּע'דיג, אבגעשניטען וויא אַ גלייכע וואַנד. זייא האבין משיחי'ן און זיין חבר געהייסין אַראָפּ קוקין אין טאהל, אונטערין באַרג אירטום. און וויא זייא האבין אַ בליק געטהון האבין זייא דאָרט דערזעהן צערשמעטערטע קערפּער פון מענשין, וועלכע האבין זיך פון יענעם שפיץ אַראָפּגעגליטשט און זיינען דאָרט אומגעקומען. „וואס בעדייטעט דאס?”—האט משיחי געפרעגט. אויף דעם האבין דיא פאַסטאכער געענפערט: האט איהר ניט פון יענע לייט געהערט, וועלכע זיינען דורך הומניוס און פיליטוס פארפיהרט געוואָרין אין אירטום בנוגע

צו זאַכען וועגען דיא אמונה אין תְּחִיַּת הַמֵּתִים?* אויף דעם האבין דיא רייזענדער געענפֿערט: יאָ, מיר ווייסין עס. דאַרויף האבין דיא פֿאַסטאכער ווייטער געזאגט, דיא, וועלכע איהר זעהט דאָרט צושמעטערט אין יענעם אָבגרונד, זייא זיינען, וויא איהר זעהט, ניט בעגראבין נייערט ליגען געבליעבען, כדי עס זאל זיין אַ וואָרנונג פֿאר אַנדערע, מען זאל זיך היעטען ניט אויף אַ שארפֿין שפיץ צו קלעטערין און ניט ביים ברעג פֿון דיעזען באַרג צו טרעטין.

דערנאך האב איך געזעהן, וויא זייא האבין דיא רייזענדער ארויפֿגעפֿיהרט אויף אַ שפיץ פֿון איין אנדערן באַרג, דער נאמען פֿון אנדערן באַרג איז געוועזן „אָכטגעבען.” דא האבין דיא פֿאַסטאכער זייא געהייסין זייא זאלין וויט אַהין בליקען, אַזוי האבין דיא רייזענדער דערזעהן וויא מעהרערע מענשין גייען ארום הין און הער צווישען קְבָרִים. דער בייא האבין זייא נאך בעמערקט, דאס דיא לייט וועלכע גייען דארט ארום זיינען בלינד; דען זייא האבין דארט ארום געשטאלפערט און זיינען אפט אין דיא קברים אריינגעפֿאַלען און האבין ניט געוואוסט וויא אַזוי זיך פֿון דארט ארויסצומאַכען. משיחי האט געפֿרעגט: וואס בעדייטעט דען דאס? דאַרויף האבין דיא פֿאַסטאכער געענפֿערט: זעהסטו ניט טאַקי, פֿון דארט אַביססאלע ווייטער, וויא אונטער דיא בערג איז דא אַ טרעפּ, וועלכער פֿיהרט אַראָפּ צום פֿעלד דארט אויף דער לינקער זייט פֿון וועג? אויף דעם האבין דיא רייזענדער געענפֿערט: יאָ, זייא זעהען. דאן האבין דיא פֿאַסטאכער ווייטער געזאגט: אָט פֿון יענעם טרעפּ גייט א סטעטשקע וועלכע פֿיהרט גלייך צום „צווייפֿיל־שלאָס,” וואו דער ריעז „אָהן־האפֿפֿנונג” וואָהנט, וועלכער איז טאַקי דער מושל פֿון יענער געגענד. און יענע לייט,

---

* זעה ב טימותיוס, קאפיטעל ב׳ פסוק י״ז—י״ח.

וועלכע איהר זעהט צווישען דיא קברים זיינען אַמאהל געווען אויף דער רייזע, גלייך וויא איהר, ביז זייא זיינען צוגעקומען צו יענעם טערף. און ווייל דער גלייכער וועג איז דארט פאר זייא געווען שטיינעריג און שווערליך צו גיין, איז זייא אַם בעסטען געפעלין אַראָפּ צו גיין פון גלייכין וועג אין יענעם פעלד אריין. דארט זיינען זייא געפאנגען געווארין פון יענעם ריעז און זיינען אין דעם „צווייפיל־שלאס" איינגעשפארט געווארין, און נאכדעם וויא זייא זיינען אין דער פינסטערע תּפיסה אַ קורצע צייט געווען האט ער זייא ענדליך דיא אויגין אויסגעשטאכין און האט זייא אריינגעפיהרט אָט דארט צווישען דיא קברים, און האט זייא דארט געלאזין, זייא זאלין אַזוי ארומוואַנדערין וויא דיא פאַרווירטע ביז היינטיגען טאג. אָן זייא ווערט מקוים דיא ווערטער פון שלמה המלך: „אַ מענש וועלכער גייט אַראָפּ פון פארשטענדיגען וועג זאל צווישען דיא טויטע בלייבין." דאמאלסט האבין זיך משיחי און זיין חבר אנגעקוקט און דיא טרערין זיינען זייא גערונען פון דיא אויגין, אבער זייא האבין דיא פאַסטאכער גאר נישט דערציילט.

דערנאך האב איך ווייטער געזעהן אין חלום וויא דיא פאסטאכער האבין זייא צוגעפיהרט צו איין אָרט אונטער'ן באַרג, וואס דארט איז געווען אַ טהיר אָן דער זייט. זייא האבין דיא טהיר געעפענט און האבין דיא רייזענדער געהייססין זייא זאלין אהין אריינבליקען. משיחי און זיין חבר האבין אַזוי געטהון; און זייא האבין דארט געזעהן אַ שטארקע פינסטער־נים און איין וואלקין פון רויך, אויך האבין זייא עפּעס וויא געהערט דאס רוישין פון אַ פלאַקערדיגען פייער און דאס יאָמערין פון מענשין וועלכע לײדין דארט שרעקליכע ווייטיגען; אויך איין געשטאנק פון ברענענדיגע שוועבעל איז זייא וויא צום נאז ארויף. משיחי האט געפרעגט: וואס איז דאס? דארויף

האבין דיא: פאסטאכער געענפערט: דאס איז איינע פון דיא גאַססין, וועלכע פיהרען אין גיהנם אריין. דורך דיעזע גאַס קומען אַריין דיא צבוע'יאקעס וועלכע פאַרקויפין זייער בכורה פאַר אַ טאָפ לינזען וויא עשו האט געטהון, אדער וועלכע פאַרקויפין זייער הערר'ן: וויא יהודה דער מוסר (פון איש קריות)* האט געטהון, און יענע, וועלכע לעסטערין דיא אמונה פון משיח וויא אלכסנדר,** אדער וועלכע מאכין זיך וויא פרום און בעטריגען וויא חנניה און זיין ווייב שפירא האבין געמאכט.*** דארויף האט „האפפנונגס-פולל" געזאגט: איך פאַרשטייא, דאס אויך דיא לייט האבין געשיינט צו זיין רייזענדער, וויא מיר. ניט אַזוי?

דיא פאסטאכער: געוויסס! און טאקי אַ לייגגערע צייט.

האפפנונגס-פולל: וויא וויט האבין זייא דען אַ שטייגער געקענט אויף זייער רייזע גיין, ביז דיא שעה איז געקומען, דאס זייא זיינען פערוואָרפין געווארין און פארלוירען געגאַנגען?

דיא פאסטאכער: אייניגע פון זייא אַביססעל וויטער, און אייניגע פון זייא זיינען ניט אמאהל צו דיעזע בערג צוגעקומען.

אַ, האבין דיא רייזענדער איינער צום אנדערן געזאגט, מיר מוזין מתפלל זיין; צום שטארקין גאט ער זאל אונז שטאַרקין און כחות געבין!

דיא פאסטאכער: געוויסס און איהר מוזט טאקי דיא כחות בענוצין ווען גאט וועט זייא אייך געבין.

צו יענער צייט האט זיך דיא רייזענדער שוין געוואלט אויף זייער רייזע וויטער גיין, און אויך דיא פאסטאכער האבין געוואלט זייא זאלין. אַזוי טהון; אַזוי זיינען זייא אללע צוזאמען געגאנגען ביז דארט, וואו דיא בערג ענדיגען זיך.

---

* זעה מתי כ"ו י"ד—ט"ז, מ"ז—נ'. ** טימותיוס א' י"ט—כ'.
*** אפאסטעל געשיכטע קאפיטעל, ה'.

דערנאך האבין דיא פאסטאכער איינער צום אנדערן געזאגט:
לאמ'מיר דיא רייזענדער ווייזין דעם טהויער פֿון דער הימלישע
שטאדט, ווען זייא פֿארשטייען נאר וויא אַזוי צו קוקין דורך
אונזערע שפאַקטיוועז. דיא רייזענדער האבין דאמאלס אנגענומען
מיט דאַנק דעם גוטען ווילל'ען פֿון דיא פאסטאכער, וועלכע
האבין דיא צווייא רייזענדער ארויפֿגענומען אויף אַ בערגיל
וועלכער הייסט „ליכט" און האבין זייא געגעבין דיא
שפאַקטיווען צו קוקין.

דיא רייזענדער האבין זיך זייער אָנגעשטריינגט דורך'ן
שפאַקטיוו עפעס צו זעהן; דען דורך דעם וואס איז זייא נאך
פֿאר דיא אויגין געשטאנען, אללעס וואס דיא פאסטאכער
האבין זייא פֿריהער געוויעזען זיינען זייא אונרוהיג געווען;
זייערע הענד האבין געציטערט און זייא האבין טאַקי דאדורך
ניט געקענט גלייך אונד ריכטיג דורך'ן שפאקטיוו קוקין. דאך
זייא האבען עפעס געזעהן פֿון דעם טהויער און דיא שיינקייט
פֿון יענער געגינד. דאמאלסט זיינען דיא רייזענדער ווייטער
געגאנגען זיך זינגענדיג:

גייט צו דיא פאסטאכער, לאזט אייך בעלעהרין!
זייא וועלין אייך פֿיעל גרויסע זאכין ווייזין;
זייא צייגען וואונדערבאַרעס, און ערקלעהרין,
וועלכעס גיט גרויסין מוטה, ווייטער צו רייזין.

ביים אוועקגיין האט איינער פֿון דיא פאסטאכער זייא
געגעבין אַ קאַרטע אויף וועלכע דער וועג איז אויסגעצייכענט,
געווען, דער צווייטער האט זייא אנגעזאגט זייא זאלין זיך היטען
פֿון הערר „גלאטע-צונג," דער דריטטער האט זייא אנגעזאגט,
זייא זאלין ניט שלאָפֿין אויף דעם „כשוף-פֿעלד," דער
פֿיערטער האט זייא געבענטשט אין גאטעס נאמען.

# זעכצעהנטעס קאפּיטעל.

איך האב ווייטער געזעהן אין חלום דיא צווייא רייזענדער גייענדיג פֿון דיא בערג אויף דעם וועג וועלכער פֿיהרט צום הימעל, און טאקי אביססעל אונטען אויף דער לינקער זייט איז דא אַ לאַנד וועלכע הייסט „פֿאלשֶער־דמְיוֹן,“ און פֿון יענע לאַנד ציהט זיך אַ קליין סטעטשקאלע, קרום און גֶעדרֵייט, צום וועג, אין וועלכען דיא רייזענדער זיינען געגאנגען. אַט דארט האבין זייא בעגעגינט איין יֻנגיל זעהר פֿלינק און לייכט אויף דיא פֿיס, וועלכער גייט און קומט פֿון יענער לאַנד. זיין נאמען איז געווען „קיין־וויססען“ (בַעַר). איהם האט משיחי אַפֿרעג געטהון: פֿון וועלכע געגענד ער קומט און וואוהין ער גייט?

קיין־וויססען: איך בין געבארין געווארין אין אַ לאַנד, וועלכע איז דארט אביססעל אויף דער לינקער זייט און איך גייא צו דער הימלישע שטאדט.

משיחי: וויא אַזוי דענקסטו אבער אריין צו קומען אין טהויער פֿון יענע שטאדט? עס איז גאר מעגליך, דאס עס וועט ניט אַזוי גלאַט גיין וויא דוא מיינסט.

קיין־וויססען: אַט וויא אנדערע גוטע לייט טהון.

משיחי: אבער וואס האסטו צו וועיזען בייא יענעם טהויער, דאס ער זאל פֿאר דיר געעפֿענט ווערין?

קיין־וויססען: איך קען דעם ווילען פֿון מיין הערר, און איך האב ריכטיג נאך זיין ווילין געלעבט. איך גיעב יעדין אוועק וואס איהם געהערט, איך דאווען, איך פֿאסט תַּעֲנִית׳ים,

גיעב מַעֲשֵׂר און צְדָקָה און איך האב פֿארלאזין מיין לאַנד אום צו עררייכען יענע לאַנד וואוהין איך גייא.

משיחי: אבער דוא ביסט דאך ניט אריין דורך'ן קליינעם טהויער'ל וועלכער איז דער אַיינגאנג צו דיזען וועג. דוא ביסט דאך אַהער אריין אָט דורך דיא קרומע סטעטשקע און דארום —חאטש דוא מעגסט דענקען פֿון דיר זעלבסט, אָט וואס דיר ווילט זיך—האב איך דאך מורא, ווען דער יום הדין וועט קומען וועסטו אָנגעקלאגט ווערין אלס רויבער און גנב, אנשטאט ערלויביניש צו בעקומען אין דער שטאדט אריינצוגיין.

קיין־וויססען: מיינע הערךן, איהר זייט מיר גאנץ פֿרעמד. איך קען אייך ניט. זייט איהר אייך צו פֿריעדען מיט דער אמונה פֿון אייערע מקומות און איך וויל מיר האלטין דיא אמונה פֿון מיין לאַנד. איך האָף אללעס וועט גוט זיין. און וועגין דעם טהויער פֿון וועלכין איהר האט געשפראכין, וויים דיא גאנצע וועלט דאס ער איז זעהר וויים פֿון אונזער לאַנד. איך וויים ניט אויב איין איינציגער פֿון אונזערע לייט וויים גאר דעם וועג אהין; אויך דארף עס זייא גאר ניט הארין, אויב זייא ווייססין עס אדער ניט. זאלאנג מיר האבין, וויא איהר זעהט, אַזא פֿיינע, מיט גרינע ביימער בעוואקסענע סטעטשקע וועלכע ציהט זיך אַראָפּ פֿון אונזער לאַנד, וועלכע איז טאקי דער צווייטער וועג צו דיעזען וועג.

ווען משיחי האט געזעהן דאס דער מאן האלט זיך פֿאר קלוג, האט ער צו האפּפֿנונגס־פֿולל אין אויער אַ שושקע געטהון „פֿאר אַ נאַר איז דא מעהר האפּפֿנונג וויא פֿאר איהם" (משלי כ"ו י"ב), און נאך־וואס: „ווען דער נאַר גייט זיין וועג איז דאס אָהן הארץ, און ער רופֿט יעדין נאַר" (קהלת י' ג'). וויא מיינסטו, זאלין מיר מיט איהם וויטער ריידין אדער פֿון איהם איצט אַוועקגיין און איהם לאזין ער זאל זיך מתבונן זיין איבער דאס, וואס ער האט שוין געהערט, און

שפּעטער: זעהן, אויב און וויפיעל מיר קענען עפּעס גוטעס פאר איהם טהון?

אויף דעם האט האפּפּנונגס־פולל געאַנטוואָרט:

לאז דעם נאַר זיך אליין בעקלעהרין, דענקען,
פיעללייכט דערקענט ער ענדליך זיינע נאַרישקייט;
און לאזט זיך פון גאטעס ווארט פיהרען, לענקען,
לאזט זיך רעטטען דורך דיא הימלישע קלוגהייט.

אבער רייד ניט מעהר צו אַ טויבין אויער;
דען דיין מיה ביים נאַר וועט זיין גאר אומזיסט.
מעגסט איהם וויזין דעם וועג, איינגאנג און טהויער,
נאַר וויל בלייבין נאַר, מעגסט זאגין וואס דוא ווילסט.

האפּפּנונגס־פולל האט נאך ווייטער געזאגט: מיר שיינט עס איז גאר ניט גוט דוא זאלסט איהם זאגין אללעס (וואס דוא האסט איהם צו זאגין), אויף איין מאהל. לאז אונז איהם פאָראויסגיין, און מיר וועלין שפּעטער מיט איהם ווידער אַמאהל ריידין אַזוי פיעל, וויפיעל ער וועט אונזערע רייד ערטראַגין. — אַזוי זיינען זייא בײדע ווייטער געגאנגען, און „קיין־וויססען" איז געגאנגען הינטער זייא. ווען זייא זיינען אַ ביססעל פון איהם ווייט פאראויס געווען זיינען זייא אריינגעקומען אין איין זעהר דונקלען דורכגאַנג, וואו זייא האבין געטראפין אַ מאן, וועלכען זיעבען שֵׁדים האבין געבונדען מיט זיעבען שטארקע שטריק און האבין איהם געשלעפּט צוריק צו יענע טהיר וועלכע זייא האבין געזעהן אונטער'ן בארג אויף דער זייט. גוטער משיחי און זיין חבר האבין, דאס זעהענדיג, אנגעהויבען צו ציטערין; און ווען דיא שדים האבין דעם מאן אוועקגעפיהרט האט משיחי געקוקט אום צו זעהן אויב דער מאן איז איהם בעקאנט. משיחי האט געדאכט עס מוז געוויס זיין דער

הערר „צוריק־אין־פֿינסטערנים" פֿון דער שטאדט „אפיקורסות."
זיין פנים האט ער ניט געקענט ריכטיג זעהן ווייל ער האט דעם קאָפּ געהאלטין אראפּגעלאזין גלייך וויא אַ גנב ווען מען פאקט איהם. ווען מען האט איהם שוין פֿאר זייא אריבער געפֿיהרט האט האפֿפֿנונגס־פֿולל נאך אַ בליק געטהון און האט דערזעהן אויף זיין רוקין אַ פּאַפּיער, וואו עס זיינען געשריעבען געווען דיעזע ווערטער: „אַ פֿאלשער מאַמין און פֿערפֿלוכטער אפיקורום."

דערנאך האט משיחי געזאגט צו זיין חבר, אָט דיעזער אָרט עראינערט מיך אָן אַ געשיכטע וואס מען האט מיר דערציילט, וועלכע האט אַמאָהל פּאַססירט מיט איין גוטען מאַן אָט דא אין דיעזע מקומות. דער מאַן האט געהייסין „קליין־גלויביגער," ער איז אבער געווען איין עהרליכער און גוטער מענש און האט געוואָהנט אין דיא שטאדט „תְּמִימוּת." מיט דיעזען מאַן האט אַזעליכעס פּאַססירט: ביים איינגאַנג פֿון דיעזען דורכגאַנג ציהט זיך אַראָפּ פֿון „ברייטין־וועג'ס־טהויער" אַ געססיל, וועלכע מען רופֿט דיא „טויטין־גאַס,"— און זיא ווערט גערופֿען בייא דיעזען נאמען ווייל דארט גייען פֿאָר שרעקליכע רציחות.—און „קליין־גלויביגער," גייענדיג אויף דער רייזע, אָט וויא מיר טהון איצט, האט זיך גראַד דארט אַ ווײלע אַ ניעדערגעזעצט און איז איינגעשלאפֿין. און גראד דאמאָלסט, פֿון דער גאַס, וועלכע ציהט זיך אראָפּ פֿון „ברייטען וועג'ס טהויער" זיינען אַראָפּגעקומען דרייא פֿעסטע קעריל (דיא ברידער „האַרץ־שוואַך," „אָהן־בטחון" און „שולדיג." און וויא זייא האבין „קליין־גלויביגער'ן" דערזעהן, וואו אין וויא ער איז, זיינען זייא שנעלל וויא בליצען צו איהם צו, (גראָד דאַמאָלסט ווען דער גוטער מאַן איז פֿון שלאף ערוואַכט און האט זיך צוגעגרייט אויף זיינע רייזע ווייטער צו גיין). זייא האבין איהם מיט איין ריעזען שטימע

צוגערופֿען, ער: זאל גלייך שטילל שטיין בלייבין. הערענדיג דאס, איז „קליין־גלויביגער" בלַייך געוואַרין און האט ניט געקענט מלחמה האלטין אדער אַוועקלויפֿין. „דעם בייטיל גיעב אַהער!" האט „הארץ־שוואַך" געשריען. ווייל אבער ער האט זיין געלט ניט געוואלט אַזוי גיך אַוועקגעבין — דען איהם האט זיך זעהר ניט געוואלט זיין געלט פֿאַרליערען — האט זיך „אָהן־בטחון" גיך צו איהם אַ לאָז געטהון, אריין געשטעקט דיא האַנד אין זיין קעשענע און ארויסגעצויגין אַ זעקיל פֿול מיט זילבער, „גנבים! גזלנים!" האט „קליין־גלויביגער" געשריען, און וויא ער האט אַזוי געשריען איז „שולדיג" צו איהם צוגעשפרונגען, מיט אַ פֿלאָקין, וועלכין ער האט געהאלטין אין האַנד, און האט „קליין־גלויביגער'ן" אַ קלאַפּ געגעבין איבער'ן קאָפּ דאס ער איז גלייך פֿאַר איהם געפֿאַלען אויף דער ערד, וואו ער איז דערנאך געלעגין און געבלוטעט, גלייך וויא איינער בלוטעט צום שטארבין. דאס איז אַלעס געשעהן ווען דיא רויבער זיינען נעבין איהם געשטאַנען. אבער ענדליך, וויא דיא רויבער האבין געהערט טריט אויף'ן וועג, און דערקענענדיג „גרויס־חסד" וועלכער וואָהנט אין דער שטאדט „בטחון" קומט, האבין זייא זיך אַ נעהם געטהון דעם דֶרֶך און האבין דעם גוטין מאַן איבערגעלאָזין פֿאַר זיך אליין. אָט דאס איז דיא געשיכטע וואס האט פּאַססירט מיט „קליין־גלויביגער'ן."

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: אבער האבין זייא פֿון איהם אַוועק־גענומען אַללעס וואס ער האט פֿערמאָגט?

משיחי: ניין וואו זיינע דיאַמאַנטען זיינען געווען האבין זייא ניט באַמערקט, אַזוי זיינען דיא דיאַמאַנטען בייא איהם געבליעבען. דאַך וויא איך האב געהערט, איז דער גוטער מאַן געווען גאַנץ ניעדערגעשלאָגין דורך דעם שאַדין וואס ער האט געליטען, דען דיא רויבער האבין אַוועקגענומען בייא איהם

דעם גרעסטין טייל פֿון זיינע רייזע הוצָאות. דיא דיאַמאַנטען, וויא איך האב געזאגט, זיינען געוועזן דאס, וואס זייא האבין בייא איהם ניט בעקומען; אויך זיינען איהם געבליעבען נאך אַ פּאָר איבעריגע גראָשין, אבער ניט גענוג איהם צו ברייננגען ביז צו דער ענדע פֿון דער רייזע. וויא מ'האט מיר דערציילט, איז ער געצוואונגען געוועזן אויף דער רייזע צו בעטלען אום דיא נשמה צו ערהאלטין ווייל זיינע דיאַמאַנטען האט ער ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿין; און אַזוי בעטלענדיג און טהוענדיג וואָס ער האט נאָר געקענט, איז ער אויף זיינע רייזע געגאנגען, אבער וויא ג'זאגט, מיט אַ הונגעריגען מאָגען כמעט דיא גאנצע שטיק וועג וואס ער האט נאך געהאט צו גיין.

האָפּפֿנונגס־פֿולל: אָ וויא וואונדערליך איז עס דאָך דאס זייא האבין פֿון איהם ניט אַוועקגערויבט דעם פּאַסס, וואס דורך איהם וועט ער רשות בעקומען אַריינצוגיין אין הימלישען טהויער!

משיחי: עס איז ווירקליך אַ וואונדער; נאָר וויא דיא זאַך איז געוועזן, זייא האבין עס ניט בעקומען. און דאס איז ניט געשעהן ווייל ער איז פֿאָרזיכטיג געוועזין, דען ווען זייא זיינען איהם בעפֿאַללען איז ער דאָרט געשטאנען וויא אַ מְבולבָל און ער האט גאר קיינע קרעפֿטין און קיין פֿערשטאַנד געהאט עפעס צו בעהאַלטין פֿאר זייא. דאס איז טאַקי נאָר געשעהן דורך דיא השגחה פֿון דעם בורא ית"ש, אבער ניט דורך זיינע בעמיהונגען.

האָפּפֿנונגס־פֿולל: דאס האט פֿאר איהם געמוזט זיין אַ גרויסע טרייסט, דאס זייא האבין בייא איהם ניט אַוועקגערויבט זיינע דיאַמאַנטען.

משיחי: עס וואָלט געקענט ווערין אַ גרויסער טרייסט פֿאר איהם, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט וויא זיינע דיאַ־מאַנטען צו בענוצען. דיא לייט וועלכע האבין מיר דיעזע געשיכטע דערציילט האבין אבער געזאגט, דאס ער האט פֿון

דיא דיאַמאַנטען קליינע נוצין געהאט אויף זיינע רייזע ווייטער, טאַקי דערפאַר, ווייל ער איז געווען טרויעריג איבער דאס געלט וואס איז בייא איהם אַוועקגענומען געווארין. אַ צייט לאנג אויף דיא רייזע האט ער גאָר אַן זיינע דיאַמאַנטען פאַרגעססין, און ווען ער האט זיך שוין אַמאָהל דערמאַנט און האט אָנגעהויבען דערבייא געטרייסט צו ווערין, זיינען איהם בעשטענדיג מחשבות אין מוח געקומען איבער דעם שאָדין, וועלכען ער האט געליטטען, און דיעזע מחשבות האבין פון איהם יעדע שטיקעל נְחָמָה אַוועקגערויבט.

האָפּפּנונגס־פּולל: אָך, דער אָרימער מענש! וואס פּאר אַ ווייטיג האט דאס איהם געמוזט מאכין!

משיחי: אַ ווייטיג? געוויסס אַ ווייטיג! וואָלט עס ניט שרעקליך געווען פאר אונזער'ן איינעם, ווען מיר וואָלטין אַזעליכעס געהאט אויסצולײדין, גערויבט צו ווערין און דערצו־נאך פאַרוואונדעט און אַזוי זיך אין דער פּרעמד צו בעפּינדען, וויא ער דאַמאָלסט! עס איז טאַקי אַ וואונדער דאס ער איז ניט פּאר ווייטיג געשטאָרבין, אָרימעס האַרץ! איך האב געהערט, דאס אויף'ן גאנצען וועג האט ער נאָר געהאלטין אין איין טרויערין און קלאָגין, דערציילענדיג יעדען איינעם צו וועמען ער איז צוגעקומען אדער צו רייזענדער וועלכע זיינען צו איהם צוגעקומען, וואו מען האט איהם געראַבּוועט און וואס זיין שאָדין איז געווען, וויא אַזוי ער איז פערוואונדעט געווארין און דאס ער איז קוים אַרויס מיט'ן לעבין.

האָפּפּנונגס־פּולל: אבער עס איז ווירקליך אַ וואונדער דאס זיינע נויט האט איהם ניט געבראכט צו פאַרקויפין אדער צו פאַרזעצין זיינע דיאַמאַנטען, דאס ער זאל האבין מיט וואס זיך צו ערהאלטין אויף דיא רייזע.

משיחי: דוא רעדסט עפּעס וויא איינער וואס האט אַ קינדישען מוח; פאר וועלכעס האט ער זייא געקענט פּאַר־

זעצין? אדער ווענען האט ער זייא דען געקענט פֿאַרקויפֿין? בייא דיא אַללע לאַנדסלייט פֿון דעם אָרט וואו ער איז געראַבֿוועט געוואָרין האבין זיינע דיאַמאַנטען קיין ווערט געהאט, אויך האט ער גאר ניט געוואָלט יענע הילפֿע וועלכע מען וואָלט איהם דאָרט געגעבין. אויסערדעם וואָלטין דאָך איהם זיינע דיאַמאַנטען געפֿעהלט ביים טהויער פֿון דער הימלישער שטאדט. דאס האט ער גאנץ גוט געוואוסט. און איבערפֿאַללען צו ווערין פֿון צעהן־טויזינד רויבער וואָלט בייא איהם נאך ניט אַזוי שרעקליך געוועזן, וויא אויסגעשלאָססין צו ווערין פֿון צו האבין אַ נַחֲלָה אין דער אייביגער וועלט.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: אבער וואַרום רעדסטו אַזוי שטרענג, מיין ברודער? עֵשָׂו האט דאָך זיין בכורה פֿאַרקויפֿט פֿאר אַ טאַפּ לינזען, און דיא בכורה איז דאך געוועזן זיין בעסטער דיאַמאַנט. ווען ער האט עס אַזוי געמאכט, וואַרום זאל איך דאס ניט דענקען פֿון „קליין־גלויביגער׳ן?"

משיחי: טאַקי עֵשָׂו האט זיין בכורה פֿאַרקויפֿט, און אַזוי טהון פֿיעלע; און דורך דעם שליעססען זייא זיך זעלבסט אויס פֿון דיא גרעסטע ברכות, אָט וויא עֵשָׂו׳קע. אבער דוא מוזט פֿאַרשטיין דעם אונטערשיעד צווישען עֵשָׂו׳ן און דעם גוטען „קליין־גלויביגער׳ן" עשו׳ס בכורה איז נאָר געוועזן אַ טיטעל, אַ שַׁיין וואס קען זיך גלייך וועקסלען, אבער „קליין־גלויביגער׳ס" דיאַמאַנטען זיינען געוועזן אייביגע זאכען. בייא עשו׳ן איז זיין בויך געוועזן זיין גאט, אבער ניט אַזוי בייא „קליין־גלויביגער׳ן." עשו׳ס גאנצער גליק איז געלעגין אין זיין זינדיגען אַפעטיט, אבער ניט אַזוי איז עס געוועזן בייא „קליין־גלויביגער׳ן." עשו׳קע האט ניט מעהר געזוכט וויא עולם הזה, זיינע תאוות זאלין ערפֿיללט ווערין; ער האט געזאגט: „איך גייא דאָך צום שטאַרבין, היינט צו וואס דאַרף איך דיא בכורה?" אבער „קליין־גלויביגער," חאָטש זיין גורל איז גע־

פֿאַללען ער זאל נאָר וויניג גלויבין האבין, האט דאָך דאס ביססאַלע גלויבען וואס ער האט געהאט איהם אָפּגעהיט פֿון פֿרעססערייא און פֿאַרדאָרבענהייט, און עס האט איהם גע־לערינט צו שעצין זיינע דיאַמאַנטען און זיך מיט זייא גליקליך צו פֿיהלען, איידער זייא צו פֿאַרקויפֿין וויא עשו האט געטהון מיט זיין בכורה. מיר געפֿינען ניט אין דיא הייליגע שריפֿטען געשריעבען דאס עשו האט געהאט אמונה, ניט אפילו עטוואס. עס איז דאַריבער קיין וואונדער ניט, דאס וואו נאָר דיא פֿלייש־ליכע תאות געוועלטיגען אויף איין מענשין—און דאס איז בייא יעדין מענשין, וועלכער האט קיין אמונה אום געגען דיא תאות מלחמה צו האַלטין—פֿארקויפֿט מען דיא בכורה, דיא נשמה און אללעס וואס מען האט, טאַקי צום טייפֿיל אין גיהנם. דען אַזעליכע מענשין זיינען גלייך צום ווילדען אֵייזעל וועלכער קען פֿון זיין ווילען ניט אפגעהאלטין ווערין (ירמיה ב׳ כ״ד). האבין זייא זיך איינמאָהל אין זינען ארייג־גענומען אַ תאַוה, אַזוי ווערין זייא סקלאַווין פֿון דער תאַוה און זייא זוכין מיט אַללע קרעפֿטין איהר צו בעקומען, עס מעג זייא קאָסטין וואס עס וויל. „קליין־גלויביגער" אבער האט געהערט צו אַ גאנץ אנדערע נאַטור. ער האט געטראכט און געזארגט וועגין הימלישע זאכין, זיין לעבין איז בעשטאַנען אין רוחניות זאכין וועלכע קומען פֿון גאט ב״ה. און אַ מאַן וועלכער האט אַזאַ אַ נאַטור צו וועלכען תכלית זאל ער פֿאַרקויפֿין זיינע דיאַמאַנטען, אום אָנצופֿיללען זיין גייסט מיט אונ־נוצליכע זאכען? גיעבט דען אַ מענש, אָט אפילו אַ פרוטה אוים, אום אָנצופֿיללען זיין בויך מיט שטרויא? אדער קענסטו מאכין דאס דיא טויב זאל ווערין אַ רויב־פֿויגיל זיא זאל זוכין נאך נבֵלה פֿלייש וויא דער קראָה?—חאָטש מענשין וועלכע האבין קיין אמונה ניט קענען אום זייערע תאַות ווילען פֿארזעצין און פֿאַרקויפֿין אַללעס וואס זייא האבין, אויך זייער

נשמה, קענען אבער יענע, וועלכע האבין אמונה (אָט אפילו נאָר אַביססאַלע אמונה, וועלכע איז צו זייערע רעטטונג)), אַזעליכעס ניט טהון. דאס, מיין ליעבער ברודער, האסטו ניט ריכטיג פֿארשטאַנען.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: איך בין עס מודה, אבער דיין שטרענגעס ריידין האט מיך שיער צאָרניג געמאַכט.

משיחי: אַזוי? איך האב דיר דאך נאָר פֿאַרגליכען צו יענע פֿייגאַלאַך אויף׳ן פֿעלד, וועלכע לויפֿין ארום הין און הער ניט נאך איין בעשטימטען פלאַן ווייל זייא האבין קיין טיעפֿען פֿערשטאַנד. אבער גענוג פֿון דעם ענין. בעטראַכט עס גוט און צווישען אונז וועט נאר שלום זיין.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: ליעבער משיחי: איך מערק מיר גאנץ גוט דאס דיא דרייא קעריל, וועלכע זיינען „קליין־גלויביגער׳ן" איבער־פֿאַללען, זיינען ניט מעהר געוועזן וויא אַ פּאָר שאַרלאַטאַנעס אָהן קוראַזש און אָהן קרעפֿטין דען ווען ניט אַזוי, דענקסטו, וואָלטין זייא אַנטלאָפֿין וויא דיא פֿוקסין ווען זייא האבין געהערט טריט פֿון אַ מענשין אויף׳ן וועג? נוא פֿרעג איך דיר פֿאר וואס האט „קליין־גלויביגער" ניט געהאט האַרץ זיך געגען זייא צו שטעללען? איך דענק ער וואלט זיך געקענט מיט זייא ראַנגלען און נאָר זיך דאמאָלסט ערשט אונטערגעבין, ווען ער וואלט שוין קיין אַנדערע בְּרֵירה ניט געהאט.

משיחי: זייא זיינען שוואַכע פֿוקסין, דאס האבין שוין פֿיעלע געזאגט, נאָר ווייניגע אבער האבין עס ווירקליך אַזוי געפֿונען אין דער שעה ווען זייא זיינען פֿון דיעזע קעריל איבערגעפֿאַללען געוואָרין. אמת „קליין־גלויביגער" איז קיין מענש מיט אַ שטאַרקע האַרץ, און איך פֿאַרשטייא, ברודער, ווען דיר וואלט אַזעליכעס פּאַססירט, נאך דיין נאַטור־נאך, וואַלסטו טאַקי מיט זייא צוערשט זיך געראַנגעלט און דער־נאך זיך אונטערגעגעבין. אבער דיר דעם ריינעם אמת צו זאגען,

ברודער, חאָטש אַזוי וויא דוא בלאָזט זיך איצט, ווען זייא זיינען ווייט פון אונז, אַזוי וואָלטין דיר גאר גאַנץ אַנדערע מחשבות אין מוח געקומען, ווען זייא וואלטין דיר בעגעגינט וויא איהם. בעדענק אויך, דאס, דיעזע קעריל זיינען געדונגענע וועגס-רויבער, זייא זיינען אין דיענסט ביים מלך פון תהום וועלכער האט קיין גרונד ניט. און ער, ווען עס איז נאָר נייטיג, קומט זעלבסט ארויס זיינע לייט צו העלפין און זיין קול איז וויא אַ ברומונג פון אַ ווילדען לייב. איך אליין בין אַמאָהל געווען אין אַזאַ צרה אין וועלכע „קליין-גלויביגער" איז געווען, און איך האב בעקומען צו פיהלען וויא שרעקליך עס איז. אָט דיא דרייא רויבער האבין זיך אַלאָז געטהון צו מיר, און וויא איך האב מיך געשטעלט געגען זייא, טאַקי וויא אַ משיחי (קריסט) דאַרף צו טהון, האבין זייא אַ פייף געגעבין און גלייך איז זייער מייסטער אויף'ן פלאַץ געווען. דאמאָלסט, וויא געזאגט, איז מיין לעבין שיער אַ פרוטה ניט ווערט געווען. נאָר בהשגחת הבורא בין איך דאַמאָלסט געגאַנגען אָנגעטהון מיט געוועהר. איי, יאָ, חאָטש אַזוי פיעל כְּלֵי־זַיִן אויף מיר, האב איך דאך עס געפונען פיר זייער שווער זיך צו שטעללין געגען זייא וויא אַ גבור. קיין מענש קען פאָר-אויס וויססען וואס עס קען איהם פאַססירען בייא אזאַ געשלעג, סיידין ער איז שוין אַמאָהל געווען אין אַזאַ מלחמה.

האָפּפּנונגס-פולל: זייער גוט. אבער דוא זעהסט דאך דאס זייא זיינען אַנטלאָפין ווען זייא האבין נאָר געשפיערט דאס הערר „גרויס-חסד" איז אויף'ן וועג!

משיחי: טאַקי אמת, זייא זיינען שוין זעהר אָפּט אַנטלאָפין, זייא און זייער מייסטער, ווען „גרויס-חסד" איז נאָר צוגעקומען, און דאס איז גאָר קיין וואונדער ניט, דען ער איז דעם מלך המלכים'ס גענעראַל. אבער דוא וועסט אליין פאַרשטיין, דאס עס איז אַ גרויסער אונטעשיעד צווישען „קליין-גלויביגער'ן"

און דעם מלך׳ס גענעראַל. ניט אַללע דיענער פֿון מלך זיינען זיינע גענעראַלין. אויך קענען זייא ניט בייא איינעם איבער־פֿאַלל וויזין אַזעליכע גבורות אין מלחמה וויא איין גענעראַל קען. קען מען דען דענקען דאס אַ גאַנץ קליינעס קינד זאל מנַצֵח זיין דעם ריעז גלית הפלשתי וויא דוד האט איהם מנַצֵח געוועז? אדער דאס דיא קרעפֿטין פֿון איין אָקס מיט אויס־נעוואַקסענע הערנער זאלין זיין אין אַ קליין פֿייגאַלע? עס זיינען דא גִבורִים און עס זיינען דא שוואַכע מענשין, עס זיינען דא מענשין מיט גרויסע אמונה און עס זיינען דא קליין־גלויביגע, טאַקי דער מאַן איז געווען איינער פֿון דיא שוואַכע, און דאַרום האט עס איהם אַזוי פּאַססירט.

האפּפֿנונגס־פֿולל: וואלט נאָר „גרויס־חסד״ דארט געווען געגען דיעזע רויבער מלחמה צו האַלטין!

משיחי: אויך ער וואָלט געגנוג קרעפֿטין געגען זייא געדארפֿט אנווענדין אום זייא בייצוקומען. דען איך מוז דיר זאגען, חאטש „גרויס־חסד״ איז אַ גבור, וועלכער ווייס וויא אומצוגיין מיט דיא כְלֵי זַיִן און קען געגען זייא בעשטיין וויא לאַנג ער האלט זיין בלויזע שווערד פֿאַר זייא, דאָך ווען זייא דרינגען זיך אַריין אין איהם „שוואַך־האַרץ״ און ״קיין־בטחון״ אדער דער דריטטער קעריל, אַ, דאמאלסט איז דיא מלחמה שרעקליך! ער מוז אללע זיינע לעצטע כחות צוזאממען נעמען אום צו קענען אויף דיא פֿיס שטיין בלייבין; דען ווען אַ מענש פֿאַללט, ווייסטו דאָך, וואָס קען ער טהון?—דוא ווייסט, ברודער, ווען מען קוקט זיך צו, צו „גרויס־חסד׳ס״ פנים בעמערקט מען צייכין פֿון וואונדין און בייזין; דאס זאגט שוין גענוג וויא אמת׳דיג מיינע ווערטער זיינען. איך האב איהם געהערט זאגענדיג (עס איז געווען בעת ער האט מלחמה געפֿיהרט): „איך בין מיר במעט מיאָש פֿון מיין לעבין״ (ב אל הקור׳ א׳ ה). דוא ווייסט דאך וויא דיעזע רויבער

און זייערע חברים האבין דוד המלך'ן אַזוי צוגעשטיקט, דאס ער האט שרעקליך געקרעכצט, געיאָמערט און געשריען! הֵימָן (אין תהלים פ"ח), און חזקיה המלך, חאטש זייא זיינען געווען גבורים אין זייערע צייטין, האבין געמוזט אנווענדין אַללע זייערע כחות בעת זייא האבין זיך געשלאָגין מיט דיעזע רויבער, און נאכדעם אַללעם האבין זייא שטארקע וואונדען פֿון דיא רויבער בעקומען און זייערע קליידער זיינען שטארק אויסגעשמיערט געווארין ווען זייא האבין זיך מיט זייא געראַנגעלט. אויך שמעון פטרוס'ן וועלכער האָט אַמאָהל געוואָלט וויזין זיין גבורה, און חאטש מען זאָגט אַז ער איז דער גרעסטער פֿון דעם משיח'ס תלמידים, איהם האבין דיעזע רויבער אַזוי דיא כחות אַרויסגענומען דאס זייא האבין איהם ענדליך געמאַכט מורא צו האבין פֿאַר איין דיענסט־מיידיל. אויסערדעם, זייער פריץ איז אַללע מאהל גרייט צו צוקומען, אום זייא צו העלפֿין, ווען זייא זאָלין נאָר אַ וואונק געבין. ער איז קיינמאהל ניט אַזוי וויט, דאס ער זאָל זייער קול ניט הערין, און ווען זייא שטייען אַ מאהל שלעכט זיינען זייא זיכער, דאס ער וועט גלייך צו קומען זייא צו העלפֿין. פֿון איהם זאגט דער פסוק (איוב מ"א י"ח—כ"א): „ווען מען צו איהם גייט מיט'ן שווערד ריהרט ער זיך ניט, אויך ניט פֿאַר אַ שפיעז, בויגין און פאַנצער. אייזין איז בייא איהם וויא שטרוי, קופּפער וויא צופוילטעם האָלץ; קיין פֿייל פֿעריאָגט איהם ניט. וויא פאַלאָווע זיינען בייא איהם שליידער־שטיינער; קוילען זיינען בייא איהם וויא שטרושקעס און ער שפאָטעט פֿון דעם רוישען דער שפיעזען." היינט וואס קען אַ מענש אָנפֿאַנגען, ווען ער איז אין אַזאַ לאגע? אמת, ווען מען זאל קענען האבין בייא זיך יענעם וואונדערבארין פֿערד וועלכען איוב בעשרייבט (אין קאפ' ל"ט י"ט—כ"ה), און מען זאָל האבין דיא יכוֹלת און דעם קוראַזש אויף איהם צו

רייטין, וואָלט מען דערלעבט איבערנאַטירליכע זאַכען, דען „זיין האַלז איז וויא איינגעוויקעלט אין דונער, ער שרעקט זיך ניט וויא דער היישריק. שרעק בליצט אוים זיינע נאָז-לעכער, ער זוכט אוים דעם טאהל און איז פֿריילין איבער זיינע קראַפֿט; ער גייט געגען געוועהר, ער שפּאָטעט-אוים פֿורכט און ערשרעקט זיך ניט, פֿאַר דיא שווערד גייט ער ניט צוריק, אויף איהם מעג קלינגען געוועהר, עס מעגין בליצען שפּיעז און דורכשטעכער. ער צושאַרט דיא ערד מיט רַעַש און צאָרין, און עס קימערט איהם גאר ניט דער קול פֿון שופר. ווען דיא טרומפּעטען שאַלין, זאגט ער, איך פֿריי מיך! פֿון ווייטינס דערשמעקט ער שוין דיא מלחמה, דאס דונערין פֿון דיא פֿירסטען און דאס רוישען." אבער אַזעליכע פֿוסגייער וויא איך און וויא דוא, אונז דאַרף זיך עס גאר ניט וועלין אַזעליכע רייבער צו בעגעגינען און לאָמ'מיר זיך גאָר ניט איינריידען, דאס מיר וואָלטין גרעססערע גבורות געקענט ווייזין ווען מיר העריןן דאס אַנדערע' זיינען געפֿאַללען און געשלאגין געוואָרין; דען אַזעליכע מענשין, וועלכע בילדען זיך איין גבורים צו זיין, וועלין אַללע מאָהל מיאוס אויסזעהן ווען זייא וועלין קומען צום נִסָּיון. מיר קענען דאס זעהן פֿון דעם וואס האט שמעון פּטרוס'ן געטראָפֿען, וויא איך האב שוין פֿריהערט געזאגט, ער האט זיך געריהמט ער קען גבורות ווייזין, און דורך דעם וואס זיינע גרויסע מחשבות האבין איהם געצוואונגען מיט זיין הערר'ן מיטצוגיין האט ער געוואָלט טהון מעהר פֿאַר אַללע מענשין. אבער וועה איז נאָך אַזוי מיאוס בעזיעגט געוואָרין וויא ער דאמאלסט?* זעהסטו ווען מיר הערין דאס אַזעליכע רויבערייען גיין פֿאָר אויף דעם דֶּרֶךְ המלך מוזין מיר זעהן אָט דיא צוויי זאַכין צו טהון:

---

* זעה מתי קאפּיטעל כ"ו פּסוק ל'—ל"ה און פּסוק ס"ט—ע"ה.

ערשטינס: מיר זאָלין אַרויס אין וועג מיט כְּלֵי ־זַיִן בעוואפּענט, און מיר זאלין זעהן זיכער דיא שוך־טאָפּעל מיט אונז מיט צו נעהמען, ווייל ווען דיעזעס פּעהלט, קען אויך דער שטאַרקסטער גבור דעם לְוִיתָן ניט פאַרטרייבען; דען אָהן דעם שוך־טאָפּעל האט דער לויתן גאר קיין מורא ניט פאַר אונז. דער געלעהרינטער סאָלדאַט זאגט אונז דארום: „פאָר אַללעם נעמט דיא שוך־טאָפּעל פון אמונה, וואס דורך איהם וועט איהר קענען אויסלעשין דיא אַללע פייעריגע פיילין פון דעם שלעכטין" (אפסים ו' ט"ז).

צווייטינס: מיר זאָלין ביים מלך בעטין ער זאָל מיט אונז מיטשיקען סאָלדאַטין וועלכע זאָלין אונז בעהיטען, אדער, ווען מיר זאלין בייא איהם חֵן געפינען, ער אַליין זאל מיט אונז גיין. דאַרום האט זיך דוד המלך טאַקי געפרייט (ווען ער איז געגאַנגען דורך'ן טאהל טויט־שאטין), דאס זיין האַר איז מיט איהם געווען. משה האט פאַר זיך אויסגעוויילט בעססער אויף'ן באַרג אין דער מדבר צו שטארבין איידער אַליין צו גיין אהן דעם האַר זיינען גאט. ווירקליך, מיין ברודער, ווען אונזער האַר זאל מיט אונז גיין וואס דאַרפין מיר מורא האבין, און ווען עס זאלין אפילו זיין צעהן טויזינד שונאים פאַר אונז! אבער אהן איהם קענען אַללע דיא העלפערס, וועלכע האַלטין זיך גרויס, צווישען דיא דערשלאגענע פאַללין! דען, וויא איך האב דיר שוין געזאגט, איך אַלייז בין דאך שוין געוועזן אין דיא מלחמה, און חאטש דוא זעהסט דאס איך בין בחסד השי"ת לעבין געבליעבען, קען איך מיך ניט ריהמען דאס איך בין אַ גבור. איך וועל מיך נאָר דאמאלסט פרייען ווען מיר ווען ניט מעהר קומען אין אַזעליכע סכָנות, דען איך מיין, דאס מיר זענען נאך ניט גאַנץ אַריבער דעם גרענעץ וואו עס קענען אונז ניט מעהר סכנות בעגעגענען. נאָר איך בין בָטוח אין גאט ב"ה אַזוי וויא ער

האט: מיר מציל געווען פֿון דעם לייב און פֿון בער, אַזוי וועט ער מיר אויך מציל זיין פֿון דיא הענד פֿון דעם ריעז גלית הפלשתי דעם ערל.* און וויא משיחי האט דיעזע ווערטער געענדיגט, האט ער זיין קול אויפֿגעהויבין און געזונגען:

ארימער, „קליין־גלויביגער"! מ'האט דיך גערויבט?
נעמט אייך דאס צום האַרצין, אַללע דיא איהר גלויבט;
זוכט שטאַרקערין גלויבין און זייט מעהר געטרייא;
וועט איהר שלאגין טויזינד—ווען ניט, קיינע דרייא!

* דאָס איז דער לשון פֿון דוד המלך עה"ש, זעה שמואל א קאפיטעל י"ז ל"ו—ל"ז.

# זיעבצעהנטעס קאפיטעל.

אזוי זיינען זייא ווייטער געגאנגען און „קיין־וויסען" איז הינטער הער נאכגעגאנגען. זייא זיינען זיך אַזוי אויף זייער וועג ווייטער געווען ביז זייא זיינען צוגעקומען צו איין אָרט, וואו זייא האבין דערזעהן אַ וועג, וועלכער האט זיך אריינגעצויגין אין זייער וועג אריין. עס האט זייא געשיינט דאס יענער וועג איז פונקט אַזוי גלייך וויא דער וועג אין וועלכען זייא האבין געדאַרפט גיין. דא האבין דיא רייזענדער ניט געוואוסט וועלכען וועג זייא זאלין ווייטער גיין, טאַקי ווייל ביידע וועגין האבין בייא זייא אויסגעזעהן גאנץ גלייך. און דאריבער זיינען זייא דארט שטייןגעבליעבען אום זיך צו בעקלערין. וויא אבער זייא זיינען אַזוי געשטאַנען און נאכגעקלערט איז אַ שווארצער מענש אָנגעטהון מיט איין זעהר ליכטיגען בֶגֶד צו זייא צוגעקומען און האט זייא געפרעגט, ווארום זייא שטייען דארט עפעס אַזוי? זייא האבין געענפערט דאס זייא זיינען געווען גייענדיג אויף דעם וועג צו דער הימלישע שטאדט, איצט אבער וויסין זייא דא ניט אין וועלכען פון דיא צוייא וועגין זייא זאלין זיך נעהמען. „גייט מיר נאך"— האט דער מאַן געזאגט—„עס איז טאַקי וואוהין איך גייא." אַזוי זיינען זייא איהם נאכגעגאנגען אויף יענעם וועג, וועלכער האט זיך דאָרט געראַדע אריינגעצויגען פון אַ זייט אין גלייכין וועג אריין. און וועלכער האט זייא אַזוי לאַנגזאַם געדרייט און פאַרדרייט פון דעם וועג וועלכער פיהרט צו דיא הימלישע שטאדט. ביז ענדליך, נאך אַ גאנץ קורצע ווײלע, זיינען זייערע

פנים׳ער שוין אוועקגעקעהרט געווען פֿון זייער ציעל־פונקט, און זייא זיינען נאכגעגאנגען דעם שווארצין פֿיהרער. אבער אַזוי פּאַוואָלינקע, נאך איידער זייא האבין עפּעס געמערקט, האט ער זייא ביידין ארייגעפֿיהרט אין איין נעץ וואו זייא זיינען אַזוי איינגעפּלאָנטערט געווארין דאס זייא האבין גאר ניט געוואוסט וואס זייא זאלין אָנהויבין צו טהון. און באותה שָׁעָה איז טאַקי דער ליכטיגער בגד פֿון זייער פֿיהרער ארעפּ־געפֿאַללען. דאמאָלסט האבין זייא דערזעהן וואס מיט זייא טהוט זיך. דארום זיינען זייא דארט אַ צייט געלעגין און געוויינט, דען זייא האבין זיך פֿון דארט ניט געקענט ארויספּלאָנטערין. דאמאלסט האט זיך משיחי אפּגערופֿען צו זיין חבר: איצט זעה איך, דאס איך בין פֿאַראירט; דען האבין ניט דיא פּאַסטאַכער אונז אנגעזאגט מיר זאלין זיך היטען פֿון „גלאַטטע־צונג." מיר האבין געזעהן וויא אמת עס איז וואס שלמה המלך זאגט: „דער, וועלכער רעדט מיט דער גלאַטטער־צונג צו זיין חבר שפּרייט אוים א נעץ פֿאר זיינע פֿים" (משלי כ"ט ה׳).

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: דיא פּאַסטאכער האבין אונז דאָך אויך אַ רייזע קאַרטע מיטגעגעבין, וועלכע זאָל אונז ווייזין וויא דער וועג גייט, כדי עס זאָל אונז לייכטער זיין דעם וועג צו דערקענען, אבער מיר האבין גאַנץ פֿארגעססין אין דיעזע בעשרייבונג צו לעזין, מיר האבין זיך ניט אין אַכט גענומען יענעם וועג ניט צו גיין וואו דער מַזִיק פֿאַרפֿיהרט. דוד המלך איז שוין קליגער געווען, ער זאגט: „מענשין זאָלין טהון וואָס זייא ווילען, איך אבער האב, דורך דאס וואָרט פֿון דיינע ליפּען, מיך געהיט פֿון דיא וועגין פֿון דעם פֿאַרברעכער" (תהלים י"ז ד׳).—אַזוי זיינען זייא געלעגען, בעקלאגענדיג זייער לאַגע אין דעם נעץ. ענדליך האבין זייא דערזעהן אַ ליכטיגען־מאַן קומענדיג צו זייא מיט אַ קאַנטשיג געמאַכט פֿון דֿינע שטריק. ווען ער איז אַהין צוגעקומען, וואו זייא זיינען געווען, האָט

ער זייא אַ פֿרעג געטהון, פֿון וואו זייא קומען און וואס זייא האבין דאָרט געמאַכט? זייא האבין איהם דערציילט דאס זייא זיינען ארימע רייזענדער וועלכע גייען נאָך ציון, אבער זייא זיינען אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען פֿון זייער וועג דורך אַ שוואַרצין מאַן וועלכער איז געווען איינגעוויקעלט אין ווייסין, און וועלכער האָט זייא געזאָגט, זייא זאָלין איהם נאכגיין ווייל ער גייט אויך אַהין. דערנאך האט צו זייא געזאָגט דער מאַן מיט דעם קאַנטשיג, דאס איז דאָך „גלאַטע־צונג," דער פֿאַלשער־נביא, וועלכער פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ ליכטיגען מַלְאָך. בייא דיא ווערטער האט ער דעם נעץ צוריססען און האט זייא אַרויסגעלאזין. דערנאָך האט ער צו זייא געזאגט קומט מיט מיר, דאס איך זאָל אייך צוריקבריינגען אויף'ן גלייכין וועג. און אַזוי האט ער זייא אַרויפֿגעפֿיהרט אויף'ן וועג וועלכען זייא האבין פֿאַרלאָזין אום נאָכצוגיין „גלאַטע־צונג." דערנאָך האָט ער זייא געפֿרעגט: וואו זייט איהר פֿאַרגאַנגענע נאַכט געוועןְ? אויף דעם האבין זייא איהם געענפֿערט: בייא דיא פּאַסטאַכער אויף דיא ליעבליכע בערג. דאַרויף האט ער זייא געפֿרעגט אויב זייא האבין ניט פֿון דיא פּאַסטאַכער בעקומען אַ לאַנד־קאַרטע, וועלכע ווייזט וויא דער וועג גייט. זייא האבין געענפֿערט, יאָ. „נוא"—האט דער מאַן געזאגט—„ווען איהר זייט אויף דעם וועג שטיין געבליעבען, האט איהר ניט דיא בעשרייבונג אַרויסגענומען אין איהר צו לעזין"? „ניין"—„האבין זייא געענטפֿערט. „אבער"—האט דער מאַן וויטער געזאגט—„האבין אייך ניט דיא פּאַסטאַכער אנגעזאגט איהר זאלט אייך היטען פֿון גלאַטע־צונג"? „יאָ"—האבין דיא רייזענדער געענטפֿערט—„אבער מיר האבין זיך עס גאָר ניט געקענט דענקען, דאס דער מאַן וועלכער רעדט אַזוי שיין זאל זיין דער גלאַטע־צונג."

און אַזוי האב איך געזעהען אין חלום דאס ער האט

זייא געהייסען דעם רוקין איינבויגען, און ווען זייא האבין אזוי געטהון, האט ער זייא פֿעסט געשמיססען דאס עס זאל זייא גוט ווייא טהון, זייא צו לערנעי דעם גוטין וועג אין וועלכען זייא דארפֿין גיין; און שמייסענדיג האט ער צו זייא ערינסט און טהו תשובה" (התגלות יוחנן ג' י"ט). און וויא געזאגט: „ווענען איך ליעב שטראף איך און שלאג איך, ניי דאס איז געוועזן פֿארבייא, האט ער זייא געהייסין גיין זייער וועג און גוט אכט געבין אויף דיא אנדערע צייכין פֿון דער קארטע, וועלכע דיא פאסטאכער האבין זייא מיטגעגעבין. פֿאר זיינע חסדים האבין זייא איהם פֿון הארצין געדאנקט, און זייא זיינען זיך געגאנגען, טריט בייא טריט, אויף זייער וועג וויטער, זינגענדיג:

אין דעם נעץ, אין דיא פלאנטע פֿון גלאטע־צונג,
דארט זיינען מיר געוועזן, האבין אונז פֿאראירט.
פֿארזיכטיג, רייזענדער! מאכט קיין פֿאלשין שפרונג!
זעהט וואו איהר גייט, און וואוהין איהר ווערט געפֿיהרט!

מיר זיינען שיער אין דער פלאנטע געבליעבען,
האבין אויך שטארקע קלעפ דאפיר געליטען,
דאך, דאנקט איהם, דער ניט אנדערש קען, נאר ליעבען,
ער האט אונז געראטעוועט, דעם נעץ צושניטען!

איצט, נאך א קורצע ווילע האבין זייא דערזעהן פֿון וויטינס א מאן קומענדיג, גאנץ אליין אויף דער סטעטשקע, זייא צו באגעגענען. דאמאלסט האט זיך משיחי אפגערופֿען צו זיין חבר, אט דארט איז א מאן מיטין רוקין אויסגעדרייט צו ציון און ער קומט אונז צו באגעגענען.

האפֿפֿנונגס־פֿולל: איך זעה איהם; לאמ'מיר זיך נאר איצט גוט אין אכט נעהמען, טאמער ווען מיר נאכאמאהל

פאר אונז האבין אַ גלאַטע־צונג! דער מאַן איז אַלץ נעהענטער צו זייא געקומען און איז ענדליך פאר זייערע אויגין געשטאַנען. זיין נאמען איז געווען „כופֶר בעִקר," און ער האט בייא זייא אַ פרעג געטהון, וואוהין זייא גייען?

משיחי: מיר גייען צום באַרג ציון.

כופר בעקר: האט זיך זעהר שטאַרק צולאַכט.

משיחי: וואס בעדייט דיין געלעכטער?

כופר בעקר: איך לאַך זעהענדיג וואס פאר אַ אונוויס־סענדע מענשין איהר זייט, וועלכע נעהמען זיך צו אַזאַ שווערע רייזע, און דאך וועט איהר געוויסס ניט מעהר האבין וויא אייער אַרבייט פאר אייער מִיה.

משיחי: וואַרום מענש? דענקסטו מיר וועלין ניט אַריינ־געלאַזין ווערין?

כופר בעקר: אַריינגעלאזין ווערין? וואוהין? עס איז גאר ניטא, אין דיעזער גאַנצען וועלט, אַזאַ פלאַץ פון וועלכען איהר חָלום׳ט.

משיחי: אבער עס איז דא בְעולם הַבָא.

כופר בעקר: ווען איך בין אין דער היים געווען אין מיין לאַנד האב איך אויך געהערט אָט דאס וואס איהר זאגט, און אויף דאס הערענדיג בין איך אַרויסגעגאַנגען אום צו זעהן. און איך האב אַרומגעזוכט יענע שטאדט שוין זייט צוואַנציג יאהר, אבער איך האב פון איהר ניט מעהר געפונען וויא אין דעם ערשטין טאג, ווען איך בין אַרוים איהר זוכען.

משיחי: מיר האבין ביידעס, געהערט און גלויבען דאס עס איז דא צו געפינען אַזאַ פלאַץ.

כופר בעקר: וואלט איך ניט, ווען אין דער הַיים וַייעֶנדיג, געגלויבט, וואלט איך ניט אַזוי ווייט געקומען אום צו זוכין; און וואלט נאָר אַזאַ פלאַץ געווען צו געפינען, וואלט איך שוין לאַנג דערצו געקומען, דען איך בין געגאַנגען אַסאַך

ווייטער וויא איהר אום צו זוכען, אבער אַזוי וויא איך האב קיינען געפֿונען, גייא איך ווידער צוריק און איך וועל זוכין מיך צו דערקוויקען מיט דיא זאכין, וועלכע איך האב דאמאלסט אוועק געווארפֿין איבער האפֿנונגען, וועלכע איך זעה איצט דאס זייא זיינען פוסטע חלומות.

משיחי: (צו האפֿנונגס־פֿולל), איז דאס אמת וואס דער מאַן זאגט?

האפֿנונגס־פֿולל: נעהם דיר גוט אין אַכט! ער איז איינער פֿון דיא גלאַטע צונגען. געדענק וויא טייער מיר האבין שוין אמאהל בעצאהלט ווייל מיר האבין אזעליכע לייט געהערט! וואס הייסט עס עפעס ניטאָ קיין בארג ציון? האבין מיר ניט, בעת מיר זיינען אויף דיא ליעבליכע בערג געוועז, געזעהן דעם טהויער פֿון דער שטאדט? איז עס דען ניט אויך איצט דאס בעסטע פֿאר אונז באמונה שלֵמָה ווייטער צו גיין? אָ ברודער, ניין, לאמ׳מיר נאָר גיין אונזער וועג פֿאָרווערטס, דען וועט ניט קען אונז נאך דער מאַן מיט׳ן קאַנטשיג נאכאמאהל בעגעגענען. דוא דארפֿסט לערנען, אָט דאס וואס איך וועל איצט אריינשרייען אין דיינע אויער׳ן: „האלט זיך צוריק מיין זוהן פֿון צו הערין דיא לעהרע פֿון דעם, וועלכער פֿיהרט דיך אוועק פֿון פֿארשטענדיגע ווערטער" (משלי י"ט כ"ז). און דארום, ברודער, ציה דיך צוריק פֿון צו הערין זיינע רייד. לאמ׳מיר גלויבען אום אונזערע זעעלען צו רעטטען.

משיחי: מיין ברודער, ניט ווייל איך בין חלילה מסופק געווען אין דעם אמת פֿון אונזער אמונה, האב איך דיר דיעזע פֿראגע געשטעלט, נייערט אום דיך אויסצופרובירען און צו זעהן דיא פֿרוכט פֿון דיא אויפֿריכטיגע אמונה אין דיין הארץ. וועגין דיעזען כופר־בעקר קען איך דיר זאגין, איך וויים גאנץ גוט דאס ער איז מיט בלינדהייט געשלאגין דורך דעם גאט פֿון עולם הזה. לאמ׳מיר ביידע גיין ווייטער, וויססענדיג דאס

מיר האבין געגלויבט אין דעם, וועלכער איז אמת און קיין ליגען קען פון איהם ניט קומען.

האפּנונגס־פולל: איצט בין איך פריילך אין דער האפּנונג, גאט ב"ה צו זעהן אין זיין כבוד! — און אזוי האבין זייא זיך אוועקגעקעהרט פון כופר־בעקר און ער — זייא אויסלאכענדיג — איז זיך אוועק זיין וועג.

איך האב דערנאך אין מיין חלום געזעהן, דאס זייא זיינען ווייטער געגאנגען ביז זייא זיינען געקומען צו א לאנד וואו דיא נאטור פון דער לופט איז דארט מסוגל געוועזען מענשין שלייפריג צו מאכין, ווען זייא זיינען נאר דארט אלס פרעמדע אהין אריינגעקומען. דארט האט אנגעהויבען האפּנונגס־פולל עפּעס אביססעל נאכלעססיג צו זיין, דיא גליעדער עפּעס שווער צו פיהלען און זיינע אויגין האבין זיך איהם אנגעהויבין צו צושליעססען פון שלאף. און ער האט זיך אנגערופען צו משיחי׳ן: א עס ווילט זיך מיר אזוי שלאפין דאס איך קען איינפאך מיינע אויגען ניט מעהר אפּפען האלטין; לאמ׳מיר זיך אביססעל א ניעדערלעגין א דרימעל חאפּין.

משיחי: חלילה, מיר טארין אזעליכעס ניט טהון, דען אויב מיר וועלין דא שלאפין איז מעגליך, דאס מיר וועלין שוין גאר ניט אויפשטיין.

האפּנונגס־פולל: ווארום דען, מיין ברודער? דאס שלאפין איז זיס ביים ארבייטער (מתוקה שנת העובד). מיר וועלין זיך דאך דערפרישען ווען מיר וועלין א דרימעל טהון.

משיחי: האסטו פארגעססין דאס איינער פון דיא פאסטאכער האט אונז אנגעזאגט מיר זאלין גוט אכטגעבין גייענדיג אויף׳ן כשוף־לאנד? ער האט דאך אונז געוויסס דאדורך געוואלט זאגין, מיר זאלין זיך אין אכט נעהמען ניט צו שלאפין, וויא עס שטייט געשריעבען אין גאט׳ס ווארט: „מיר זאלין ניט שלאפין וויא אנדערע טהון, נייערט וואך זיין און פארזיכטיג" (א תסלוניקים ה׳ ו׳).

האפּפּנונגס־פּולל: איך בין מודה דאס איך האב אַ זינדיגע מחשבה געהאט; און וואלט איך דא אליין געווען, וואלט איך דורך שלאפין געקומען אין טויט־סכנה. איך זעה איצט וויא ריכטיג עס איז וואס שלמה המלך זאגט: „צווייא זיינען בעססער וויא איינער." צו יעדער צייט איז מיר דיין חברותא געווען צום גוטען. און גאט זאל דיר געדענקען, דאס גוטע וואס דוא האסט מיט מיר געטהון.

דאמאלסט האט משיחי זיך אפגערופען צו זיין חבר: „וויסטו וואס, ברודער?" אום אונז וואך צוהאלטין, לאמ'מיר צווישען אונז ריידין פון גוטע און וויכטיגע זאכין.

האפּפּנונגס־פּולל: דאס וויל איך אויך פון גאנצין הארצין.

משיחי: איבער וועלכעס זאלין מיר אנהויבען צו ריידין?

האפּפּנונגס־פּולל: מיר וועלין אנהויבין צו ריידין, וויא גאט האט אנגעהויבען זיין ווערק אין אונז.—אבער הויב דוא אָן, ברודער, איך בעט דיך.

משיחי: איך וויל דיר צוערשט דיזעס ליעד זינגען:

גאטעס קינדער, ווען איהר ווערט שלייפריג און שוואַך,
זעהט וואס רייזענדע טהון אום ניט צו שלאָפען;
קומט און לערינט וויא מען בלייבט ניכטער און וואַך;
האַרץ און מוח מונטער, דיא אויגין אָפען!

גוטע פאסטאַכער צו פאלגין טריט בייא טריט
ריידין פון גאטעס חסדים און שטארקע האַנד,
דאס האלט וואַך, דען שלאפין קען מען דאַבייא ניט;
ווען מען אויך וואנדערט פאַר דעם גיהנם בראַנד!

דערנאך האט משיחי אנגעהויבין דאס געשפרעך און געזאגט: איך וויל דיר וואס פרעגין: וויא אַזוי ביסטו אייגענט־

ליך ארויפגעקומען אויף דעם געדאנקען צו טהון וואס דוא טהוסט איצט?

האפּפּנונגס־פּולל: דוא מיינסט צו פּרעגין, וויא אַזוי איך בין גאר געקומען אויף דעם געדאנקען צו זארגין פאַר מיין נשמה?

משיחי: דאס מֵיין איך טאַקי.

האפּפּנונגס־פּולל: אין בין אַ היבשע צייט געווען אַריין געטהון אין דעם פּערגעניגען פּון יענע זאכין, וועלכע זיינען געווען צו זעהן און צו קויפין אויף אונזער יריד; זאכין, וועלכע וואלטין מיך, וויא איך גלויב איצט, געוויס דערטרונקען אין תהום פּון אייביגען טויט ווען איך וואלט אין זייא נאך ווייטער שטעקין געבליעבען.

משיחי: וואס זיינען עס פּאַר אַ זאכין?

האפּפּנונגס־פּולל: אללע אוצרות און עשירות פּון עולם הזה. אויך האב איך גרויס תענוג געהאט פּון לוסטיגע שפּיעלען, נאכט אונטערהאַלטונגען, שכור'ז, פּאלש שווערין, שקרים דערציילין, הורעריי און חלול שבת, און נאך פּיעלע אַזעליכע זאכין וועלכע פּאַרדאַרבין דעם מענשינ'ס נפש. אבער ענדליך, דורך הערין און בעטראכטין אזעליכע זאכין וועלכע זיינען הימליש, וועלכע איך האב טאַקי געהערט פּון דיר און פּון ליעבען „נאמן״ וועלכין מען האט ערמאָרדעט וועגען זיין אמונה און עהרליכעס לעבען אין הבל־הבלים־יריד), האב איך בחסד הבורא ית"ש דערזעהן, דאס דיא ענדע פּון דיא אללע זאכין איז אייביגער טויט, און דאס איבער דיעזע זינד קומט גאטעס צאָרין אויף אללע, וועלכע זיינען ווידערשפּענסטיג.

משיחי: און האט דיך דיא קראַפט פּון דיעזע איבער־ציינונג גלייך מנצח געווען?

האפּפּנונגס־פּולל: ניין, עס האט זיך מיר ניט געוואלט תיכף וויססען וויא ביטטער דיא זינד איז, אויך ניט וויא שרעקליך דיא שטראף איז וועלכע קומט אויף זינד, נאכדעם

דאס זיא איז געטהון געווארין. צוערשט ווען מיין גייסט האט אַנגעהויבין אונטערטאֶניג צו ווערין אונטער דיא קראַפט פֿון דיינע ווערטער, האב איך מיט אללע כחות דאך נאך געזוכט מיינע אויגין צו פֿארשליעססז, פֿון צו זעהן דאס ליכט.

משיחי: אבער וואס איז געוועז דיא סיבה, וועלכע האט דיך געבראכט צו זיין געגען דיא פעולה פֿון דעם רוח הקֹדש, וואס האט אנגעהויבין דיין האַרץ אויפֿצו־וועקין?

האָפֿפֿנונגס־פֿלל: פֿיער סבות זיינען עס געוועזן, ערשטינס: איך האב צוערשט גאר ניט געוואוסט דאס עס איז גאט׳ס ווירקונג אין מיר. איך האב ניט פֿארשטאנען, דאס דורך דאס אנהויבין צו פֿיהלען אַז מען איז אַ בעל־עֲבֵרה׳ניק, טהוט גאט אַ מענשין אנהויבין צו פֿיהרען צו תשובה און צו ישועָה. צווייטינס: דיא עֲבֵרות זיינען מיר געוועזן זייער זיסס, און עס האט זיך מיר גאר ניט געגלוסט פֿון מיינע עברות און חטאים זיך צו שֵׁיידען. דריטטענס: איך האב גאר ניט געוואוסט וויא הייבט מען עס עפעס אָן, פֿון אללע מיינע אלטע בעקאנטע און גוטע ברידער זיך מִתְבַּחֵק צו זיין; צו זייער חברותא און זייערע מעשים האב איך נאך גרויס חֵשֶק געהאט. פֿיערטענס: דיא צייטין, ווען איך האב דערפֿיהלט וויא געזונקען איך בין, האבין מיר אַזוי פֿיעל יסורים אנגעמאכט און זייא האבין איז מיין האַרץ אַזאַ שרעק געבראכט, וועלכעס איך האב ניט געקענט דערטראגין; יאָ, איך האב ניט געקענט אַמאהל ליידין אָן זייא צו דענקען.

משיחי: שיינט דאך, דאס דוא ביסט דאך אפט לויז געווארין פֿון דיעזע האַרץ קלעמיניש?

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: טאקי יאָ; אבער עס פֿלעגט גלייך ווידער צוריק קומען, און דאמאלסט פֿלעג איך צו זיין אומעטיג און טרויעריג נאך פֿיעל מעהר וויא צופֿאר.

משיחי: ווארום דען? וועלכעס פלעגט דיך ווידער צווינגען צו דענקען פון דיינע עונות?

האַפּפּנונגס־פולל: איי, פיעלעס! צום ביישפיעל: (1) ווען איך פלעג באגעגענען אַ מענשין אַ יְרֵא שָׁמַיִם. (2) ווען איך האב אמאהל געהערט לייענענדיג דיא הייליגע ספרים (תנ"ך און ב"ח). (3) ווען מיין קאפּ האט מיר אנגעהויבין וֵויא צו טהון, ד.ה., ווען איך האב נאָר דערפיהלט דאס מיינע געזונדהייט איז ניט וויא זיא דאַרף צו זיין. (4) ווען איך האב געהערט אַז מיין שכן איז קראנק. (5) ווען איך האב געהערט רופענדיג צו אַ לויה. (6) ווען איך האב מיר דערמאָנט אן דעם יום המיתה. (7) ווען איך האב געהערט דאס איינער איז פלוצלונג גע־שטראבין. און (8) (מעהר פון אללעס), ווען איך האב נאכגעדאכט דאס איך זעלבסט מוז באלד קומען פאַר'ן גרויסען דַיָן וועלכער וועט בייא מיר דין וחשבון פאָרדערין.

משיחי: נוא האסטו זיך אמאהל געקענט זעלבסט פריי־שפרעכין פון דיא שולד פון דיינע חטאים, וועלבע דוא האסט אנגעהויבין צו שפירען, אָט טאַקי דורך דיא סבות, וועלכע דוא האסט אויסגערעכינט?

האַפּפּנונגס־פולל: ניין, איך ניט; דען עס איז מיר דאבייא אונמעגליך געוועזן זיך ניט אלס שולדיגער צו פיהלען; און דאמאלסט, ווען עס איז מיר במחשבה געקומען נאָכאַמאָהל צו זינדיגען,—האָטש מיין נשמה האט שוין דאס זינדיגע לעבין פיינד געהאט—האט מיר דיעזע מחשבה דאפפעלט אין הארצין געשטאכין.

משיחי: נוא וויא האסטו עס געמאכט?

האַפּפּנונגס־פולל: איך האב מיר געזאגט, איך מוז מיך בעססערין און מוז איין געטליבערעס לעבען פיהרען. דען, האב איך געזאגט, ווען איך זאל ניט אַזוי טהון, וועל איך דאך זיבער אויף אייביג פערלארין גיין.

משיחי: נוא, האסטו דיך אנגעשטריינגט דיינע מעשים צו פֿארבעססערין?

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: געוויס; איך האב ניט נאָר געזוכט מיך צו שיידין פֿון מיינע עונות, נייערט אויך פֿון מיינע זינדיגע הברים, און איך האב מיך ענטשלאססין עוסק צו זיין אין מעשים טובים, מתפּלל זיין צו גאט ב"ה, לערנען דיא הייליגע ספרים, מתוַדה זיין מיינע חטאים, אמת ריידין מיט יעדין מענשין וכדומה. אזעליכעס האב איך געטהון און נאך פֿיעל מעהר

משיחי: נוא, ווען דוא האסט דאס אללעס געטהון, האסטו שוין געהאט פֿריעדען אין האַרצין?

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: אַזוי האט מיר געשיינט אַ גאנץ קורצע צייט. אבער דערנאך פֿלעגט מיר מיין האַרץ ווידער אונרוהיג ווערין, אַזוי שטארק, דאס אללע מיינע מעשים טובים זיינען צו נישט געוואָרין.

משיחי: וויא אַזוי איז עס דען מיט דיר געגאנגען נאכדעם דוא האסט דיינע דרכים פֿארבעססערט?

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: מיין האַרץ האט מיר געזאגט, דאס איך קען דורך מיינע אללע מעשים־טובים דאך ניט געהאלפֿין ווערין, דען גאט זאגט אונז דורך'ן נביא (ישעהי' ס"ד ה') „אללע אונזערע צדקות זיינען וויא אַ שמוציגער בגד," און דורך'ן שליח פּולוס (אין גאַלאטער בריעף ב' ט"ז): „דורך דיא מעשים פֿון דיא תורה קען קיין מענש פֿאר גאט גערעכט ווערין." און דער משיח האט געזאגט, „ווען איהר האט שוין אללעס געטהון, זאגט, מיר זיינען אוננוצליכע קנעכט," (און נאך מעהרערע אזעליכע מאמרים). דא האב איך מיר בעקלעהרט און בארעכינט, ווען אַללע מיינע צדקות זיינע וויא אַ שמוציגעס קלייד, ווען מיט אללע מעשים פֿון דער תורה קען קיין מענש גערעכט ווערין, און ווען איך הָיים אַיין

אונגנוצליכער קנעכט ווען איך האב אויך אללעם געטהון, איז עס דאך גאָר נאריש צו דענקען, דאס איך וועל דורך מיינע מעשים טובים זוכה זיין צו מלכות השמים. אויך דאס האב איך מיר בעקלעהרט: למשל, ווען אַ מאן איז שולדיג אַ קרעמער הונדערט גאָלד־שטיק, ווען ער זאל אויך דעם קרעמער אנהויבין צו צאהלין פאר אללעם וואס ער וועט בייא איהם קויפין פון איצט־אָן און ווייטער, בלייבט דאך אימער דער אלטער חוב שטיין פארשריעבען אין קרעמערס בוך, און אַזוי לאנג דיעזער אלטער חוב איז ניט אויסגעמעקט, קען דער קרעמער איהם צו יעדער צייט איינקלאגין ביים שופט פארלאנגען זיין חוב, און איהם ארייננווארפין אין תפיסה ביז ער זאל איהם דיא לעצט פרוטה באצאהלין.

משיחי: זייער ריכטיג האסטו געזאגט. אבער וויא האסטו פארשטאנען דיעזע משל און גאטעס ווארט אויף דיר זעלבסט אָנצווענדין?

האפפנונגס־פולל: וויא איך האב פארשטאנען? איך האב מיך בארעכינט, אַ, איך האב זעהר פיעל געזינדיגט געגען גאט ב"ה, און מיינע חטאים וועלכע זיינען אין זיין פִּנְקס פאַרצייכינט, וועלין געגען מיר עדות זאגין ביים יום הדין דען מיינע שולד קען ניט אויסגעטילגט ווערין דורך מיינע איצטיגע אָנשטריינגונג גוט און פרום צו זיין. אַזוי האב איך מיר גוט באקלעהרט, חאטש איך שטריינג מיך איצט אָן מיינע מעשים זאלין גוט זיין וועל איך דאך ניט נצול ווערין פון דעם שרעקליכען משפט, וועלכין איך האב אויף מיר געבראכט דורך מיינע אלטע חטאים.

משיחי: דאס האסטו ריכטיג געזאגט, ביטטע, נאָר ווייטער.

האפפנונגספולל: נאך עפעס איז מיר געלעגין וויא אַ שטיין אויפ'ן האַרצין. אויך זייט דעם דאס איך האב אנגעהויביי כלומר'שט גוט און פרום צו ווערין, ווען איך האב נאָר

אַ טיעפֿען בליק געגעבין אויך אין מיינע בעסטע מעשים וועלכע איך טהו, האב איך נאך גענוג זינד געזעהן; נייע חטאים פֿאַרמישט מיט אללע מיינע מעשים. און איך בין געצוואונגען מודה צו זיין, חאטש איך האב אמאהל זעהר פֿיעל געהאַלטין פֿון זיך, פֿון מיין מִצות־מְקַיֵם זיין, ווייס איך דאך, דאס איך האב שוין אין איין טאג גענוג געזינדיגט, אום מיך אין גיהנם אריין צו ווארפֿין, ווען אויך מיין פֿריהריגעס לעבען וואלט שוין גאנץ ריין געוועזן פֿון זינד.

משיחי: נוא וואס האסטו דערנאך געטהון?

האפֿפֿנונגס־פֿולל: געטהון? איך האב ניט געוואוסט וואס צו טהון ביז איך האב מיין האַרץ אויסגעגאססין פֿאר מיין פֿריינד „נאמן"—(דען מיר זיינען ביידע גוט בעפֿריינדעט געוועזן), —און ער האט מיר געזאגט: ווען איך וועל ניט בעקומען דיא גערעכטיגקייט פֿון איינעם, וועלכער האט נאך קיינמאהל ניט געזינדיגט, קען מיר מיינע אייגינע צָדקות, און דיא צדקות פֿון דער גאנצין וועלט ניט רעטטען און העלפֿין.

משיחי: נוא, וואס דענקסטו, האט ער דיר דעם אמת געזאגט?

האפֿפֿנונגס־פֿול: ווען ער וואלט עס מיר געזאגט אין יענער צייט, ווען איך האב געזוכט מיר אליין צו געפֿעלליז, דורך מיינע אייגינע פֿרומקייט און מעשים, וואלט איך איהם געוויסס גערופֿען נאַר פֿאר זיינע גאנצע מִיה. אבער איצט, נאכדעם דאס איך זעה מיינע גרויסע חסרונות, און איך דערקען דיא זינד וועלכע קלעבט זיך צו אויך צו אללע מיינע בעסטע מעשים, בין איך מודה, דאס ער איז גערעכט.

משיחי: אבער האסטו דאמאלסט, ווען ער האט עס דיר צוערשט דערקלעהרט, גערדאכט דאס עס קען זיך געפֿינען אַ מענש אין דער וועלט, פֿון ווערמען מיר זאלין מיט רעכט קענען זאגין, דאס ער האט קיינמאהל ניט געזינדיגט?

האפּפּנונגס־פּולל: איך מוז מודה זיין, דאס טאַקי צוערשט האבין מיר זיינע ווערטער עפּעס גאנץ פרעמד געקלונגען. אבער, נאכדעם וויא איך האב מיט איהם דאריבער מעהר געשפּראכין און בין מיט איהם אַ ביססעל מעהר בעפּריינדעט געוואָרין, האב איך ערשט איינגעזעהן וויא אמת זייא זיינען.

משיחי: נוא, האסטו איהם געפּרעגט ווער איז עס יענער מאַן? און וויא זאלין מיר דורך איהם גערעכט ווערין פאַר גאט ב"ה?

האפּפּנונגס־פּולל: יאָ; און ער האט מיר געזאגט, עס איז ישוע המשיח, וועלכער זיצט צו דער רעכטער האנד פון דעם אללער העכסטין. און ער האט צו מיר אַזוי געזאגט: דוא מוזט דורך איהם גערעכט ווערין; טאַקי דאדורך, דאס דוא פּארלאזט דיך אויף זיין ליידען, שטאַרבען פאַר דיין גערעכטיגקייט. ווייל זיין לעבען וואַר ריין און הייליג, און זיינע מעשים אהן שום פּגם, דאַדורך האט ער געקענט בעצאהלען דעם חוב פון אונזערע שולדען, טאַקי ליידען דיא יסורים און פערגיסען זיין בלוט אויף דעם קרייץ פאַר אונזערע זינדען. דאס אליין זעצט אונז פרייא און מאַכט אונז גערעכט בעפאָר דעם כסא המשפט פון גאט. בעזאנדערס, ער אליין וואַר דער אל־גבור אַנפּלעקט אין אַ בשר ודם. אַלץ מענש האט ער געליטען פאַר אונזערע זינד, און אַלץ גאט האט ער אונז פערגעבען און פרייא געמאַכט, און אללעס וואס ער האט געטהון, אויך דעם טויט געליטען, איז ניט געוועזן אום זיינעט וויללען, נייערט אום אונזערט ווילען; איך פון מיינער זייט דערהאלט עס פרייא דורך גלויבען, ווען איך גלויב אין איהם באמונה שלמה.

משיחי: נוא וואס האסטו דערנאך געטהון?

האפּפּנונגס־פּולל: איך האב מיך גע'עַקשן'ט, און טאַקי ניט מיט'ן גאנצין האַרצין; נייערט דערפאַר ווייל איך האב געמיינט ער וועט מיך ניט וועלין רעטטען.

משיחי: נוא וואס האט „נאמן" צו דיר דאמאלסט געזאגט?

האפּפּנונגס־פּולל: ער האט מיר געהייסין גיין צו איהם און זעהן, איך האב אבער געדאכט, עס וועט פון מיר זיין איין עזות צו איהם צו צו־גיין. „נאמן" האט אבער געזאגט, גיין, דען ער (דער משיח) האט מיך איינגעלאדין איך זאל צו איהם קומען. אום מיר נאך מעהר קוראַזש צו געבין איך זאל מיט מעהר בטחון צום משיח גיין, האט מיר „נאמן" אַ סֵפֶר געגעבין, וועלכער איז טאַקי געקומען דורך'ן משיח; און ער האט מיר געזאגט, דאס יעדעס אות און נקודה פון דיעזען ספר שטייען פעסטער אלס הימעל און ערד.* דערנאך האב איך איהם געפרעגט, וואס האב איך צו טהון ווען איך וועל צו איהם קומען? דארויף האט „נאמן" געזאגט, איך מוז פאַללען אויף מיינע קניע און מיט מיין גאנצין האַרצין און מיט מיינע גאנצע זעלע מתפלל זיין: „פאַטער זַייא איהם מְגַלֶה צו מיר." דערנאך האב איך געפרעגט, וויא אַזוי זאל איך מיין האַרץ פאר איהם אויסגיעססען? דארויף האט ער מיר געזאגט: גֵייא! דוא וועסט איהם געפינען זיצענדיג אויף'ן שטול פון רַחמים וואו ער זיצט דאס גאנצע יאהר אום מוחל צו זיין און אָפּצומעקין דיא זינד פון אללע, וועלכע קומען צו איהם. איך האב איהם אבער געזאגט איך וויים ניט וואס איך זאל איהם זאגין, ווען איך וועל צו איהם קומען; האט ער געזאגט, איך זאל נאָר דאס מתפלל זיין: „גאט, דערבאַרים דיך אויף מיר זינדער, און שיינק מיר דיין חסד צו דערקענען ישוע המשיח און אין איהם צו גלויבין, דען איך וויים ווען ניט זיין גערעכטיגקייט, אדער ווען איך זאל אין איהם ניט גלויבין, בין איך פאַרלארין אויף אייביג. האַר, איך האב געהערט דאס דוא ביסט איין באַרמהערציגער גאט, און דוא האסט בעשטימט, דאס דיין זוהן

---

* דאס איז דער „ברית החדשה."

ישוע המשיח זאל זיין דער רעטטער און גוֹאֵל פֿון דער גאנצען וועלט, און דאס דיין רצון איז, דיעזע מַתָּנָה צו געבין, צו אזעליכע אונגליקליכע זינדער וויא איך בין — און איך בין ווירקליך אַ גרויסער חוֹטֵא! מיין האַר, זאל איצט דיא שעה זיין אין דער איך בייא דיר זאל הילפֿע געפֿינען, און זַייא מיר מגלה דיין גרויסען חסד אין דעם וואס דוא וועסט מציל זיין מיין נשמה דורך דיין זוהן ישוע המשיח, אמן."

משיחי: נוא האסטו אַזוי געטהון וויא ער האט דיר געהייסין?

האפֿפֿנונגס-פֿולל: איך האב אַזוי געטהון פֿיעל מאָהל.

משיחי: האט גאט ב"ה זיין זוהן צו דיר מגַלה געווען?

האפֿפֿנונגס-פֿולל: ניט תיכף ביים ערשטין מאהל, אויך ניט ביים צווייטין, דריטען, פֿיערטען, פֿינפֿטען אדער זעקסטין מאהל.

משיחי: נוא וואס-זשע האסטו געטהון?

האפֿפֿנונגס-פֿולל: וואס איך האב געטהון? איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל טהון?

משיחי: איז דיר ניט במחשבה געקומען זאלסט גאר אויפֿהערין תפלה צו טהון?

האפֿפֿנונגס-פֿולל: יאָ, הונדערטמאהל האב איך ווידער און ווידער אזעליכע מחשבות געהאַט.

משיחי: און וואס איז געווען דיא סיבה דאס דוא האסט דאך ניט אויפֿגעהערט תפלה צו טהון?

האפֿפֿנונגס-פֿולל: וויל עס איז מיר טיעף אין האַרצין געלעגין, דאס וואס איז מיר איינמאהל געזאגט געווארין, דאס אהן דיא צדקות פֿון ישוע המשיח: קען דיא גאנצע וועלט מיך ניט רעטטען! און דארום האב איך מיר געזאגט, ווען איך וועל אויפֿהערין מתפלל צו זיין וועל איך זיכער שטאַרבען. און שטארבין — האב איך געזאגט — קען איך נאָר פֿאר'ן כִּסֵא רחמים. אויסערדעם זיינען מיר דיא ווערטער פֿון

נביא חבקוק פֿאר דיא אויגין געשטאנגען: „ווען עס :דויערט, ווארט; דען עס וועט געווים קומען און עס וועט ניט צו שפּעט זיין.“ און טאַקי דארום האב איך ניט אויפֿגעהערט מתפלל צו זיין ביז דער הימלישער פֿאטער האט מיר זיין זוהן מגלה געווען.

משיחי: אבער אויף וועלכן אופן איז פֿון דיר דער משיח געזעהן געוואָרין?

האפֿפֿנונגס־פֿולל: איך האב איהם ניט געזעהן מיט מיינע פֿליישליכע אויגין, נייערט מיט דיא אויגין פֿון מיין נשמה. און דאס איז אַזוי געשעהן: אין אַ טאג ווען איך בין אַרום געגאנגען פֿאַרטרויערט און מיט אַ צובראָכענע האַרץ, (מיר שיינט, דאס אין יענעם טאג איז מיין האַרץ אַזוי געווען צור־בראכען, וויא נאך קיינמאהל ניט פֿריהער אין מיין לעבען), און דאס איז אללעס געווען דערפֿאַר, ווייל איך האב ווידער דערזעהן וויא גרויס, שרעקליך און וויא פֿיעל מיינע עונות זיינען, אָט דאמאלסט, ווען איך האב פֿאר מיר נאָר געזעהן דעם גיהנם אָפֿען און דאס מיין סוף מוז זיין אייביגער טויט, האט עס פלוצלונג אנגעהויבין מיר ליכטיג צו ווערין פֿאר דיא אויגין, און איך האב פֿאר מיר געזעהן וויא ישוע המשיח קוקט אויף מיר פֿון'ם הימעל, און האב געהערט וויא ער זאגט צו מיר, „גלויב אין משיח ועסטו גערעטטעט ווערין.“ איך אבער האב געענטפֿערט: מיין האַר, איך בין דאך אַזאַ שרעקליכער חוטאַ! און ער האט דאַרויף געענטפֿערט: „מיין חסד איז גענוג פֿאר דיר.“ דאַמאלסט האב איך געזאגט: מיין האַר, וואס איז גלויבין? און איך האב דערנאך פֿערשטאַנען פֿון זיינע ווערטער: „דעם וועלכער קומט צו מיר וועט קיינמאהל ניט־הונגערין, און דעם וועלכער גלויבט אין מיר וועט קיינמאהל ניט דורשטין,“ דאס גלויבין אין איהם און קומען צו איהם איז טאַקי אללעס איינס; דען יעדער איינער, וועלכער קומט צום משיח

טהוט ער דאך דאס, ווייל זיין זינדיגעס הארץ ווערט צובראכין און ווייל ער גייט צום משיח גערעטטעט ווערין, און טאַקי דאס איז דאך דיא אמונה אין משיח. דאמאלסט זיינען מיר מיינע טרערין אין דיא אויגין געשטאנען און איך האב ווייטער געפֿרעגט: אָבער, מיין האַר, וועט אויך אַזאַ גרויסער חוטא וויא איך בין בייא דיר ווירקליך אנגענומען ווערין? און דורך דיר גערעטטעט ווערין? דארויף האב איך געהערט דיא ווערטער וועלכע האבין מיך געטרייסט, „יעדער וועלכער קומט צו מיר ווערט פֿון מיר ניט אַרוים געוואָרפֿין." איך האב ווייטער געזאגט: מיין האַר, נאכדעם דאס איך בין צו דיר געקומען, וויא אַזוי זאָל איך אין דיר גלויבין, דאס מיין אמונה זאָל ווירקליך זיין ריכטיג? דארויף האב איך געהערט זיינע ווערטער: „דער משיח איז אין דיא וועלט געקומען זינדער צו רעטטען, און ער איז דער סוף און דער תכלית פֿון דער תורה, ער איז געקומען גערעכט צו מאַכין יעדין וועד עס גלויבט אין איהם. ער איז געשטארבען פֿאר אונזערע חַטָאים און איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דיא טויטע דאס מיר זאלען גערעכט ווערען, ער האט אונז געליעבט און האט אונז ריין געמאַכט פֿון זיינד דורך זיין בלוט. ער איז דער מליץ יושר וועלכער שטייט צווישען גאט און דיא מענשין און ער לעבט אייביג אום פֿאר אונז מתפלל צו זיין." אָט פֿון דיעזע ווערטער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג דאס איך מוז זוכין דיא גערעכטיגקייט אין משיח, און מיינע גאנצע האָפֿנונג זעצין אויף איהם דאס ער האט זיין בלוט פֿערגאָסען מיינע זינד מכַפֵּר צו זיין, און אללעס וואס ער האט געטהון ממלא צו זיין זיין פֿאטער'ס רצון און זיך אַזוי ערניעדעריגט דעם עונש צו טראָגין וועלכער מוז קומען אויף דיא וועלכע זינדיגען, האט ער געטהון ניט אום זיינעט וועגין, נייערט אום דיא מענשין'ס וועגין, וועלכע וועלין עס מיט דאנקבארקייט אָננעהמען אום זייערע זעלען צו

רעטטען. דאמאלסט איז מיין האַרץ פֿול געוואָרין מיט פֿרייד און פֿון מיינע אויגין האבין זיך טרערין געגאָססין, און מיינע אללע חושים זיינען פֿולל געוואָרין מיט ליעבע צום נאמען, צום פֿאלק און צו דיא דרכים פֿון ישוע המשיח.

משיחי: גאט האט דיר באמת אויפֿגעמאַכט דיינע אויגין אום צו זעהן דעם משיח. אבער זאג מיר נאָר וואס פֿאר אַ ווירקונג האט דער משיח געמאַכט אויף דיין נשמה?

האפֿפֿנונגס־פֿולל: דורך דעם וואס גאטט ב"ה האט מיר דעם משיח מגלה געווען, האב איך דערזעהן דאס דיא גאנצע וועלט איז זינדיג פֿאר דעם הייליגען גאט חאטש דיא אללע מעשים טובים וואס מענשין טהון בלמר'שט. איך האב אויך דערזעהן, דאס גאט דער פֿאטער, זיין משפט טאַקי איז גערעכט, דאך קען ער אויך מיט רעכט אללע זינדער גערעכט מאכין דיא צו איהם קומען. דאס האט מיר געבראַכט זיך צושעמען איבער מיין זינדיגעס לעבין וואס איך האב פֿריהערט געפֿיהרט, און איך האב מיר אַליין „נאַר" גערופֿען ווען איך האב נאכגעדאַכט וויא אונוויססענד איך בין פֿריהערט געווען; דען ביז איצט האב איך גאר ניט מרגיש געווען דיא שיינקייט פֿון ישוע המשיח. עס האט מיר געמאכט ליעבען אַ הייליגעס לעבען, און געלוסטין צו טהון עפעס וואס זאל ברייננגען כבוד צום נאמען פֿון ישוע און ליעבע צו איהם. יאָ, איך האב דערפֿיהלט, ווען איך זאָל האבין אין מיין קערפער טויזינד קוואָרט בלוט, וואלט איך עס געקענט מיט פֿרייד געבין, (ווען נייטיג איז), אום כבוד צו ברייננגען זיינען הייליגען נאמען און זיין מלוכה.

# אכצעהנטעס קאפיטעל.

איך האב דערנאך געזעהן אין חלום, דאס „האפֿפֿנונגס־פֿולל" האט הינטער זיך אַ בליק געגעבין און ער האט דערזעהן „קיין־וויססען'ען" — וועלכען זייא האבין הינטער זיך געלאָזין — נאכקומענדיג. „זעה" — האט ער צו משיחי'ן געזאגט — „וויא ווייט יענער יונגיל דאָרט פֿון אונטען נאכהינקט."

משיחי: טאַקי, איך זעה איהם. ער וויל גאָר ניט אונזער חבר זיין.

האפֿפֿנונגס־פֿולל: איך בין אָבער זיכער דאס עס וואָלט איהם גאָר ניט געשאַדט ווען ער וואָלט מיט אונז מיט־געגאַנגען ביז אַהער.

משיחי: זעהר אמת; אָבער איך מיין ער דענקט גאַנץ אנדערש.

האפֿפֿנונגס־פֿולל: איך מיין טאַקי אויך אַזוי, און דאָך לאָמ'מיר אויף איהם ווארטין. — דאס האָבין זייא געטהון, און משיחי האט זיך צו „קיין־וויססען" אָפּגערופֿן: קום דאָך מיט אונז; וואס ווילסטו עפּעס אונטערשטעלליג בלייבין?

קיין־וויססען: מיר געפֿעלט עס אייגענטליך בעססער אַליין צו גיין. איך גייא ליעבער גאַנץ אַליין איידער צו גיין מיט אַנדערע, סיידין זייער חברותא פּאַסט מיר. — דאמאלסט האט משיחי געזאגט צו זיין חבר: זעהסטו? האב איך דיר ניט געזאגט, דאס ער זוכט גאר ניט אונז פֿאר חברים צו האבין? נאָר זאָל עס זיין וויא עס וויל, קום לאָמ'מיר אויף דיעזען איינזאַמען אָרט דיא צייט פֿערטרייבין אין געשפרעך.

און אַזוי האט זיך משיחי אַוועגד געטהון צו „קיין־וויססען״ און האט צו איהם ווייטער געשפראָכין: קום דאָך, וויא גֵייט עס דיר? וויא איז דער מעמד פֿון דיין נשמה, צווישען איהר און גאט?

קיין־וויססען: איך האָף דאס איהר מעמד איז גאַנץ גוט; דען מיין האַרץ איז פֿולל מיט גוטע הַרְגָשות וועלכע טרייסטין מיך אויף מיינע רייזע.

משיחי: איך בעט דיך, וועלכע זיינען עס דיא הַרְגָשות?

קיין־וויססען: איך דענק פֿון גאט און עולם הבא.

משיחי: דאס טהון אויך דיא שֵׁדים און דיא פֿאַרלאָרינע נשמות.

קיין־וויססען: איך אָבער דענק פֿון זייא און האב אויך חֵשק זייא צו בעקומען.

משיחי: אַזוי טהוען פֿיעלע וועלכע וועלין קיינמאהל ניט אַהין קומען; אָט, „דעם עצל ווילט זיך אָבער ער האט גאָר ניט״ (משלי י״ג ד׳).

קיין־וויססען: אָבער איך דענק פֿון זייא און פֿארלאָז אללעס אום זייערט וועגין.

משיחי: דאס בין איך טאַקי מסופק. דען אללעסס צו פֿאַרלאָזין איז זעהר אַ שווערע זאך; אַסאַך שווערער וויא פֿיעלע בילדען זיך איין. אבער, זאג מיר נאָר, וועלכעס גיט דיר דיא איברצייגונג דאס דוא האסט ווירקליך אום גאט און עולם הבא׳ס ווילען אַללעס פֿאַרלאָזין?

קיין־וויססען: דאס זאגט מיר מיין האַרץ.

משיחי: שלמה המלך זאגט: „ווער עס פֿארלאָזט זיך אויף זיין אייגינעס האַרץ איז אַ נאַר״ (משלי כ״ח כ״ו).

קיין־וויססען: דאס זאגט ער פֿון א שלעכט האַרץ אבער מיין האַרץ איז גוט.

משיחי: אבער דאס קען זייז וואיל דיין האַרץ בעטריגט

דיך, דען איין מענש קען לייכט דורך זיין האַרץ געטרייסט ווערין מיט אַ האפּפנונג אויף אַזאַך, אויף וועלכעס ער האָט גאָר קיין גרונד ניט צו האפּפען.

קיין־וויססען: בייא מיר שטימען איין מיין לעבען און מיין האַרץ, און דאַרום איז מיין האפּפנונג זעהר אויף איין גוטען יְסוד.

משיחי: אבער ווער האָט דיר געזאגט, דאס דיין לעבען און דיין האַרץ שטימען איין?

קיין־וויססען: דאס זאגט מיר מיין האַרץ.

משיחי: עס איז גאר וויא אַ גנב זאגט: פרעג מיין חבר—(אין גנבה'לאך)—צו איך בין אַ גנב. דיין האַרץ זאגט דיר! נאָר ווען גאָטעס ווארט זאגט עדות אַז עס איז אמת האט עס איין ווערט; אייגינע אַיינבילדונג האט קיין ווערט.

קיין־וויססען: אבער איז עס ניט אַ גוטע האַרץ, וועלכע האט גוטע מחשבות; און איז עס ניט אַ געטליכעס לעבען, וועלכעס שטימט איין מיט גאָטעס געזעצין?

משיחי: געווים, יענעס איז אַ גוטע האַרץ, וועלכע האט גוטע מחשבות, און יענעס איז אַ געטליכעס לעבען, וועלכעס שטימט איין מיט גאָטעס געזעצין; אבער עס איז נאך אַ גרויסער אונטערשיעד פון דאס ווירקליך צו האבין, אָדער נאָר זיך עס איינצובילדען.

קיין־וויססען: אבער ביטטע, וואס הייסט דען בייא דיר גוטע מחשבות און איין געטליכעס לעבען, וועלכעס שטימט איין מיט גאָטעס געזעצין?

משיחי: עס זיינען דא פארשיעדענע סאָרטין גוטע געדאנקען; געדאנקען בנוגע אונז זעלבסט, בנוגע גאָט, בנוגע דעם משיח און נאך אנדערע זאַכין.

קיין־וויססען: נוא גוט! וואס וועט הייסין גוטע געדאנקען בנוגע אונז זעלבסט?

משיחי: טאַקי אזעליכע מחשבות וועלכע שטימען איין מיט גאָט'ס וואָרט.

קיין־וויססען: ווען טהון אונזערע מחשבות בנוגע אונז זעלבסט איינשטימען מיט גאָט'ס וואָרט?

משיחי: ווען מיר משפט'ן אונז זעלבסט וויא גאָט'ס וואָרט משפט אונז. איך וויל מיינע ווערטער דייטליכער ערקלעהרען; גאָט'ס וואָרט זאגט פון דעם נאַטירליכען מענשען: „עס גיעבט קיין צדיק, עס גיעבט קיינער וועלכער טהוט דאס גוטע;" „דאס דענקען און טראַכטען פון דאס מענשליכע האַרץ איז נאָר שלעכטעס פון זיין יוגענד־אָן און אללעמאהל" (בראשית ו' ה' און ח' כ"א). זעהסטו? ווען מיר דענקען אַזוי פון אונז, און מיר פיהלען עס, ערשט דאמאלסט זיינען אונזערע מחשבות גוטע און ריכטיגע, טאַקי ווייל זייא שטימען איין מיט גאָט'ס וואָרט.

קיין־וויססען: איך וועל קיינמאהל ניט גלויבין דאס מיין האַרץ איז אַזוי שלעכט.

משיחי: טאַקי דארום האסטו נאך קיינמאהל ניט אין דיין לעבין געהאט אַ גוטע מחשבה איבער דיר זעלבסט. אבער לאז מיר נאָר ווייטער ריידין. אַזוי וויא גאָט'ס וואָרט זאגט דעם משפט איבער אונזער האַרץ, אַזוי זאגט עס אויך דעם משפט איבער אונזערע דרכים אין לעבען. פארשטייסטו? ווען אונזערע געדאנקען איבער אונזער האַרץ און אונזערע דרכים שטימען איין מיט דעם משפט פון גאָט'ס וואָרט איבער דיא ביידע, דאמאלסט זיינען אונזערע מחשבות איבער אונזער האַרץ און אונזער לעבען ריכטיג, ווייל זייא שטימען צו גאָט'ס וואָרט צו.

קיין־וויססען: ערקלעהר דיינע ווערטער דייטליכער.

משיחי: וואס האט מען דא פיעל צו ערקלעהרין? גאָטעס וואָרט זאגט: דעם מענשין'ס וועגין זיינען קרום, שלעכט און

פֿארקעהרט; דיא מענשין זיינען דורך זייער זינדיגע נאַטור פֿון ריכטיגען וועג אַוועק און האבין דעם אמת ניט דערקענט (תהלים קכ"ה ו'; משלי ב' י"ד—ט"ו; רומים ג'). פֿארשטייסטו? איך זאג ווען אַ מענש פֿיהלט עס און מיט אַ צובראָכענע האַרץ דענקט אָט אַזוי פֿון זיך, פֿון זיינע דרכים און פֿון זיין גאַנצעס לעבין, דאמאלסט האט ער גוטע מחשבות בנוגע אייגינע דרכים, ווייל אָט איצט שטימען זיינע געדאַנקען איין מיט דעם משפט פֿון גאט ב"ה.

קיין־וויססען: נוא וואס הייסט בייא דיר גוטע מחשבות בנוגע אונזער גלויבין אַן גאט?

משיחי: אויך דא זאג איך: נאָר אַזעליכע מחשבות וועלכע שטימען איין מיט גאט'ס וואָרט. דאס הייסט, ווען מיר דענקען פֿון גאט און זיינע מדות וויא זיין וואָרט לערינט אונז. איך קען ניט איצט אַסאַך דערפֿון ריידין, אבער איך וויל אַפֿאר ווערטער זאגין בנוגע וואס גאט איז אונז געגעגעבער. אונזערע מחשבות פֿון גאט זיינען נאָר דאמאלסט ריכטיג, ווען מיר דענקען דאס גאט ב"ה קען אונז פֿיעל בעססער וויא מיר קענען אונז זעלבסט, און ער זעהט אין אונז זינד, אויך דאַן און דארט, וואו מיר זעהן גאר קיין זינד ניט אין אונז. יאָ אונזערע מחשבות זיינען נאָר דאמאלסט דיא ריכטיגע, ווען מיר דענקען דאס ער וויים אונזערע פֿארבאָרגענסטע געדאַנקען, און דאס אונזער הארץ מיט אללע איהרע טיעפֿסטע לעבער און גריבער, איז פֿאר איהם אָפֿפֿען און ער זעהט אללעס וואס אין אונז גייט פֿאָר. טאַקי ווען מיר דענקען דאס אונזערע אללע צדקות און מעשים טובים זיינען בעפֿלעקט מיט זינד, און דאס דארום קען ער אונז ניט דולדין און זעהן שטייענדיג פֿאר איהם זיך ריהמענדיג מיט אונזערע מעשים; אויך מיט דיא בעסטע מעשים ניט!

קיין־וויססען: דענקסטו דאס איך בין אַזאַ שוטה זיך

איינצוריידין דאס גאט קען ניט זעהן בעססער וויא איך, אדער, דאס איך וועל קומען צו גאט דורך מיינע מעשים טובים?

משיחי: וואס דען דענקסטו?

קיין־וויססען וואס איך דענק? קורץ צו זאגין: איך דענק, איך מוז גלויבין אָן משיח אום גערעכט צו ווערין.

משיחי: וויא אַזוי? דענקסט דוא צו גלויבין אָן משיח ווען דוא פֿיהלסט גאר ניט, דאס דוא מוזט דעם משיח האבין? דוא זעהסט ניט דיינע זינדיגע נאַטור אין דער דוא געבארען ביסט און דיא אין דיר ווירקט. דוא האסט אַזאַ גרויסע מיינונג פֿון דיינע פֿרומקייט און פֿון דיא מצות וועלכע דוא ביסט מקיים. דאס דוא בילדעסט דיך איין, דוא ביסט אַ צדיק און דאַדורך זעהסטו ניט וויא נייטיג עס איז פֿאר דיר, דיא צדקות פֿון דעם משיח וועלכע זאל דיר גערעכט מאַכין פֿאר גאט. נוא וויא קענסטו זאגין: איך גלויב אן דעם משיח?

קיין־וויססען: און דאָך גלויב איך אן איהם וויא מאַן דאַרף?

משיחי: וויא אַזוי גלויבסטו דען?

קיין־וויססען: איך גלויב דאס דער משיח איז געשטאָרבען פֿאר זינדער, דאס הייסט, איך וועל פֿאר גאט גערעכט ווערין און ערלייזט ווערין פֿון דער קללה וויל ער וועט בחסד אננעהמען דאס וואס איך האב אין הַכְנָעה זיינע מצות מקיים געווען. אדער אַזוי, דער משיח מאַכט, דאס מיינע מצות וואס איך בין מקיים זאלין אין זיין זכות אנגענומען ווערין ביים פֿאטער אין הימעל, און אַזוי מאַכט וועל איך גערעכט ווערין.

משיחי: נוא וויל איך דיר אַ ריכטיגע אנטווארט אויף דיין „אני־מאמין" געבין:

(1) דוא האסט אַ פֿאַנאַטישען גלויבין, דען אין גאט'ס וואָרט איז קיין זֵכֶר ניט דא פֿון אַזאַ סאָרט „אני־מאמין."

(2) דיין אמונה איז גאַנץ פֿאַלש, ווייל זיא נעהמט אַוועק דיא גערעכטיגקייט דורך דיא צדקות פֿון דעם משיח, און זיא לערינט דוא ווערסט גערעכט דורך דיינע אייגינע מעשים, דען

(3) דיעזע אמונה לערינט דאס ניט דער משיח איז מכפּר אויף דיינע זינד, נייערט דיינע מעשים טהון עס. און דאס איז שֶׁקר. טאַקי

(4) דאַרום בעשטייט דיין אמונה אויס לויטער שקר, אויך מיט דיעזע כלומרש'ט אמונה ועסטו בלייבין אונטער דעם צאָרין פֿון גאט און ועסט פֿארלארין גיין ביים יום הדין. אמת'ע אמונה בייא דער דיא נשמה גערעטעט איז, איז נאָר דיא אמונה, וועלכע צווינגט דעם מענשין שוין צו זוכין ביים משיח; ווען ער דערפֿיהלט וויא פֿארלוירין ער איז דורך דיא געזעצין פֿון דער תורה, און זוכט נאָר דיא צדקות פֿון ישוע המשיח וועלכע קען אונז גערעכט מאַכין; דען דער משיח מאַכט אונז ניט דאדורך גערעכט, ווייל ער מאַכט אונזערע מעשים זאלין בייא גאט אנגענומען ווערין, נייערט דאדורך, דאס ער, דער משיח זעלבסט האט ממלא געווען דעם רצון פֿון זיין פֿאטער. אָט דורך דעם וואס ער האט געליטען דעם עונש און טויט ווען ער האט אויף זיך גענומען דעם עונש פֿון אונזערע זינד—אזוי ווערין מיר בעטראַכט גערעכט פֿאר גאט ב"ה, ווייל אונזערע זינד זיינען אין משיחַ געשטראפֿט. נאָר אַזעליכע צדקות איז פֿאר דיא, וועלכע האבין ריכטיגע אמונה אין משיח'ס שטעל־פֿערטרעטונג. דיא נשמה וועלכע איז אונטער דעם שוץ פֿון אַזעליכע צדקות ווערט פֿאר גאט גערעכטפֿערטיגט און ווערט בעפֿרַייט פֿון דער שטראף ביים יום הדין.

קיין־וויססען: וואס? ווילסטו מיר זאלין זיך פֿאַרלאזין אויף דעם וואס דער משיח זעלבסט האט געטהון גאר אָהן

אונזערע מעשים? דיעזע תחבולה וועט דאָך צורייססין אללע שטריק וועלכע בינדען אונזערע תאות און וועט דאָך אונז ערלויבין צו טהון אַט וואס אונז ווילט זיך; דען עס איז דאָך אללעס איינס מיט וועלכעם מיר וועלין אונזער צייט פֿאַר־שווענדין וויא באלד מיר קענען בעפֿרייט ווערין פֿון אונזערע זינד דורך דעם ווערק פֿון משיח וועלכעם ער זעלבסט האט געטהון ווען מיר וועלין עס נאָר גלויבין?

משיחי: דוא ביסט טאַקי אַזוי וויא דיין נאמען זאגט פֿון דיר: איין אונוויססענדער! טאַקי דיינע ווערטער וועלכע דוא האסט גערעדט זאגין עדות אַז עס איז אַזוי. דוא פֿארשטייסט ניט וועלכעס איז דיא צִדקות, וועלכע מאַכט דעם זינדער גערעכט, און דארום פֿארשטייסטו אויך ניט וויא אַזוי דיין נשמה צו רעטטען דורך דיא אמונה אין דיא איינציגע טאהט פֿון משיח אויף דעם קרייץ, וואס טהוט בעפֿרייען פֿון דעם שרעקליכען צאָרין גאטעס. און טאַקי דארום ווייסטו ניט דיא ווירקליכע ווירקונגען וועלכע קומען דורך דעם גלויבין אַן דעם משיח׳ס גערעכטיג־קייט וואס בריינגט אַ גאולה שלמה פֿאר דיא נשמה, איינע ערלייזונג וועלכע מאַכט דעם מענשינס האַרץ אונטערטאָניג און איבערגעבען צו גאט ב״ה, דעם משיח און זיין מלוכה צו ליעבען, הייליג צו זיין, אין זיינע וועגין צו וואַנדלען און צווישען זיין פֿאָלק וויא גאט׳ס אַ קינד צו לעבין, אבער ניט וויא דוא שטעללסט עס זיך פֿאָר, טאַקי ווייל דוא האסט נאך ניט טועם געוועזן דעם ריכטיגען טַעַם פֿון גאט׳ס חסד אין משיח.

האָפֿפֿנונגס־פֿולל: פֿרעג איהם, אויב מען האט איהם דעם משיח פֿון הימעל מגַלה געוועזן?

קיין־וויססען: וואס? אַט האסטו אַ מענשין וועמען מען איז מגַלֶה זאַכין פֿון הימעל! איך מֵיין, אַז דאס וואס איהר ביידע און אללע אנדערע פֿון אייער חברה זאגין בנוגע

אַזעליכע ענינים איז ניט מעהר וויא דיא פּרוכט פֿון מבולבל'דיגע מוחות.

האָפּפֿנונגס-פֿולל: מענש, ווארום זאלסטו אַזוי רֵיידין! דער משיח איז אַזוי פֿארבאָרגין אין גאָט און אַזוי פֿארדֶעקט, דאס פֿאר דיא נאַטירליכע הַשָגה פֿון אונזער חומֶר, איז אונמעגליך דעם משיח אַזוי צו ערקענען, דאס אונזער זעלע זאל דאדורך גערעטטעט ווערין, סיידין גאָט דער פֿאטער איז איהם מגַלֶה צו אונז.

קיין-וויססען: דאס איז אייער אמונה אבער ניט מיינע אמונה, אבער איך בין נאָר ניט מסופק דאס מיין אמונה איז אַזוי גוט וויא אייערע חאָטש איך האב אין מיין מוח ניט אַזוי פֿיעל דְמיונות וויא איהר.

משיחי: לאז מיר דאָך דאַצו אַ וואָרט זאגין. דוא דארפֿסט ניט אַזוי פּראָסט ריידין איבער דיעזען ענין. וואס איך זאג, ווייס איך בעשטימט אַז עס איז אַזוי, וויא אויך מיין פֿריינד האט עס ערפֿאהרען. דאס קיין מענש קען דעם משיח ערקענען סַיידין גאָט דער פֿאטער האט איהם דעם משיח מגלה געווען, אויך אמת'ע אמונה, וועלכע קען ווירקען דאס דער גלויביגער זאל זיך מיט אללע קרעפֿטין אַן ישוע המשיח פֿעסט האלטין קען נאָר דאָרט זיין, וואו זיא ווערט געשאַפֿען דורך דיא גרויסע און אַלמעכטיגע קראַפֿט פֿון איהם (מתי י"א כ"ז; ערשטער קאָרינטער י"ב ג'; אפֿעססער א' י"ז—י"ט). דוא אונגליקליכער „קיין-וויססען," ביסט גאַנץ ווייט פֿון דער יְדִיעָה וויא אַזוי אמת'ע אמונה ווירקט אין מענשין'ס האַרץ. זעה וויא דוא זעלבסט ביסט גאר נישט. זוך שוין בייא ישוע המשיח, דיינע זעלע צו רעטטען נאָר דורך זיינע צדקות, וועלכעס איז גאָט'ס גערעכטיגקייט, ווייל טאַקי דער משיח איז דער אֵל-גבור אוז יהוה-צִדְקֵנו (ישעיה ט' ה' און ירמיה כ"ג ו'), דאס דוא זאלסט ניט בייס יום הדין פֿארשעמט ווערין.

קיין־וויססען: איהר גייט צו גיך, איך קען מיט אייך ניט גלייך האלטין. גייט איהר אייך פֿאראויס, איך מוז בלייבין אַ ווײַלע אונטערשטעלליג.—דאמאלסט האבין משיחי און זיין חבר געזוונגען:

קיין־וויססען, ווילסטו נאך אימּמער נאַריש זיין,
ניט צו הערין דיא לעהרע פֿון גאטעס וואָרט?
בלייבסטו וויא דוא ביסט, ביים פֿאַלשין גלויבען'ס שיין,
גייסטו צום טויט, ניט צו יענעם לעבען'ס־אָרט.

באַרעכין דיר מענש, בעפֿאָר דוא קומסט צום שטראַנד,
און הער וואס עס רעדט צו דיר, דיין גאט און האַר.
זאנסט ווערסטו לויפֿין נאך דיין אייגינעם פֿארשטאנד,
ווערסטו זיכער זיין דער פֿאַרלאָרינער נאר!

# ניינצעהנטעס קאפיטעל.

איצט האט זיך משיחי צו זיין חבר אָפגערופֿען: גוט מיין גוטער „האָפֿפֿנונגס-פֿולל" קום לאָמ'מיר גיין, איך זעה דאס דוא און איך מוזין ווידער אליין אונזער רייזע מאכין.

און אַזוי האב איך אין חלום געזעהן דאס זייא זיינען גיך פֿאָראויס געגאנגען און „קיין-וויססען" האט זיך אונטער זייא הינקענדיג נאָכגעשלעפּט. דאמאלסט האט משיחי געזאגט צו זיין חבר, איך האב רחמנות אויף דעם ארימען מענשין, דען ער וועט געוויס אַביטטערין סוף האבין.

האָפֿפֿנונגס-פֿולל: אָך, אין אונזער שטאדט זיינען דא גאר אַסאַך, וועלכע געפֿינען זיך אין זיין מעמד, גאנצע פֿאַמיליעס, יאָ, גאַנצע גאססין, און טאַקי אויך רייזענדער! און דענק דיר, ווען אין אונזער געגענד זיינען שוין דא אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל מעהר נאך מוזין דאך זיין אין יענע מקומות וואו ער (קיין-וויססען) איז געבאָרין געווארין?

משיחי: געוויס, וויא עס שטייט געשריעבען: „ער האט זייערע אויגין בלינד געמאכט, טאָמער וועלין זייא זעהן" וכדומה. איצט צווישען אונז גערעדט, וואס דיינקסטו פֿון אַזעליכע מענשין? מיינסטו זייא איבערצייגין זיך גאר קיינמאהל ניט וויא זינדיג זייא זיינען און האבין דארום קיינמאהל קיין שרעק איבער דיא סכנה וועלכע שוועבט איבער זייערע קעפּ?

האָפֿפֿנונגס-פֿולל: ניט איך, נייערט דוא, ביסט דאך עלטער פֿאר מיר, גיעב איין אנטווארט אויף דיא פֿראגע.

משיחי: נוא זאג איך, דאס צייטינווייז זיינען זייא טאַקי מַרגיש דאס זייא זיינען זינדער און שרעקין זיך פֿאר'ן עונש, נאָר ווייל זייא זיינען פֿון נאַטור אונוויססענדע, פֿארשטייען זייא ניט, דאס דיעזע הרגשה איז פֿאר זֵייא גוט: און דארום בעמיהען זייא זיך מיט אללע כחות, אַזעליכע מחשבות פֿון חַרָטָה גאנץ צו דערשטיקען, און דאס טהון זייא במֵזיד, טאַקי דאדורך, דאס זייא חנפה'נען זיך אין ריידין זיך אַיין, זייער האַרץ איז גאר ניט אַזוי שלעכט.

האָפֿפֿנונגס-פֿולל: איך גלויב דאס דער שרעק פֿאר דעם עונש איז זייער גוט פֿאר דיא מענשין; דאס בריינגט זייא צום ערשטין שריטט גלייך אויף'ן וועג, אום רייזענדער צו ווערין.

משיחי: געוויס, דאס איז דיא קראַפֿט, וועלכע טרייבט דעם ערשטין שריטט צו מאכין, ווען דיא מורא איז דיא ריכטיגע וויא עס דאַרף צו זיין. דען אַזוי זאגט דער פסוק „מורא האבין פֿאר גאט איז דער אנפֿאַנג פֿון חכמה."

האָפֿפֿנונגס-פֿולל: וואס ווערסטו רופֿען „ריכטיגע מורא פֿאר גאט?"

משיחי: ריכטיגע מורא פֿאר גאט דערקענט מען שוין גלייך ביים אנפֿאַנג, ערשטינס דאדורך, זיא איבערצייגט דעם מענשין דאס ער איז אַ גרויסער חוטֵא. צווייטינס, זיא טרייבט זיין נשמה צו ישוע המשיח רעטטונג צו זוכען. דריטענס, דורך איהר ווערט אין דער נשמה אַ חוש געשאַפֿען צו שפּיערען דיא הייליגקייט און דיא גרויסקייט פֿון גאט ב"ה, זיין ווארט און זיינע דרכים. דעם מענשינס נשמה נעהמט אין זיך גלייך אויף דיא נאטור, פֿאר דיא זינד זיך צו שרעקין, מורא צו האבין אוועקצוגיין פֿון גאט'ס וואָרט עפעס טהון וואס בריינגט חלול השם, וואס שיידעט דעם מענשין פֿון גאט, וואס איז געגען רוח הקֹדש אדער וואס מאכט, דאס

גאט׳ס שונאים זאלין האבין איבער וואס דעם מויל אויפצורייסין.

האָפּפּנונגס־פולל: זעהר גוט האסטו געזאגט, און זעהר אמת. אבער זאג מיר נאָר זיינען מיר שוין ארויס פון דעם כשוף־לאַנד?

משיחי: וואס עפעס דיא פראגע? ביסטו שוין מיעד געווארין פון אונזער געשפרעך?

האָפּפּנונגס־פולל: אָ ניין. איך האב נאָר געוואלט וויססען וואו מיר זיינען איצט.

משיחי: אויף דעם שטיק לאנד האבין מיר ניט מעהר צו גיין וויא נאך צוויא מייל. לאָמ׳מיר נאָר אונזער געשפרעך וויטער פיהרען. מיר האבין געזאגט, דאס דיא אונוויססענדע וויסין ניט, דאס אַזעליכע מחשבות וועלכע בעאונרוהיגען זייא און מאכין זייא דענקען איבער זייערע זינד, זיינען פאר זייא זעהר גוט, און טאַקי דארום זוכין זייא אַזעליכע הַרְגָשות צו דערשטיקען.

האָפּפּנונגס־פולל: וויא אַזוי זוכין זייא דיעזע הרגשות צו דערשטיקען?

משיחי: ערשטינס, זייא בילדען זיך איין, דאס דיא מורא וועלכע קומט אין זייער האַרץ איז געמאַכט דורך׳ן שטן (חאָטש דאס איז דאך באמת דורך גאט); און טאַקי דיעזע זייער אייגינע אַיינבילדונג דערשטיקט דעם איינציגען פונק פון היילינגען פייער, וויל זייא מיינען, זייא וועלין דאדורך שאדין ליידין. — צווייטינס, זייא מיינען דאס דיעזע מורא וועט זייער אמונה איבערפיהרען, בעת דיעזע אונגליקליכע מענשין האבין באמת גאָר קיין אמונה ניט; און טאַקי דארום פאַרהאַרטעווען זייא זייערע הערצער. — דריטטענס, זייא בילדען זיך איין, פאר זייא פאַסט עס גאָר ניט מורא צו האבין; און אַזוי זיינען זייא, אָהנע דערבייא זיך פיעל צו דענקען, בעלי גאוה׳ניקעס וועלכע

ווילען זעלבסט גערעכט זיין. — פּיערטענס, זייא זעהען דאס דיזע מורא קען בייא זייא אוועקנעהמען זייערע טִפְּשְ׳ישע איינגעבילדעטע אייגינע צִדקות, און טאַקי דארום זוכען זייא מיט אללע כחות איהר צו דערשטיקען.

האָפּפּנונגס־פּולל: איך ווייס אסאך פון דעם, וואס דוא האסט געזאגט, טאַקי פון מיר זעלבסט, דען איידער איך האב מיך זעלבסט דערקענט איז עס אַזוי בייא מיר געווען.

משיחי: גוט; מיר וועלין אונזער שבן „קיין־וויססען" איצט לאזיז אליין, און מיר וועלין ליעבער אָנהויבין איין אנדערעס געשפּרעך וועלכעס איז נוצליך.

האָפּפּנונגס־פּולל: איך וויל עס פון גאנצין הארצין. הויב נאָר דוא אָן.

משיחי: האסטו געקענט, פאַר אנ׳ערך צעהן יאהרען צוריק, איין מאן מיט׳ן נאמען „אַ ווײַלע" פון דיינע מקומות, וועלכער איז געוועזן איין אַייליגער מענש אין אמונה זאכין.

האָפּפּנונגס־פּולל: אויב איך האב איהם געקענט? געוויסס. ער האט געוואהנט אין דער שטאדט „אָהן־חסד," אַ מקום עפּעס אַ צוויימײַל וויט פון „תְּמִימוּת" און ער איז געווען אַ שכן פון הערר „צוריק."

משיחי: טאַקי, ער האט מיט איהם צוזאמען געלעבט אונטער איין דאַך. אָט ער („אָהן־חסד") איז עפּעס אמאהל אַ חסיד געוואָרין. איך גלויב ער האט דאמאלסט עפּעס בעקומען צו פּיהלען דאס ער האט חַטאים און דעם עונש וואס קומט אויף זייא.

האָפּפּנונגס־פּולל: איך מיין אויך אַזוי. דען מיין הויז איז קיינע דרייא מייל פון איהם וויט געוועזן, און ער פּלעגט אָפּט קומען צו מיר, טאַקי וויינענדיג. איך האב אויף איהם גרויס רחמנות געהאט און עס האבין בייא מיר ניט געפּעהלט קיינע האָפּפּנונגען דאס עס וועט פון איהם עפּעס ווערין. נון

קען מען זעהן דאס ניט יעדער, וועלכער שרייט „האַר, האַר" ווערט גערעטטעט (מתי ז׳ כ"א).

משיחי: ער האט מיר אַמאהל געזאגט, ער האט בעשלאָססין אויף דיא רייזע צו גיין וויא מיר גייען איצט, נאָר עפּעס גלייך ד׳רויף איז ער בעקאנט געווארין מיט איינעם אַ העדר „זעלבסט-זיך-העלפער" און איז געווארין אוים מחותן מיט מיר.

האָפּפנונגס-פּולל: טאַקי, ווען מיר ריידין שוין אָט פון דעם מאַן, לאָמ׳מיר זעהן וואס איז געוועזן דיא סיבה פון דאס צוריקגיין, אָט אַזוי פלוצלונג, בייא איהם און נאך בייא אַזעליכע לייט וויא ער איז.

משיחי: דאס קען זייער נוצליך זיין, נו רֶייד דוא צוערשט.

האָפּפנונגס-פּולל: נאך מיינער מיינונג זיינען עס פיער סִיבות געוועזן; ערשטינס, חאָטש דאס געוויססען פון אַזעליכע מענשין וואַכט אויף, ווערט דאך דערבייא זייער האַרץ ניט אנדערש; דארום, ווען דער גדאנקען איבער זייערע שולד פאַרשווינדעט, גייט אויך אוועק דאס פערלאנגען פרום צו זיין. זייא ווערין דארום נאָכאַמאָהל וויא זייא זיינען געוועזן און לעבין נאך זייער אלטען שטייגער, טאַקי וויא אַ הונד וועלכער עסט נאָכאַמאָהל, דאס וואס ער האט אויסגעמייקעט. ווען דער הונד מֵייקעט, טהוט ער עס ניט ווייל זיין שֵׂכל זאגט איהם ער זאל אַזוי טהוּ, נייערט, ווייל זיין מאָגין ווערט קראַנק. וויא אבער דיא קראנקהייט איז פאַרבייא און ער האט פלאַץ אין מאָגין, און עקעלט ער זיך דאך גאר ניט צו עססען דאס וואס ער האט אויסגעמייקעט, שלינגט ער טאַקי נאָכאַמאהל אין זיך אריין וואס ער האט פון זיך פריהער ארויסגעווארפין, און עס איז אמת וואס שלמה המלך זאגט „דער הונד עססט נאָכאַמאָהל וואס ער האט אויסגעמייקעט." איך זאג אַזוי: ניט ווייל זייא בעקומען גאט ליעב הויבין זייא אָן פרום צו ווערין,

נייערט ווייל זייא שרעקין זיך פֿאר'ן גיהנם; און אַזוי וויא דער געדאנקען איבער גיהנם און עונש ווערט בייא זייא באלד שוואַך און קאלט, אַזוי ווערט זייערע פֿרומקייט און זייער פֿארלאנגען גערעטטעט צו ווערין באלד שוואך און קאלט. דערפֿון קומט עס, דאס ווען זייער מורא פֿאר'ן גיהנם אין פֿאר'ן עונש איז אַוועק, זיינען אויך זייערע מחשבות איבער גאט און עולם הבא, וועלכעם האט זייא כלומרש'ט בעפֿריעדיגט, געשטארבין, און זייא גייען צוריק צום אַלטען זינדיגען לעבין.—צווייטינס, זייא האבין אַ סקלאַווישע יראת שָׁמַים, אַ קנעכטישע אמונה וועלכע איז מושל איבער זֵייא. איך רייד איצט פֿון דער מורא וועלכע זייא האבין פֿאר דיא אויגין פֿון מענשין, און שלמה המלך זאגט פֿון אַזאַ אמונה „דאס מענשין־ציטטערין בריינגט שטרויכלונג." זייא שֵׁיינען צו זיין אין הִתְלַהֲבות פֿאר גאט, נאָר אַזוי לאנג וויא זייא הערין דאס פֿלאַקערין פֿון דעם פֿייער אין גיהנם. אבער וויא דיעזער שרעק איז בייא זייא פֿאראיבער, הייבין זייא גלייך אָן אנדערש זיך צו בענעהמען און אנדערש צו דענקען, היינו, דאס מ'דארף גאָר זיין אַ וועלט־קלוגער ניט אללעס פֿארלאזין און ניט לויפֿין נאך אַזעליבעס וואס זייא ווייסין גאָר ניט וואס, און זיך נאך אין סכנות אריינוואַרפֿין און אַזוי פֿיעל ליידין. אַזוי קומען זייא גלייך מיטביידע פֿֿיס צוריק אין זייער אלטע וועלט.—דריטטענס: דיא בזיונות אוז דיא חֲרפות וועלכע אמת'ע מאמינים האבין צו טראגין פֿון דער וועלט, איז אַ שטרויכיל־שטיין אויף זייער וועג. זייא זיינען פֿון נאַטור פֿול מיט גאוה, און דער גלויבין איז אין זייערע אויגין עפעס שָׁפֶל'דיג און בריינגט קיין כבוד ניט. און טאַקי דארום, ווען זייא האבין דעם פּחד פֿאר דעם גיהנם און דעם צאָרין גאטעס פֿארלאָרין, גייען זייא צוריק צו זייער אלטעם לעבין.—פֿיערטענס, זיך וויססען שולדיג און צו לעבין

אין שרעק פאר'ן עונש, איז אַ זאַך וואס מאכט זייא גרויסע שמערצין; זייא ווילען ניט זעהן דיא צרות וועלכע וועלין אויף זייא קומען, איידער זייא שטעקין אין זייא. חאָטש דאס, ווען זייא וואלטין נאָר געוואלט עס ריכטיג בעטראַכטין, וואלט דאך געקענט זייא צווינגען זייא זאלין אַהין לויפין וואו מאמינים לויפין אום גערעטטעט צו ווערין, דאך (וויא איך האב שוין געזאגט) אָט וויל זייא זוכין זיך ארויסצומאכין פון דעם געדאנקען דאס עס גיעבט איין עונש אויף זינד, דארום, ווען זייא ווערין לויז פון דיא געדאנקען וואס האבין זייא בעאונרוהיגט, פאַרהאַרטעווען זייא זייער האַרץ מיט עולם הזה-פרייד און זוכין זיך אַזעליכעס וואס מאכט זייער האַרץ גאנץ טויט.

משיחי: דוא ביסט דעם ענין גאנץ גוט דורכגעגאנגען. וויל דער גרונד פון דעם אללעם איז טאַקי אָט דאס: עס פעהלט בייא דיעזע מענשין איינע אומעָנְדערונג אין זייער נשמה און רָצון. און דארום זיינען זייא גלייך צו יענעם רויבער, וועלכער שטייט פאר'ן שופֵט. ער ציטטערט און איז פולל שרעק, דאס מען וואלט געקענט מיינען ער האט חרטה איבער זיינע זינד און וויל שוין איין עהרליכער מענש ווערין, לסוף ציטטערט ער נאָר פאר דער תְלִיָה. אין האַרצין פיהלט ער ניט איין עקעל געגען זיין זינדיגעם לעבין, און אינֶערליך שעמט ער זיך גאר ניט איבער דאס וואס ער האט געטהון, דען וועט מען איהם נאָר פרייא לאזין, וועט ער ווייטער גנב'נען און רויבין און לעבין וויא ער האט פריהער געלעבט. גאנץ אנדערש וואלט עס אבער מיט איהם געוועזן, ווען אין זיין האַרצין וואלט זיך אללעס געענדערט און ער וואלט איין נייעם רצון בעקומען; נאָר דאמאלסט וואלט אויס איהם אַ גאנץ נייער מענש געווארין.

האפפנונגס-פולל: איך האב דיר געזאגט דיא סיבות

וואָרום זייא גייען צוריק, ווייז דוא מיר איצט וויא אַזוי זייא מאַכין עס.

משיחי: איך וועל עס גאַנץ גערין טהון: ערשטינס, זייא טרייבין אַרויס פֿון זייער מוח אַללעס וואס געפֿינט זיך דאָרט, וועלכעס דערמאַנט זייא נאָך אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אַז מען מוז שטאַרבין און מען מוז דין וחשבון אָפּגעבין. — צווייטינס זייא וואַרפֿין פֿון זיך אַראָפּ אללע פּפֿליכטען פֿון אַבעל אמונה, זייא הערין פֿאַמעלאך אויף תְּפִלָּה צו טהון, זייא הויבין אָן זיך נאָכצוגעבין דיא תַּאוֹת, הערין אויף זיך אָפּצוהיטען פֿון זינד, וכדומה. — דריטטענס, זייא דערווייטערין זיך פֿון דיא חברותא פֿון לעבענדיגע און וואַרמע תלמידים פֿון משיח. — פֿיערטענס, זייא נעהמען קיין טייל ניט אין אמונה־זאַכין וועלכע ווערין געטהון בְּצִבּור, וויא הערין אַ גוט וואָרט, ליינען גאָט'ס וואָרט, אָדער פֿערזאַמעלט זיין מיט גלויביגע מענשין איבער גוטע ענינים צו ריידין, וכדומה. — פֿינפֿטענס, זייא הויבין אָן צו זוכין חסרונות אויף אמת'ע מאמינים, און דאס מאַכין זייא וויא טייוואָלים, דאס עס זאל כלומרש'ט אויסזעהן דאס זייא האָבין אַ רעכט דעם גלויבין צו פֿאַרוואַרפֿין ווייל זייא האָבין חסרונות געפֿונען אויף דיא פֿרומע, טאַקי אויף זייער רוקען. . . . — זעקסטינס, דערנאך זיינען זייא זיך מתחבר צו בעלי תַּאוֹת'ניקעס, ניעדעריגע ברואים און אַזעליכע, וועלכע ריידין נִבוּל פֶּה. — זיעבעטינס, דערנאך הויבין זייא אָז בְּסֵתֶר צו זינדיגען און נִבוּל פֶּה צו ריידין, און זייא פֿרייען זיך זעהר, ווען זייא קענען אַזעליכע עֲבֵרוֹת אויפֿווייזין בייא אַזעליכע וועלכע ווערין בייא דער וועלט געהאַלטין פֿאַר עהרליכע ליוט; כְּדֵי זייא זאָלין טאַקי קענען מיט מעהר עזות טהון, אָט אַללעס וואס עס גלוסט זיך זייא. — אַכטינס, דערנאך הויבין זייא אָן גאָר אָפּפֿען זיך צו שפּיעלען מיט עֲבֵרוֹת. — נייַנטינס, דערנאך ווען זייער האַרץ איז שוין גאַנץ פֿאַרהאַרטעוועט הויבין זייא אָן

אַרויסצווייזין בְּפַּרהסיאבאַללעם וואס זייא זיינען. יאָ, ווען זייא שטעקין ווידער אין דער טיעפֿע גרוב פֿון זינד אוי שמוץ,— ווען זייא ווערין ניט דורך איין וואונדער פֿון גאט גערעטטעט, — בלייבין זייא אויף אייביג פֿארלאָרין אין זייערע זעלבסט־בעטריגערייא.

# צוואַנציגטעס קאַפּיטעל.

איצט האב איך געזעהען אין חלום דאס דיא רייזענדער זיינען שוין אַרוים פֿון „כשוף־לאַנד," און ווען זייא זיינען געקומען צו דער לאנד וועלכע מען רופֿט „זיין־לאַנד," וואו דיא לופֿט איז זייער געזונד און ערפֿרישט, האבין זיך דיא רייזענדער אַצייט לאַנג גוט אונטערהאַלטין און אויסגערוהט; דען דער וועג איז דאָרט געווען זייער גלייך פֿאַר זייא. אויך האבין זייא דאָרט געהערט דאס זינגען פֿון דיא פֿייגיל און האבין געזעהן יעדין טאג דיא שיינע בלומען און רויזין וועלכע בעדעקין דיא ערד, און זייא האבין שוין דעם קול פֿון דעם זומער פֿויגעל געהערט אין יענער לאַנד. און דאָרט אין יענער מדינה שַיינט דיא זון בייא נאַכט וויא בייא טאג, אַזוי זיינען זייא איצט שוין געווען גאַנץ אַרוים פֿון דעם גְבול וואו „טויטין־שאטין" איז אָדער וואו דער ריעז „קיין־האָפֿפֿנונג" קען רייזענדער פּאַקין; און פֿון יענעם אָרט, וואו זייא זיינען איצט געוועזן, האט מען דעם „צווייפֿיל־שלאָס" שוין גאָר ניט געקענט זעהן. דאָ זיינען זייא שוין געוועזן אין דאס לאַנד, וואו מען זעהט שוין דיא שטאדט, וואוהין זייא האבין געוואַנדערט. דאָ האבין זייא אויך באַגעגינט אייניגע מענשין פֿון דיא איינוואָהנער פֿון יענער שטאדט, טאַקי אין דיעזעם לאַנד האבין ליכטיגע ברואים ארום געשפּאַציערט דען עס איז שוין אַן דעם גרענץ פֿון הימעל. דא אין דיעזעם לאַנד זיינען אויך דיא תְנָאים־אַחֲרונים אָבגֶעהאַלטין געוואָרין צווישען חתן כלה, יאָ, דא איז מקוים געוואָרין דאס וואָרט „וויא דער חתן

פֿרייט זיך מיט דער כלה אַזוי וועט זיך גאָט מיט זייא פֿרייען." דא האט קיין קאָרין און קיין ווייַן ניט געפֿעהלט, דען אין דיעזער געגענד האבין דיא רייזענדער געהאַט גענוג און איבעריג פֿון אַללע זאַכין, וועלכע זייא האבין אויף דער גאַנצע רייזע געזוכט. דא האבין זייא געהערט אַ גרויסע שטימע וועלכע רופֿט צו זייא פֿון דער הימלישע שטאדט אַרוים: „זאגט צו דער טאָכטער ציון, זעה, דיינע הילפֿע קומט. דער שָׂכָר איז בייא איהם און זיין ווירקען איז פֿאַר איהם." דא האט מען אַללע איינוואָהנער גערופֿען „דאס הייליגע פֿאָלק, דיא אויסגעלייזטע דורך גאָט."

און טאַקי ווען משיחי און זיין חבר האבין געבֿייזט דורך דיעזעס לאַנד, האבין זייא געהאַט מעהר שמחה פֿון זייער לעבין, וויא אין יענע מקומות וועלכע ליעגען נאָך ווייט פֿון דער הימלישע מלוכה, וואוהין זייא זיינען געגאַנגען. צו־קומענדיג נעהענטער צו דער שטאדט, האבין זייא איהר אַלץ בעססער געזעהן. דיעזע שטאדט איז געווען אויסגעבויעט פֿון פעריל און דיאַמאַנטען, איהרע גאַסין זיינען געווען אויס־געפֿלאַסטערט מיט גאָלד, דאס האט אַזוי געשיינט און געבליצט, און דיא שטראַלען פֿון דער זון וועלכע האבין דאָרט געלויכטעט האבין אַזוי וויט זייער שיין געוואָרפֿין, דאס משיחי'ס האַרץ, ווען ער האט דאס דערזעהן, איז געשפרונגען פֿאַר פֿרייד; אויך „האפֿפֿנונגס-פֿולל" האט פֿאַר לויטער פֿרייד ניט געוואוסט וואס צו טהון. זייא האבין זיך אַ ווילע צוגעזעצט און מיט האַרץ גערופֿען: „ווען איהר וועט געפֿינען מיין געליעבטען, זאגט איהם איך בין פֿאַר ליעבע קראַנק" (שיר השירים ה' ח').

ווען זייא זיינען אַביססעל צו זיך געקומען, זיינען זייא זייער וועג ווייטער געגאַנגען, אימער נאָהענטער צו זייער ציעל. זייא האבין געפֿינען ווייַנגערטנער און גערטנער פֿון אַלערלייא פֵּרות וואס זייערע טהויערין זיינען געעפֿענט געווען צום וועג אין

וועלכין דיא רייזענדער זיינען געגאַנגען. איבעראַלל, וואו זייא זיינען צו אַזא גארטין צוגעקומען, האבין זייא געפֿונען דעם גערטנער שטייענדיג אויפֿין וועג. זייא פֿלעגטין איהם פֿרעגין: וועמען געהערין דיעזע גוטע כּרמים און גערטנער? און דיא גערטנער פֿלעגטין צו ענפֿערין: דיעזע כרמים און גערטנער געהערין דעם מלך, און ער האט זייא געפֿלאַנצט צו זיינעם פֿאַרגניגען, און אויך דאס דיא רייזענדער זאָלין זיך דאָ דערפֿרישען. און אַזוי פֿלעגין דיא גערטנער זייא פֿיהרען אין דיא כּרמים און האבין זייא געפֿרעגט, אויב זייא ווילען זיך דערקוויקען מיט דיא פּירות? אויך האבין דיא גערטנער זייא געוויזען, דיא שיינע וועגין און דיא צעלטין פֿון דעם מלך וואו ער האַלט זיך אויף. דאָרט זיינען משיחי און זיין חבר אַ צייט לאַנג געבליעבען און זיסס געשלאָפֿען. און איך האב געהערט וויא משיחי און זיין חבר האבין אַזוי שלאָפֿענדיג צווישען זיך פֿיעל געשפּראָכין, אַסאַך מעהר וויא פֿריהער אויף זייער גאַנצע רייזע. און וויא איך בין אַזוי געשטאַנען פֿארוואונדערט דאס צוזעהענדיג, האָט זיך דער גערטנער צו מיר אָפּגערופֿען, וואס ביסטו אַזוי דאַריבער פֿאַרוואונדערט? דיא וויינטרויבין פֿון אונזערע כרמים האבין דיא זיססע נאַטור אין זיך, זייערע ליפּען ריידינדיג צו מאַכין אויך ווען זייא שלאָפֿין.

און איך האב געזעהן אין חלום, וויא דיא צווייא רייזענדער האבין זיך דערפֿרישט, האבין זייא זיך גענומען אַרויף גיין אין דיא שטאדט אַריין. נאָר, (וויא איך האב שוין געזאגט), דער שיין פֿון דיא שטראַהלין פֿון דער זון, וועלכע האט געשיינט אויף דיא שטאדט מיט איהרע גאָלדענע גאַסין, האט אַזוי געבליצט אין זייערע אויגין, דאס זייא האבין אַהין נאָך ניט געקענט קוקין אָהן אַ שלייער אויף'ן פנים, וועלכער איז געמאַכט געוואָרין טאַקי צו דיעזען צוועק. און אַזוי האב איך

געזעהן, דאס אַזוי גייענדיג האבין דיא רייזענדער בעגעגינט צוויא מענער וועלכע זיינען געוועזען אַנגעטהון מיט בגדים וואס האבין געגלאַנצט וויא גאָלד, און זייערע פנים'ער האבין געשיינט וויא אַ ליכט. דיעזע מענער האבין זייא געפֿרעגט, פֿון וואו זייא קומען? און דיא רייזענדער האבין עס זייא דער־ציילט. אויך האבין זייא בייא דיא רייזענדער געפֿרעגט אין וועלכע אָרט זייא זיינען איבערנאַכט געוועזין, וועלכע סכנות און נויט, און וועלכע טרייסטונגען און פֿאַרגניגונגען זייא האבין געפֿונען אויף זייער וועג; און דיא רייזענדער האבין זייא אַללעס געזאגט. דאַמאלסט האבין דיא מענער צו זייא געזאגט: זעהט, נאָך צוויא שווערע זאַכין וועט איהר האבין דורכצומאַכין און דערנאָך וועט איהר זיין אין דער הימלישע שטאדט. ד'רויף האבין משיחי און זיין חבר דיא מענער געבעטין זייא זאָלין מיט זייא צוזאַמען גיין, און דיא מענער האבין געענפֿערט: גוט, זייא וועלין עס טהון. „אבער"— האבין זייא צו דיא רייזענדער געזאגט—„אונזער חברותא מוזט איהר דורך אמונה האבין."

און אַזוי האָב איך געזעהן אין חלום, זייא זיינען אַזוי אַללע צוזאַמען געגאַנגען ביז זייא זיינען אַהין צוגעקומען, וואו מען זעהט שוין דעם טהויער. דאָרט, צווישען זייא און דעם טהויער איז אבער געווען אַ טייך,* קיין בריק איז ניט געווען אַריבער צו גיין, און דער טייך איז געווען זייער טיעף. וויא דיא רייזענדער האבין דעם טייך דערזעהן זיינען זייא עפעס און־מוטהיג געוואָרין און עס האט זיך זייא ניט געגלוסט אין טייך צו גיין. דיא צוויא מענער אבער האבין צו זייא געזאגט: „ווען איהר וועט דעם טייך ניט אריבער גיין וועט איהר אין טהויער ניט קענען אַריינקומען." דיא רייזענדער

* דער טיעפֿער טייך פֿאַר דעם הימלישען טהויער איז „דער טויט."

האבין דאמאלטס אנגעהויבין חוקר ודורש צו זיין, אויב עס גיעבט ניט אַ'נאנדער וועג צום טהויער. דאַרויף האבין דיא מענער צו זייא געזאגט, יאָ, עס איז טאַקי דא אַ'נאַנדער וועג אבער עס איז קיין מענשין ניט ערלויבט געוואָרין יענעם וועג צו גיין, אויססער דיא צווייא מענשין, חנוך און אליהו הנביא, און אויף יענעם וועג דאַרף קיינער ניט גיין איידער עס וועט זיך הערין דער קול פון שופר אין דיא ענדע דער צייטין. דאַמאלסט איז עס משיחי'ן און זיין חבר זייער ניט פרייליך געוואָרין אין האַרצין און האבין זיך עפעס געפיהלט גאַנץ ניעדערגעשלאגין. זייא האבין געקוקט און געזוכט אויף אַללע זייטין זייא האבין אבער ניט געקענט איין אַנדער וועג געפינען, וויא נאָר דורך'ן טייך צו גיין. דאַמאלסט האבין זייא בייא דיא מענער געפרעגט אויב דער טייך איז איבעראַלל גלייך טיעף? דאַרויף האבין זייא דיא מענער געענפערט, עס איז ניט אַזוי; אבער זייא קענען זייא דאַרין גאָר ניט העלפין. „דען" — האבין דיא מענער געזאגט — „דאס הייגגט אָפּ פון דעם אייער גלויבין אַן דעם מלך, אָט וויא אייער גלויבין איז, אַזוי וועט דאס וואַססער זיין בייא אייך, מעהר אָדער וויינינער טיעף." נון, האבין דיא רייזענדער אנגעהויביז דעם טייך אַריבער צו גיין; און וויא משיחי איז אין דאס וואַססער אַריינגעקומען האט ער זיך אָנגעהויבין צו ראַנגלען מיט'ן טויט. און האט געשריען צו זיין חבר „איך ווער דערטרונקען אין טיעפען וואַססער, דיא כְּוַואלְיֶעס גייען איבער מיין קאָפּ, אַללע גייען זייא איבער מיך!" „האפּפנונגס-פולל" אבער האט איהם צוגערופען, זייא נאָר געטרייסט און מיט אַ פרייליכעם האַרץ, ברודער משיחי. איך פיהל אונטער מיינע פיס דיא ערד פון דעם טייך און עס גייט גאַנץ גוט. משיחי אבער האט געקרעכצט און געזאגט: „טויטעס אַנגסט איז איבער מיך, מיינע אויגין וועלין ניט ווידער זעהן דאס לאנד וואו עס רינט

מילך און האָניג.״ און וויא ער האט אַזוי גערעדט איז אויף איהם אַ פּחד געקומען און עס איז פֿאַר איהם זעהר דונקעל געוואָרין דאס ער האט ניט מעהר געקענט זעהן וואס פֿאַר איהם איז געשטאַנען. ער האט אויך כמעט אַללע זיינע חושים פֿאַרלאָרין, טאַקי אַזוי, דאס ער האט זיך ניט געקענט דער־מאָנען אָדער ריידין, וויא עס דאַרף צו זיין, פֿין זאַכין וועלכע האבין איהם אויף דער רייזע פֿיעל טרייסט געגעבין. אַללעס וואס ער האט מיט זיינע ליפּען אַרויסגערעדט האבין נאַר דאס איינע געוויעזען, דאס זיין גייסט שרעקט זיך און זיין האַרץ איז אונרוהיג פֿאַר מורא דאס ער וועט קיינמאהל ניט דעם חסד בעקומען, אַריינצוקומען אין טהויער אריין. דא האבין אויך אַללע, וועלכע זיינען אַרום איהם געשטאַנען, דערקענט, דאס אסאַך געדאַנקען איבער זיינע זינד, וועלכע ער האט געטהון אויף דער רייזע און פֿריהער אין זיין היימאט, ברייננגען אויף איהם אַזאַ שרעק. אויך האבין זייא געמערקט דאס ער ציטטערט וויל ער זעהט אין דמיון פֿאַר זיך שֵׁדים און לצים און רוחות רעות; דען ער האט עס דורך ווערטער אַללעווייל מְרַמֵז געווען. און דאַרום טאַקי איז עס זיין חבר „האפּפֿנונגס־פֿולל״ זייער שווער געווען איהם אויף׳ן וואַססער צו האַלטין. צייטינוויז האט מען געמיינט ער (משיחי) איז שוין דערטרונקען געוואָרין און גאַנץ אונטערגעגאַנגען, באַלד אבער ד׳רויף האט מען איהם ווידער דערזעהן אויבין וויא איינער וועלכער האַלט ביים שטאַרבין. „האפּפֿנונגס־פֿולל״ האט זיך בעמיהט איהם צו טרייסטין: „ברודער״ — האט ער געזאגט — „איך זעה דעם טהויער און דיא מענער וועלכע וואַרטין דאָרט אונז אויפֿצונעהמען.״ אבער משיחי האט ד׳רויף געענפֿערט; דוא ביסט עס אויף דעם זייא וואַרטין וויל זייט איך קען דיך ביסטו אימער פֿולל געווען מיט האפּפֿנונג.

האַפּפּנונגס־פּולל: אַזוי ביסטו אויך געווען.

משיחי: אוי, ברודער! ווען איך וואָלט געווען וויא גאָט האט געוואלט, וואלט ער מיר איצט אַרויסגעהאלפֿין פֿון דער נויט. אבער מיינע זינד האבין מיך אין דיעזען טרויעריגען מַעמד געבראַכט, און ער האט מיך פֿארלאזין.

האַפּפּנונגס־פּולל: ברודער! האסטו פֿארגעססין וואס שטייט געשריעבען איבער דיא רשעים „זייא האבין קיינע זאָרגין ווען זייא זיינען ביים שטאַרבין, זייא בלייבין שטייף און פֿעסט, זייא פֿיהלען ניט יענע יסורים וועלכע מענשין ליידין, און זייא זיינען ניט אַזוי פֿאַרוואונדעט וויא אַנדערע מענשין.״ דיא יסורים און דיא נויט וועלכע האבין דיך דא אין דאס טיעפֿע וואססער געטראָפֿין איז קיין צייכין דאס גאָט האט דיך פֿארלאזין. זייא זיינען נאָר געשיקט געווארין דיך אויס־צופּרובירען, אויב דוא וועסט זיך נאך דערמאָנען אַן אַללעס וואס דוא האסט מקבל געווען גוטעס און חסדים פֿון גאָט ב״ה, און אויב דאס וועט דיך אַרויסהעלפֿין פֿון דיינע איצטיגע נויט און שוועריגקייטין.

און איך האב געזעהן וויא משיחי האט איבער דיא ווערטער נאכגעדענקט און איז אַ קורצע ווייל גאַנץ שטיל געווען. און „האַפּפּנונגס־פּולל״ האט צו איהם ווייטער אַזוי געזאגט: זייא געטרייסט און אין גוטען מוט. זעה, ישוע המשיח וועט דיך היילין און פֿריעדען געבין. ביי דיא ווערטער האט משיחי פּלוצלונג אנגעהויבין צו ריידין הויך, און געזאגט: איך פֿרֵיי מיך! איך זעה איהם ווידער און ער זאגט מיר: „ווען דוא גייסט אין וואַססער בין אין מיט דיר, און דיא טייכין וועלין דיך ניט דערטרייגקען.״

איצט האבין זייא ביידע נייעם מוט בעקומען און דער פֿיינד, דער צוֹרר, איז דערנאך שטום געווען וויא אַ שטיין, ביז זייא זיינען ביידע אריבער דעם טייך: דעז משיחי האט

גלייך זיינע פיס געשטעלט אויף דיא ערד פון טייך און פון דאָרט אָן און ווייטער איז דאס וואססער אַלץ ניעדעריגער געווען ביז זייא זיינען אַזוי אַרויסגעקומען אויף דעם אנדערין ברעג, און דאָרט האבין זייא ווידער דערזעהן דיא צווייא ליכטיגע מענער וועלכע האבין דאָרט אויף זייא געוואַרט. וויא זייא זיינען ארויסגעקומען פון טייך האבין דיא מענער זייא צוגערופען אַ פריינדליכען „שלום עליכם," און האבין צו זייא געזאגט: „מיר זיינען גוטע מלאכים, מיר בעדיענען דיא ברידער וועלכע ירשה'נען דיא אייביגע נחלה;" און אַזוי זיינען זייא געגאנגען צום טהויער. איהר מוזט נון וויססען דאס דיא שטאדט איז אויף איין זעהר הויכען באַרג, אבער דיא רייזענדער זיינען אויף דעם באַרג לייכט אַרויפ־געגאנגען, טאַקי וויל זייא האבין איצט בייא זיך געהאט דיא מענער, וועלכע האבין זייא אַהין געפיהרט אונטערין אָרעם, אויך וויל זייא האבין דעם שטאָף פון זייערע קליידער, וועלכער איז בעשטימט געווען אפצושטארבין, אין טייך געלאזין; זייא זיינען טאַקי מיט איהם אין טייך אַריין אבער ארויסגעגאנגען זיינען זייא אָהן איהם. און דארום זיינען זייא אַרויף אויף'ן באַרג זעהר גיך און פלינק, האָטש דער יסוד אויף וועלכען דיא שטאדט איז געבויעט געווארין איז העכער פון דיא וואָלקינס. זייא זיינען דורך דיא לופט דורכגעפלויגין, און בייס אויפשטייגין האבין דיא רייזענדער צווישען זיך מיט פרייליכע הערצער געשפראָכען און זיינען פולל פרייד געווען, דאס זייא זיינען דעם טייך בשלום דורכגעגאנגען, און דאס זייא האבין געהאט אַזעליכע גוטע פריינד צו זייא צו באַלייטין.

מיט דיא מלאכים האבין זייא געשפראָכין איבער דיא שיינקייט פון דעם אָרט, און דיא מלאכים האבין צו זייא געזאגט, דאס דיא פראַכט און דיא שיינקייט פון דעם אָרט קען מען גאר ניט בעשרייבין. „דאָרט"—האבין זייא געזאגט—

„איז דאס הימלישע ירושלים און צעהנטויזענדע פֿון מלאכים און דיא נשמות פֿון דיא הייליגע צדיקים. איהר גייט איצט אין גאט'ס גן עדן וואו איהר וועט זעהן דעם עץ־החיים, און איהר וועט עססין פֿון זיינע פֵּרות וועלכע זיינען איממער פֿריש. ווען איהר וועט דאָרט אנקומען וועט מען אייך געבין ווייססע קליידער, און איהר וועט יעדען טאג גיין און ריידין מיט'ן מלך, און דאס וועט איהר האבין אֵייביג און אֵייביג. דאָרט וועט איהר ניט מעהר זעהן אַזעליכע זאַכין וויא איהר האט געזעהן ווען איהר זייט נאך געוועזן אין דיא שְפָל'דיגע מקומות אויף דער ערד, וויא שמערצין, יסורים, נויט, קראַנקהייטין און טויט; דען אללעס אלטע איז פֿארגאַנגען! איצט גייט איהר צו דיא הייליגע אבות אברהם, יצחק ויעקב און דיא נביאים; מענשין, וועלכע גאט האט זייא אַוועק גענומען איידער דיא צרה קומט, און וועלכע רוהען איצט אין גאט'ס שוים, און וואס יעדער איינער פֿון זֵייא שטייט פֿאר גאט ב"ה גערעכט דורך דעם משיח'ס גערעכטיגקייט. משיחי און זיין חבר האבין בייא דיא מלאכים געפֿרעגט: וואס וועלין מיר אין יענעם הייליגען אָרט טהון? אויף דעם האבין דיא מלאכים געענטפֿערט: דאָרט וועט איהר געטרייסט ווערין און שמחה האבין אנשטאט אייערע יסורים וואס איהר האט ביז אַהער געליטטען. איהר וועט שניידין דאס וואס איהר האט געזֵייט, טאַקי דיא פֵּרות פֿון אייערע תפלות און טרערין, ארימקייט און נויט און יסורים וואס איהר האט געליטטען אויף דעם מלך'ס וועג אום זֵיינעט ווילען. דאָרט וועט איהר זיין אָנגעטהון מיט גאָלדענע קרוינען און איהר וועט תענוג האבין צו זעהן דעם הייליגען פֿון ישראל און אין זיין פנים אייביג קוקין; דען דאָרט וועט איהר דעם משיח זעהן וויא ער איז, און דאָרט וועט איהר איהם אֵייביג דיענען מיט שִירים ותִשבָחות, מיט פֿרייליכע הערצער און מיט זינגעדער

שטימע, טאַקי אַזוי וויא עס האט זיך אייך געגלוסט איהם צו דיענען ווען איהר זייט נאך געווען אויף דער ערד;—(נאָר דאָרט איז עס אייך געגאנגען שווער איבער דיא שוואַכקייט פֿון חומֶר).—דאָרט בייא איהם וועט איהר תענוג האבין צו זעהן און צו הערין גאט'ס זיססען קול; דאָרט וועט איהר אייך פֿרייען אין דער חברותא פֿון אייערע אלטע גוטע פֿריינד, וועלכע זיינען פֿאַר אייך אָנגעקומען, און דאָרט וועט איהר מיט שמחה אויפֿנעהמען אללע, וועלכע וועלין אַהין נאך אייך אנקומען; און דאָרט וועט איהר זיין אָנגעטהון מיט שיינקייט און הערליכקייט און וועט זיצען אין אַ וואָגין וועלכער פּאַסט צו פֿאהרין מיט'ן מלך המלכים. און ווען ער וועט קומען אין וואָלקין מיט דעם גרויסען קול פֿון שופר (צום יום הדין) וועט איהר מיט איהם צוזאַמען קומען, און ווען ער וועט זיצען אויף'ן כסא המשפט וועט איהר מיט איהם צוזאַמען זיצען, און ווען ער וועט משפט'ן אללע רשעים און דיא געפֿאַללענע מלאכים, וועט איהר אויך אייער דֵעָה זאגין אין דיעזען משפט, טאַקי וויל זייא זיינען געווען זיינע און אויך אייערע פֿיינד; און ווען ער וועט צוריק אַרויף אין זיין מלוכה־שטאָדט, וועט איהר אויך אַהין צוריקקומען מיט דעם קול פֿון גרויסין שופר און איהר וועט זיין בייא איהם אֵייביג און אֵייביג."

און וויא זייא זיינען אַזוי אימּמער נאָהנטער צו געקומען זעה, אַ גרויסע מחנה פֿון מלאכים זיינען ארוים זייא מקבל פנים צו זיין, און צו דיעזע מחנה מלאכים האבין זיך דיא צוויי א ליכטיגע מענער אפגערופֿען: „אָט דאס זיינען דיא רייזענדער וועלכע האבין אונזער מלך געליעבט ווען זייא זיינען אויף דער ערד געווען, און האבין אללעס פֿארלאזין אום זיינען הייליגען נאמען ווילען. ער האט אונז געשיקט מיר זאלין זייא צו איהם ברייננגען. מיר האבין זייא געבראכט ביז אַהער אויף זייער רייזע, וועלכע זייא האבין זיך אויסגעווילט, כדי זייא זאלין

אבײן אין דיא שטאדט און זעהן; מיט פֿריד דעם פנים פֿון זײער גואל־צֶדק." דאמאלסט האט דיא גאנצע מחנה מלאכים אנגעהויבין צו זינגען אויף'ן גרויסען קול: „געבענשט זיינען דיא, װעלכע זײנען אײנגעלאדין צו דער חתונה פֿון דעם לאַם און צו דער מאַהלצײט." און אין דיעזען אויגענבליק זײנען אויך אָנגעקומען, זײא מקבל פנים צו זײן, דיא מוזיקאנטען פֿון מלך װעלכע זַײנען אָנגעטהון מיט װײססע און בליצענדע קלײדער, און מיט זײער שטארקין געזאנג און פֿרײליכע מוזיק האבין זײא געמאכט דאס דער גאנצער הימעל האט געזונגען פֿאר פֿרייד. דיעזע מוזיקאנטען האבין משיחי'ן און זיין חבר אויפֿגענומען מיט צעהנטויזענדער ברכות, און מיט אַ שטארקין „ברוך הבא," בײא װעלכין זײא האבין מיט זײערע שופרות שטארק געבלאָזין. דערנאך האבין זײא דיא אורחים גאנץ ארײנגענומען אין זײער מיטען, אַזױ, דאס מלאכים זײנען געגאנגען פֿאר זײא און אונטער זײא און צו רעכטער און לינקער האנד, עֶפֶּעס װיא דיא אורחים צו בעשיצען אויף זײער װעג דורך דיא עולמות הָעֶליוֹנִים. זײא האבין דערצו גֵײענדיג אַזױ שטארק געשפּיעלט און געזונגען, דאס עס האט אין גאנצין אויסגעזעהן, בײא דיא װעלכע האבין אויגין צו זעהן, דאס דער גאנצער הימעל איז געקומען צו דיא אורחים, זײא מקבל פנים צו זײן. און אַזױ איז דיא גאנצע הימלישע מחנה אלץ װײטער געגאנגען, און אַזױ גײענדיג האבין דיא מוזיקאנטען, װעלכע האבין זעהר שײן געשפּיעלט און מיט גרויסער שמחה־געזונגען, געצײגט משיחי'ן און זײן חבר װיא טײער זײא זײנען בײא זײא און װיא זײא פֿרײען זיך, אַזעליכע חברים צו בעקומען. דאס האבין זײא געװיעזען דורך זײערע תְּנועות און דורך דיא װאונקען פֿון זײערע ליכטיגע אויגען. משיחי און זײן חבר זײנען טאַקי שױן איצט געװען װיא אין הימעל, נאך אײדער זײא זײנען דארט ארײנגעקומען; דען

זייא זיינען געוועזן גאנץ אויפגעגאנגען אין דער חברותא פון דיא הייליגע מלאכים און אין זייערע שירים. אויך זיינען זייא שוין געוועזן פאר דיא שטאדט און זייא האבין איהר געזעהן גלייך וויא זייא וואלטין שוין אין איהר געוועזן, אויך האבין זייא עפעם וויא געהערט דיא גלאָקין פון דער שטאדט קלינגען, זייא צו באַגריססען. אבער נאכמעהר, דער פרייליכער געדאנק, דאס זייא וועלין זיין אייביג און אייביג אין דיא חברותא פון אַזעליכע קדושים, האט אין זייער האַרץ אַזאַ גרויסע שמחה געמאכט, וועלכע קיין מענש אין דער וועלט, און קיין שרייבער אדער קינסטלער קען עס בעשרייבין! און מיט דיעזער שמחה אין האַרצין זיינען זייא גלייך צום טהויער צוגעקומען. אויף דעם טהויער האבין זייא דערזעהן געשריעבען מיט גאָלדענע אותיות דיעזע ווערטער: „וואָהל צו יענע מענשין וועלכע טהון זיינע מצות, כדי זייא זאלין האבין דאס רעכט צו עססין פון דיא פרות פון עץ־החיים, און אריינצוקומען דורך דיעזע טהויערין אין דער שטאדט אריין.״

און איך האב געזעהן אין חלום דאס דיא מלאכים האבין זייא געזאגט זייא זאלין ביים טהויער רופען. און וויא משיחי און זיין חבר האבין אַזוי געטהון, האבין איינינע מענער, וועלכע זיינען אויף דעם טהויער געשטאנען, זייא אנגעקוקט,— דאס זיינען געוועזן חנוך, משה און אליהו און נאך אנדערע מיט זייא—און מען האט זייא געזאגט, דאס דיעזע רייזענדער קומען פון דער שטאדט „פאַרדאָרבין״ וויל זייא האבין דעם מלך ליעב געהאט. דאמאלסט האבין משיחי און זיין חבר, זייערע פעסער אָפגעגעבין, וועלכע זייא האבין בעקומען ווען זייא זיינען ארויסגעגאנגען אויף דיא רייזע. דיעזע פעסער האט מען געבראכט פאר׳ן מלך, און ווען ער האט זייא דורכגעקוקט, האט ער געפרעגט, וואו זיינען דיעזע מענער? מען האט איהם געזאגט זייא שטייען נאך דארט פאר׳ן טהויער. דאמאלסט

האט דער מלך בעפֿאָהלען מען זאל גלייך פֿאר זייא עפֿנען דעם טהויער „און עס זאָל אריינקומען דער צדיק וועלכער איז טביי געוועזן.״

דא האב איך געזעהן אין חלום וויאביידע אורחים זיינען אין טהויער אריין, און וויא זייא זיינען אריינגעקומען, זיינען זייא געוואָרין הימלישע בּרואים, און זיינען אָנגעטהון געוואָרין מיט קליידער, וועלכע האבין געשיינט וויא דיא זון. אייניגע לַייט זיינען זייא אויך אנטקעגין געגאנגען מיט כְּלֵי זֶמֶר און מיט קרוינין אין זייער הענד, און האבין דיא אורחים דיא כְּלֵי זֶמֶר געגעבין צום שפּיעלען און גאט צו לויבען, און דיא קרוינען צום אייביגען אנדענקען פֿון מלך המלכים. דאמאלסט האב איך געהערט וויא אללע גלאָקין פֿון דער שטאדט האבין געקלונגען פֿאר גרויסע שמחה, און וויא מען האט צו דיא געסט געזאגט „קומט צו דיא שמחה פֿון אייער האַר.״ און איך האב געהערט וויא משיחי און זיין חבר האבין געזונגען מיט גרויס תענוג: „ברכה און כבוד, שֵׁיינקייט און גבורה איז בייא דעם, וועלכער זיצט אויף׳ן שטוהל און דעם לאַם, אייביג און אייביג!״

אין יענעם אויגענבליק וויא מען האט פֿאר דיא אורחים דעם טהויער געעפֿענט האב איך אַ בליק געגעבין און דיא שטאדט געזעהן, זיא איז פֿולל גלאנץ און שיינט וויא דיא זון, איהרע גאַסין זיינען געפּלאַסטערט מיט גאלד און דיא איינוואָהנער גייען אָנגעטהון מיט גאלדענע קרוינען און אין דיא הענד האלטין זייא צווייגען פֿון טייטילבוימער און גאלדענע כְּלֵי זֶמֶר פֿאר גאט צו שפּיעלען און איהם צו לויבין. אויך זיינען דארט מלאכים, כרובים און שרפים, וועלכע רופֿען איינער צום אנדערין „הייליג, הייליג, הייליג איז גאט דער הערשאַרין.״ דערנאך האט מען דעם טהויער צוגעמאכט. אָ, האב איך געזאגט, איך ווינש מיר אויך דארט צו זיין! געבע גאט,אמן.

Printed at the Operative Jewish Converts' Institution, Palestine House,
Bodney Road, Hackney, N.E.